STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03302

# GEZAMELTE SHRIFTEN

Arthur Schnitzler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org





ארטור שניצלער.

# געזאמעלטע שריפטען

איבערזעצט דורך
ב. ק—י.

רעדאגירט דורך
ה. ד. נאמבערג.

1-טער באנד.

פערלאג
"וועלט-ביבליאטעק".

ווארשא. תרס"ט.

Типографія „Гацефира“ Панска 40.

# די טוידטע שוויגען.

לענגער בלייבען זיצען רוהיג אין וואגאן האט ער נישט געקענט; ער איז ארויסגעגאנגען און האט אנגעהויבען ארומצוגעהן אהין און צוריק. ס'איז שוין געוועזען דונקעל; די עטליכע לאמטערנען-פייער'ן אין דער שטילער, אין דער זייט ליגענדער גאס, האבען זיך געוויגט אהין און אהער, געטריבען פון ווינד. עס האט אויפגעהערט צו רעגנען; די טראטואַרען זענען שוין געוועזען כמעט טרוקען, נאר די נישט-געפלאסטערטע טיילען פון גאס זענען נאך פייכט געוועזען, און אין איינצעלנע ערטער האבען זיך אויסגעבילדעט קליינע לוזשעס.

מאדנע, האט געטראכט פאר זיך פראנץ, ווי מ'קען זיך דא, איננאנצען הונדערט שריט פון דער גרויסער פראטער-גאס, פיהלען פונקט, ווי אין א קלייניקען אונגארישען שטעדטעל. סיי-ווי-סיי — דא קען מען וועניגסטענס רוהיג זיין; דא וועט זי קיינעם פון איהרע בעקאנטע נישט טרעפען.

ער האט א קוק געטאן אויפ'ן זייגער... זיבען — און שוין איז נאכט.

דער הערבסט איז אין דעם יאהר אנגעקומען פריהער. און דער שרעקליכער שטורם-ווינד!

ער האט אויפגעשטעלט דעם קאלנער און אנגעהויבען שנעלער צו געהן אהין און צוריק.

די שייבען פון די לאמטערנעס האבען זיך געטרייסעלט פון ווינד.

נאך א האלבע שעה, — האט ער געזאגט צו זיך — דאן, אויב זי וועט נישט קומען, וועל איך קענען אוועקגעהן. אה — איך וואלט כמעט צופרידען זיין, ווען עס וואלט זיך אזוי אויסלאזען.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט אין ווינקעל; פון דאַנען האָט ער געקענט זעהן ביידע גאַסען, פון וועלכע זי האָט געקענט קומען.

— יאָ, היינט וועט זי בעשטימט קומען, — האָט ער געטראַכט, צוהאַלטענדיג פעסט דעם הוט זיינעם, וועלכער איז געווען בערייט איהם אַראָבצופליהען פון קאָפּ.

— היינט איז פרייטאָג, — דער טאָג פון די געווענ־ליכע זיצונגען, וואָס עס האַלט אָב דער פּראָפעסאָרען־ראַט — היינט וועט זי זיך שוין וואַגען אַרויסצורייסען פון שטוב און וועט אפשר קענען בלייבען דאָ לענגער אַביסעל.

ער האָט דערהערט דאָס קלינגען פון ד״ם שטאָדטישען טראַמוויי; איצט האָט אויך אָנגעהויבען קלינגען דער גלאָק פון דער נאָהנטער קירכע. די גאַס איז אַ ביסל לעבעדיגער געוואָרען. עס האָבען אָנגעהויבען דורכגעהן פערביי איהם פערשידענע מענשען; די מעהרסטע פון זיי, ווי איהם האָט זיך גערדאַכט, פריקאַשציקעס פון די מאַגאַזינען, וואָס ווערען געשלאָסען זיבען דעם זייגער.

אַלע זענען געגאַנגען שנעל און האָבען אַזוי ווי גע־קעמפּפט מיט׳ן ווינד, וואָס האָט זיי שווער געמאַכט דעם וועג און נישט געלאָזען געהן פאָרווערטס. קיינער האָט זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט, נאָר איין פּאָר פּריקאַשציקעס האָבען מיט אַ לייכטער נייגיריגקייט איהם אַ קוק געטאָן אין פּנים. — פּלוצלונג האָט ער דערזעהען אַ בעקאַנטע געשטאַלט צוגעהענדיג צו איהם. ער איז אַנטקעגען געלאָפען. צו־פום? — האָט ער געטראַכט: איז עס נישט זי?

זי איז עס געווען; דערזעהענדיג איהם, האָט זי אָנ־געהויבען שנעלער צו געהן.

— דו ביסט אַזוי געקומען צו־פום? — האָט ער געפרעגט.

— איך האָב אָבגעלאָזען דעם איזוואָשציק נאָך ביי׳ם קאַרל־טעאַטר. מיר האָט זיך גערדאַכט, אַז איך בין שוין איין מאָל געפאָהרען מיט דעם זעלבינען איזוואָשציק.

אַ הערר איז פערביי־געגאַנגען און האָט געוואָרפען אַ פלינקען בליק אויף דער יונגער דאַמע. איהר בעגלייטער האָט איהם שאַרף, כמעט מיט שרעק אָנגעקוקט; דער הערר

אִיז שנעֶל ווײַטעֶר געֶגאַנגעֶן. די יונגע דאַמע האָט אִיהם נאָכגעֶקוקט.

— ווער אִיז עֶס געֶוועֶן? — האָט עֶר זי צורורעֶרט געֶפרעֶגט.

— אִיך קעֶן אִיהם נישט. דאָ וועֶסטו קײן בעֶקאַנטע נישט טרעֶפעֶן, דו קעֶנסט גאַנץ רוהיג זײַן. — אָבעֶר איצט קום שנעֶלעֶר; מיר וועֶלעֶן זיך אַרײַנזעֶצעֶן אין עֶקיפּאַזש.

— אִיז עֶס דעֶן דײַן דראָושקעֶ?

— יאָ.

— אַנ׳אָפּעֶנעֶ?

— מיט אַ שעה צוריק אִיז דעֶר וועֶטעֶר געֶוועֶן נאָך אַזוי שעֶן.

זײַ זעֶנעֶן שנעֶל צו צו׳ם עֶקיפּאַזש; די יונגע פרוי האָט זיך אַרײַנגעֶזעֶצט.

— קוטשעֶר! — האָט אויסגעֶשריעֶן דעֶר יונגעֶר מעֶנש.

— וואו אִיז עֶר דעֶן? האָט געֶפרעֶגט די יונגע פרוי.

פראַנץ האָט זיך אַרומגעֶקוקט אין אַלעֶ זײַטעֶן.

— דאָס אִיז אײַנפאַך נישט צו גלויבעֶן, האָט עֶר אויסגעֶשריעֶן, דעֶר קוטשעֶר האָט זיך ערגעֶץ פעֶרשטעֶקט, און מ׳זעֶהט אִיהם נישט.

— אַה, גאָט מײַנעֶר! — האָט זי לאַנגזאַם אויסגעֶרופעֶן.

— זײַ געֶדולדיג אײן מינוט, קינד, עֶר אִיז געֶוויס דאָ ערגעֶץ.

דעֶר יונגעֶר מאַן אִיז צו־געֶגאַנגעֶן צו דעֶם נאָהנטעֶן טראַקטיר און האָט געֶעֶפעֶנט די אַרײַנגאַנגס־טהיר. דאָ אִיז בײַ אַ טיש געֶזעֶסעֶן דעֶר קוטשעֶר, מיט נאָך עֶטליכעֶ הברים; דעֶרזעֶהעֶנדיג דעֶם יונגעֶן מעֶנשעֶן האָט עֶר זיך ראַש אויפגעֶהויבעֶן.

גלײַך, גנעֶדיגעֶר העֶרר! האָט עֶר געֶזאָגט און אויסגעֶטרונקעֶן שטעֶהעֶנדיג זײַן גלאָז ווײַן.

— וואָס ערלויבט אִיהר זיך עֶס? —

— עֶנטשולדיגט, גנעֶדיגעֶר העֶר! אָט בין אִיך שוין פערטיג. און זיך וואַקלעֶנדיג אַביסל אִיז עֶר שנעֶל צו־געֶגאַנגעֶן צו די פעֶרד.

— וואוהין פאָהרעֶן מיר, גנעֶדיגעֶר העֶר?

— פּראַטער־לוסטהויז.

דער יונגער מאַן האָט זיך אַריינגעזעצט אין דראָזשקע. די יונגע פֿרוי האָט זיך פֿערשטעקט, כמעט איינגעקנורעט, אין ווינקעל אונטער דעם אויפֿגעשטעלטען דאַך.

פֿראַנץ האָט אָנגענומען איהרע ביידע הענד; זי איז געבליבען אונבעוועגליך.

— דו ווילסט מיר אַפֿילו קיין „גוטען אָבענד“ ניט זאָגען?

— איך בעט דיך; לאָז מיך איין מאָמענט רוהיג, איך קען נאָך קוים אָטעמען.

דער יונגער מאַן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין זיין ווינקעל. ביידע האָבען אַ ווײַלע געשוויגען. די דראָשקע איז אַריינגעפֿאָהרען אין דער פּראַטער־גאַס, איז פֿערביי־געפֿאָהרען דעם טעגעטהאָף־מאָנומענט און נאָך עטליכע סעקונדען האָט זי זיך שוין געטראָגען איבער די ברייטע, דונקעלע פּראַטער־אַלעען. איצט נאָר האָט עמאַ פּלוצלונג איינגעשלאָסען איהר געליבטען אין איהרע אָרעמס. ער האָט פֿאָרזיכטיג אויפֿגעהויבען פֿון איהר געזיכט דעם וואַל, וועלכער האָט איהם געשטערט פֿון אָנצוקוקען איהרע ליפּען, און האָט זי געקושט.

— ענדליך, בין איך ווידער מיט דיר! — האָט זי געזאָגט.

— ווייסט דו דען, ווי לאַנג מיר האָבען זיך שוין ניט געזעהען? — האָט ער אויסגערופֿען.

— פֿון זונטאָג אָן.

— יאָ, און דאַן אויך נאָר פֿון ווײַטען.

— ווי אַזוי? דו ביזט דאָך געווען דאַן ביי אונז!

— נו יאָ... ביי אייך. אַה, ווײַטער קען זיך דאָס אזוי ניט ציהען; צו אייך וועל איך שוין איבערהויפּט מעהר ניט קומען. אָבער וואָס איז מיט דיר?

— עפּעס אַ דראָשקע איז אונז דאָ פֿערביי־געפֿאָהרען.

— גלויב מיר, ליעבע מיינע, אַז די, וואָס פֿאָהרען איצט אים פּראַטער שפּאַצירען, אינטערעסירען זיך זעהר וועניג מיט אונז.

— דאָס גלויב איך גערן. אָבער צופעליג קען דאָך איינער אַרײַנקוקען.

— איצט איז אונמעגליך איטיצען צו דערקענען.

— איך בעט דיך, מיר זאָלען פאָהרען ערגעץ אין אַנדער אָרט.

— ווי דו ווילסט.

ער האָט אַ רוף געטאָן דעם קוטשער, דער אָבער האָט איהם, ווי ס׳ווײַזט אויס, גאָר נישט געהערט. דאַן האָט ער זיך אָנגעבויגען עטוואָס פאָראויס און האָט איהם אָנגערירט מיט׳ן האַנד. דער קוטשער האָט זיך אומגעקוקט.

— פערקירעוועט צוריק. און פאַרוואָס טרײַבט איהר אַזוי שטאַרק די פערד? מיר האָבען זיך נישט וואָס צו אײַלען. הערט! מיר פאָהרען אין דער — איהר ווייסט דאָך, די אַלעע, וואָס פיהרט צו דער רײַכס=בריק.

— אויף די רײַכסגאַס?

— יאָ; אָבער טרײַבט נישט אַזוי שטאַרק די פערד, דאָס האָט דאָך קײַן זין נישט.

— ענטשולדיגט, גנעדיגער הער, דער שטורם מאַכט עס די פערד אַזוי ווילד.

— יאָ, געוויס, דער ווינד —

פראַנץ האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זײַן אָרט. דער קוטשער האָט פערקירעוועט די פערד און זיי זענען געפאָהרען צוריק.

— פאַר וואָס האָב איך דיך נעכטען נישט געזעהען? — האָט זי געפרעגט.

— ווי האָב איך דאָס געקענט?

— מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די שוועסטער האָט דיר אויך געלאַדען.

— אַח, יאָ.

— פאַרוואָס ביזט דו נישט געווען?

— ווײַל איך קען עס נישט פערטראָגען, צו זײַן מיט דיר צוזאַמען אין דער געגענוואַרט פון זײַטיגע מענשען; נײַן, איך וועל דאָס שוין קיינמאָל נישט טאָן!

זי האָט געצויגען מיט די אַקסלען.

— וואו זענען מיר עס איצט? — האָט זי געפרעגט. זיי

זענען געפֿאָהרען אונטער דער אײַזענבאַהנ=בריק און אַרײַן איבער דער רײַכסגאַס.

באַלד וועלען מיר פֿערבײַפֿאָהרען דעם גרויסען דונאַי,— האָט ער געזאָגט.— מיר זענען אויף דעם וועג צו דער רײַכסבריקע. דאָ וועסטו בעשטימט קײַן בעקאַנטע נישט טרעפֿען!— האָט ער צוגעגעבען, לאַכענדיג.

— די דראָזשקע טרײַסעלט שרעקליך.

— יאָ, איצט זענען מיר ווידער אויף אַ שטײַנערנעם בריק.

— פֿאַרוואָס דרעהט ער זיך עפּעס אַהין און אַהער?

— עס דאַכט זיך דיר אַזוי.

ער האָט שוין דערנאָך אַלײַן אויך געפֿונען, אַז די דראָזשקע טרײַסעלט זיך שטאַרק און וואַרפֿט זיך צופֿיעל אין אַלע זײַטען.

ער האָט אָבער נישט געוואָלט רעדען דערפֿון, נישט וועלענדיג איהר נאָכמעהר צורודערן.

— איך האָב הײַנט אַ סך און ערנסט מיט דיר צו רעדען, עממאַ.

— אויב אַזוי, מוזט דו שוין אָנהויבען, וואָרום נײַן דעם זײַגער מוז איך אין שטוב זײַן.

— אין צוויי ווערטער קען מען דאָס אַלץ אַרויסזאָגען.

— גאָט מײַנער, וואָס איז דאָס אַזוינס?— האָט זי אויסגעשריען.

די רעדער פֿון דער דראָשקע האָבען זיך געפֿונען אויף די טראַמוויי=רעלסען, און ווען דער קוטשער האָט פּראָבירט אַראָבפֿאָהרען פֿון זיי, האָט זיך די דראָזשקע אַזוי שטאַרק אָנגעבויגען אויף איין זײַט, אַז עס האָט זיך געדאַכט: אָט, אָט פֿאַלט זי אום. פֿראַנץ האָט אָנגעכאַפּט דעם קוטשער פֿאַר׳ן מאַנטעל.

— בלײַבט שטעהן— האָט ער איהם צוגעשריען— איהר זײַט שכּור נעווים!

דער קוטשער האָט מיט צרות אָבגעשטעלט די פֿערד.

— ענטשולדיגט, גנעדיגער הערר—

קום, עממאַ, מיר וועלען דאָ אַרויסשטײַגען

— וואו זענען מיר?

— שוין בײַ דער בריק. דער שטורעם איז שוין אױ' איצט איבערגעגאַנגען. מיר װעלען גײן אַביסעל צו פוס. פאָהרענדיג קען מען נישט רעדען װי דער רעכט איז.

עממאַ האָט אַראָבגעצױגען דעם װאוּאַל איבערן געזיכט און איז איהם נאָכגעגאַנגען.

— און דו זאָגסט, אַז עס איז שוין איצט קײן װינד נישט! — האָט זי אױסגעשריען, שיער נישט אומפאַלענדיג, גלײַך בײַ'ן אַרױסגײן פון דראָשקע, דורך אַ שטאַרקען שטױס פון װינד.

ער האָט גענומען איהר אָרם. פאָהרט אונז נאָך! — האָט ער צוגעשריגען דעם קוטשער.

זײ זענען געגאַנגען פאָראױס. די גאַנצע צײַט, װאָס זײ האָבען זיך דערנענטערט צום בריק, האָבען זײ געשװיגען, און װען זײ האָבען בײדע דערהערט רױשענדיג דעם װאַסער אונטער זיך, זענען זײ אַ װײַלע שטײן געבליבען. אַרום זײ איז געװען טיעף דונקעל. דער ברײטער שטראָם האָט זיך געצױגען, װי אַ גראָהע לענטע װײַט, אין אונבעשטימטע גרענעצען. אין דער װײַטקײַט האָבען זײ געזעהען רױטע פײַערלעך, װאָס האָבען װי געשװעבט איבערן װאַסער און זיך אין איהם אָבגעשפיגעלט. פון דעם נאָהנטען ברעג, װעלכען זײ האָבען נאָר װאָס פערלאָרען, האָבען זיך אַראָבגעלאָזען אינ'ם װאַסער לאַנגע, ציטערנדע ליכטפּאַסען. און פון דער אַנדער זײַט האָט זיך דער שטראָם װי פערלאָרען אין די אַרומיגע שװאַרצע לאָנקעס; פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ װײַטעם דונערן, װאָס איז געקומען אַלץ נעהנטער; נישט־װילענדיג האָבען זײ בײדע אַ קוק געטאָן אין יענער זײַט, װאו עס האָבען געפינקעלט די רױטע פײַערלעך, פון דאָרט האָט זיך געזעהען אַ באַהן־צוג מיט העל־בעלױכטעטע פענסטער, דורכלױפענדיג איבער די אײַזערנע בריק־בױגענס, װעלכע זענען פלוצלונג אױסגעװאַקסען פון דער פינסטערער נאַכט און גלײַך צוריק פערשװאונדען געװאָרען. דער דונער איז װאָס װײַטער אַלץ שטילער געװאָרען, און באַלד איז געװאָרען אינגאַנצען שטיל. נאָר דער װינד האָט אַלע מאָל זיך אױפגעריסען און געשטורמט.

נאָך דעם לאַנגען שװײַגען האָט פראַנץ ענדליך געזאָגט:

— מיר מוזען אוועק פון דאנען.

— בעשטימט — האט עממא שטיל געענטפערט.

— מיר מוזען אוועק פון דאנען, — האט פראנץ לעבעדיג איבער׳געחזר׳ט — אינגאנצען, אויף שטענדיג, מיין איך...

— דאס איז אונמעגליך.

— מיר זענען טרוכען, עממא, דעריבער איז עס אונמעגליך.

— און מיין קינד?

— ער וואלט דיר דאס קינד בעשטימט אוועקגעגעבען, איך בין אין דעם פעסט איבערציינגט.

— און ווי זאל עס זיין? — האט זי שטיל געפרעגט — אנטלויפען פון דאנען ביינאכט אין דער פינסטער?

— ניין, דורכאוים נישט. דו האסט גארנישט צו טהון, מעהר ווי איהם איינפאך צו זאגען, אז דו קענסט ביי איהם לענגער נישט בלייבען, ווייל דו געהערסט אנ׳אנדערן.

— ביזט ביי׳ן קלארען פערשטאנד, פראנץ?

— אויב דו ווילסט, קען איך דיר דאס אויך פערשפארען, — איך וועל עס איהם אליין זאגען.

— דו וועסט עס נישט טהון, פראנץ!

ער האט פראבירט איהר א קוק טאן אין געזיכט; אין דער פינסטערניש אבער האט ער נישט געקענט בעמערקען מעהר ווי דאס, אז זי האט אויפגעהויבען דעם קאפ און איהם אומגעווענדעט אין זיין זייט.

ער האט א ווייל געשוויגען, און דאן רוהיג געזאגט: שרעק זיך נישט, איך וועל עס נישט טאן.

זיי האבען זיך דערנעהנטערט צו דעם אנדער ברעג.

— דו הערסט גארנישט? — האט זי געזאגט, — וואס איז דאס?

— פון יענער זייט פאהרט אימיצער — האט ער געענטפערט.

לאנגזאם האט זיך דערטראגען צו זיי דער טומעל פון דער ווייטער פינסטערניש, און ענטקעגען זיי האט געשוועבט א קליינער, רויטער פייערל; באלד האבען זיי געזעהען, אז דאס קומט פון א קליינער לאמטערנע, וואס איז בעפעסטיגט

צום דײַכסעל פֿון אַ דאָרפֿישען וואָגען, זײַ האָבען אָבער נישט געקענט זעהען, צו דער וואָגען איז בעלאָדיין און צו עס זיצען אויף איהם מענשען. גלײַך פֿון הינטען זענען געפֿאָהרען נאָך צווײַ, דרײַ אזעלכע פֿוהרען. אויף דער לעצטער האָבען זײַ געקענט בעמערקען אַ מענשען, אין אַ פֿויערן־קאָסטיום, וועלכער האָט נאָר וואָס פֿערדרײַבערט זײַן ליולקע; די פֿוהרען זענען פֿערבײַ־געפֿאָהרען. דאָן איז ווײַטער שטיל געוואָרען, און זײַ האָבען ווײַטער גאָרנישט מעהר געהערט, אויסער דעם שטומפּיגען געראויש פֿון דער דראָושקע, וועלכע איז זײַ צוואַנציג טריט פֿון הינטען נאָכגעפֿאָהרען. די בריק האָט זיך איצט לײַכט אָנגעבויגען צו דעם אַנדערען ברעג. זײַ האָבען געזעהען, ווי דער וועג פֿאַר זײַ צווישען בוימער אין פֿינסטערניש לויפֿט ווײַטער. פֿון רעכטס און פֿון לינקס האָבען זיך געצויגען אין דער טיפֿעניש פֿינסטערע לאָנקעס, וועלכע האָבען זיך געוואָלט צו זינקען אין דעם אָוּוענדליבען תהום.

נאָך דעם לאַנגען שווײַגען האָט פֿראַניו פּלוצלונג געזאָגט:

— אַלזאָ דאָס לעצטע מאָל...

— וואָס? — האָט עממאַ גיך געפֿרעגט מיט אַ פֿערוואָרגטען טאָן.

— ... זענען מיר צוזאַמען. בלײַב בײַ איהם. איך געזעגען זיך מיט דיר אויף שטענדיג.

— דו רעדסט עס ערנסט?

— פֿאָלשטענדיג ערנסט.

— אָט זעהסטו.

דו פֿערגיפֿטעסט שטענדיג די פּאָר שעה, וואָס מיר האָבען; נישט איך!

— יאָ, יאָ, דו ביזט גערעכט, — האָט פֿראַניו געזאָגט — קום מיר וועלען פֿאָהרען צוריק.

זי האָט זיך פֿעסטער צוגעדריקט צו איהם.

— ניין, — האָט זי צערטליך געזאָגט — איצט וויל איך נישט. איך וויל נישט דו זאָלסט מיך אַזוי אַוועקטרײַבען.

זי האָט איהם צוגעצויגען צו זיך און איהם לאַנג געקושט.

— וואו וואָלטען מיר אַרויסקומען, ווען מיר זאָלען אַזוי געהן מיט דעם וועג?

— דער וועג פיהרט גלייך קיין פּראַג, מיין קינד!

— אַזוי וויַט דאַרף מען נישט, — האָט זי שמייכלענדיג געזאָגט — אָבער נאָך אַביסל ווייטער קען מען געהן, אויב דו ווילסט.

זי האָט אָנגעוויזען אין׳ם פינסטערניש.

— העַ, קוטשער! — האָט פראַנץ אויסגערופען; יענער אָבער האָט גאָר נישט געהערט.

— שטעהט! — האָט פראַנץ דאַן אויסגעשריען.

די דראָזשקע איז אָבער אַלץ ווייטער געפאָהרען. פראַנץ איז איהר נאָכגעלאָפען; איצט נאָר האָט ער געזעהען, אַז דער קוטשער שלאָפט, און מיט שטאַרקע געשרייען האָט ער איהם אויפגעוועקט.

— מיר ווילען פאָהרען דאָ נאָך אַביסל ווייטער, אויף דעם וועג — איהר פערשטעהט, וואָס מ׳רעדט צו אייך?

— איך הער, גנעדיגער הער, איך פערשטעה...

עממאַ האָט זיך אַריינגעזעצט אין דראָזשקע, און נאָך איהר פראַנץ. דער קוטשער האָט אַ פאָכע געטאָן מיט׳ן בייטש, און די פערד האָבען זיך, ווי משוג׳ענע, ווילד פונאַנדער-געלאָזען איבער דעם זומפיגען וועג. די ביידע אָבער אין דראָזשקע האָבען זיך געהאַלטען איינע די אַנדערע פעסט אומגעאַרמט, ווען זי האָט זיי געוואָרפען אַהין און אַהער.

— אַח, ווי גוט, ווי שען! — האָט עממאַ איהם צוגעפּליסטערט נאָהנט צום מויל.

אין דעם אויגענבליק האָט זיך איהר געדאַכט, אַז די דראָזשקע האָט פּלוצלונג אַ פליה געטאָן אין דער לופטען — זי האָט זיך געפיהלט אַרויסגעוואָרפען. זי האָט געוואָלט זיך אָן עפּעס אָנכאַפּען, איהרע הענד אָבער האָבען אָנגעשעפּט נאָר אַ לעדיגען רוים; איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי טראָגט זיך עפּעס מיט אַ ווילדער געשווינדקייט אין אַ קאַראַהאָד, אַזוי אַז זי האָט געמוזט די אויגען פערמאַכען — און פּלוצלונג האָט זי זיך געפיהלט ליגענדיג אויף דר׳ערד, און אַ אומגעהויערע, שווערע שטילקייט האָט אויסגעבראָכען אַרום איהר,

ריכטיג ווי ווען זי וואלט געווען ווייט פון דער וועלט און אינגאנצען איינזאם. דאן האט זי אנגעהויבען הערען עפעס פערשידענע קולות: א גערויש פון פערדישע קאפיטעס, וואס קלאפען זיך אב אן דר'ערד, גאנץ נאהנט פון איהר און דערשטיקטע קרעכצען; זעהען אבער האט זי קיין זאך נישט געקענט. איהר האט ארומגענומען א טוידליכע אנגסט; זי האט אנגעהויבען שרייען; איהר אנגסט איז געווארען נאך גרעסער, ווייל זי האט איהרע אייגענע געשרייען נישט געהערט. פלוצלונג האט זי קלאר בעגריפען, וואס דא איז געשעהען: די דראזשקע האט זיך אן וואס ס'איז אנגעשטויסען, מסתמא אן איינעם פון די וויארסט-שטיינער, איז אומגעפאלען, און דאן האט עס איהר ארויסגעווארפען. וואו איז ער? איז געווען איהר ערשטער געדאנק. זי האט אויסגעשריען זיין נאמען. און זי האט געהערט, ווי זי שרייט, גאנץ שטיל אפילו, אבער זי האט געהערט. קיין ענטפער איז נישט געקומען. זי האט פראבירט זיך אויפהויבען; דאס איז איהר אזוי שווער אנגעקומען, אז זי איז געבליבען זיצען אויף דר'ערד, און ווען זי האט אויסגעצויגען די הענד, האט זי דערפיהלט נעבען זיך א מענשליכען קערפער. און דאן האט זי געקענט אויך די פינסטערניש דורכדרינגען מיט איהרע אויגען, נעבען איהר איז געלעגען פראנץ, אינגאנצען אונבעוועגליך. זי האט אנגעטאפט מיט איהר אויסגעשטרעקטער האנד זיין געזיכט: זי האט געפיהלט איבער עס פליסענדיג עפעס פייכטעס און ווארעמס. איהר האט פערהאפט דער אטעם. בלוט...? וואס איז דא אזוינס געשעהען? פראנץ איז פערוואונדעט און ליגט בעוואוסטלאז. און דער קוטשער — וואו איז ער? זי האט איהם גערופען; קיין ענטפער האט זיך נישט געהערט. זי איז נאך אלץ אזוי געזעסען אויף דר'ערד. „מיר איז, דאכט זיך, גארנישט געשעהען“,— האט זי געטראכט, חאטש זי האט געפיהלט א וועהטאג אין אלע גלידער. וואס זאל איך טאן, וואס זאל איך איצט טאן... עס איז דאך נישט מעגליך, מיר זאל דא גאר נישט האבען געשעהען.

— פראנץ! — האט זי גערופען.

עפעס א שטימע גאר נאהנט ־אט געענטפערט:

— וואו זײַט איר, גנעדיגעס פֿרײלײַן, וואו איז דער גנעדי׳ הער? ס׳איז דאָך גאָרנישט געשעהען? וואַרטען זײַ, פֿרײלײַן, — אַט צינד איך אָן די לאַמטע־נע, וועט מען קענען עפּעס זעהען. איך ווײס נישט, וואָס איז היינט געוואָרען מיט מײַנע טײַוואָלים. איך בין נישט שולדיג, אויף מײַן וואָרט... זײַ זענען אַרויפֿגעפֿאָהרען אויף אַ הויפֿען שטײנדלעך, די פֿערשאָלטענע פֿערד.

עממאַ איז איצט, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אַלע גלידער האָבען איהר וועה געטהאָן, פֿאָלשטענדיג געקומען צו זיך, און דאָס, וואָס דער קוטשער איז געבליבען נישט בעשעדיגט, האָט איהר אַביסעל בערוהיגט. זי האָט געהערט, ווי ער האָט געעפֿענט דאָס טהירעל פֿון דער לאַמטערנע און אָנגעריבען צינד־העלצלעך. מיט שרעק און אַנגסטען האָט זי געוואַרט אויפֿן פֿײַער. זי האָט נישט געוואַגט נאָכאַמאָל אָנצוריהרען פֿראַנצ׳ן, וועלכער איז געלעגען נעבען איהר אויף דר׳ערד; זי האָט זיך געטראַכט: ווען מ׳זעהט גאָרנישט דאַכט זיך יעדע זאַך שרעקליכער, פֿורכטבאַרער; ער האַלט געוויס די אויגען אָפֿען... עס וועט איהם גאָרנישט זײַן.

פֿון דער זײַט האָט זיך בעוויזען אַ ליכטשטראַהל. זי האָט פּלוצלונג דערזעהען די דראָזשקע, וועלכע איז צו איהר פֿערוואונדערונג גאָרנישט געלעגען אויף דר׳ערד, נאָר געשטאַנען אָנגעבויגען אויף אַ זײַט בײַ׳ן גראָבען פֿון וועג ווי ווען בײַ איהר וואָלט צובראָכען געוואָרען אַ ראָד. די פֿערד זענען געשטאַנען פֿאָלשטענדיג רוהיג. דער פֿײַער־שטראַהל איז צוגעקומען אַלע מאָל נעהנטער; זי האָט געזעהען דעם פֿײַער אַריבערלויפֿענדיג איבער די וויאָרסט־שטײנער, איבער דעם הויפֿען שטײנדלעך, וואָס בײַ׳ן גראָבען; דערנאָך האָט זי געזעהען, ווי ער קריכט אַרויף בײַ פֿראַנצ׳ן אויף די פֿיס, לויפֿט דורך איבער זײַן קערפּער, בעלײַכטעט זײַן געזיכט און בלײַבט דערױף שטעהן. דער קוטשער האָט אַוועקגעשטעלט די לאַמטערנע אויף דר׳ערד, גראַדע בײַ׳ם קאָפּ פֿון דעם ליעגענדען. עממאַ האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף די קניע און האָט געפֿיהלט, אַז איהר האַרץ הערט אויף צו קלאַפּען, ווען זי האָט דערזעהען דאָס געזיכט. עס איז געווען

בלאַס; די אויגען האַלב אָפֿען, אַזוי אַז געזעהען פֿון זיי האָט מען נאָר דאָס ווײַסעל. פֿון דעם רעכטען שלייף האָט זיך לאַנגזאַם געצויגען אַ שטרייף בלוט איבער'ן באַק און זיך פֿאַרלאָרען אונטער'ן קראַגען בײַ'ם האַלז. די אונטערשטע ליפּ איז געווען צוביסען מיט די צענער.

ס'איז נישט מעגליך! — האָט עממאַ געזאָגט צו זיך.

דער קוטשער האָט זיך אויך אַראָבגעלאָזען אויף די קניע און טרויריג אָנגעקוקט דאָס געזיכט; דערנאָך האָט ער מיט ביידע הענד אָנגענומען דעם קאָפּ און האָט איהם אויפֿגעהויבען אין דער הויך.

— וואָס טהוט איהר? — האָט עממאַ אַ געשריי געטהאָן מיט אַ פֿערשטיקטער שטימע, און האָט זיך דערשראָקען פֿאַר דעם קאָפּ, וועלכער האָט זיך ווי אַליין אויפֿגעהויבען.

— גנעדיגעס פֿרוילײַן, מיר שײַנט, אַז דאָ איז אַ גרויסעס אונגליק געשעהען.

— ס'איז נישט אמת, — האָט עממאַ געזאָגט, — עס קען נישט זיין. איז דען אײַך עפּעס געשעהען? און מיר...

דער קוטשער האָט דעם קאָפּ פֿון דעם בעוועגונגסלאָזען פּאַמעליך אַראָבגעלאָזען — בײַ עממאַ'ן אין שויס, און זי האָט געציטערט.

— ווען האָטש ווער ס'איז זאָל איצט צוקומען... ווען האָטש די עטליכע פויערן, וואָס מיר האָבען געטראָפען, וואָלטען פֿערבײַפֿאָהרען דאָ מיט אַ פֿיערטעל שעה שפּעטער...

— וואָס זאָלען מיר דאָ טהאָן? — האָט עממאַ געזאָגט מיט ציטערנדע ליפּען.

— יאָ, פֿרוילײַן, אָט ווען די דראָזשקע וואָלט נישט צובראָכען געווען... אַזוי אָבער, ווי זי איז איצט... מיר מוזען וואַרטען, ביז אימיצער וועט דאָ צוקומען...

ער האָט נאָך ווײַטער גערעדט, עממאַ אָבער האָט זײַנע ווערטער נישט פֿערשטאַנען. אין דער צײַט האָט זי געפֿיהלט, אַז זי קריגט צוריק איהר פֿערשטאַנד, און איצט האָט זי געוואוסט, וואָס זי האָט צו טהאָן.

— ווי ווײַט איז עס ביז צו די נאָהנטסטע הײַזער? — האָט זי געפֿרעגט.

— ס'איז נישט ווײַט, פֿרוילײַן, דאָ באַלד איז דער

פֿראַנק־יאָזעף־דאָרף... ווען ס׳וואָלט געווען ליכטיק, וואָלטען מיר דאָ די הײַזער פֿון דאָרט׳ן געזעהען. דאָס איז פֿינף מינוטען פֿון דאַנען.

— געהט דאָרטען און ברענגט מענשען אַהער, — איך בלײַב דאָ.

— נײַן, פֿרײַלײַן, איך גלויב, אַז ס׳איז בעסער איך זאָל דאָ בלײַבען מיט אײַך — עס וועט דאָך לאַנג נישט דויערן, ביז אימיצער וועט דאָ פֿאָרבײַפֿאָהרען — דאָ איז דאָך אַ דורכפֿאָהר, — און —

— דאַן אָבער וועט עס צו שפּעט זײַן, עס קען שוין דאַן צו שפּעט זײַן; מיר דאַרפֿען אַ דאָקטאָר האָבען.

דער קוטשער האָט פֿריהער אַ קוק געטהאָן אויפֿ׳ן געזיכט פֿון דעם אונבעוועגליכען, דערנאָך אויף עממאַ׳ן, און האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— דאָס קענט איהר נישט וויסען, האָט עממאַ אויסגערופֿען. — און איך אויך נישט.

— אמת, פֿרײַלײַן; וואו אָבער קען איך געפֿינען אַ דאָקטאָר אין פֿראַנק־יאָזעף־דאָרף?

— טאָ זאָל אימיצער פֿון דאָרטין פֿאָהרען אין שטאָדט נאָך אַ דאָקטאָר, און...

— איהר ווײסט וואָס, פֿרײַלײַן? איך גלויב, אַז זײ האָבען דאָרט אַ טעלעפֿאָן. וועט מען קענען טעלעפֿאָנירען אין שטאָדט צו דער „גיכער הילף".

— יאָ, יאָ, דאָס איז אַם בעסטען! אָ געהט, לויפֿט געשווינד, אום גאָטטעס ווילען! און ברענגט־מיט אַהער מענשען... און... איך בעט אײַך, געהט שוין אַמאָל, וואָס שטעהט איהר נאָך דאָ?

דער קוטשער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטהאָן אויף דאָס בלאַסע געזיכט, וואָס איז געלעגען בײַ עממאַ׳ן אויפֿ׳ן שויס.

— די גיכע הילף, דער דאָקטאָר — דאָס אַלץ וועט שוין דאָ אַ סך העלפֿען.

— געהט! אום גאָטטעס ווילען! געהט שוין!

— איך געה שוין — נאָר איהר שרעקט זיך נישט דאָ, פֿרײַלײַן, אַלײן אין דער פֿינסטער... און ער האָט זיך מיט

שנעלע טריט געלאָזען געהן איבער'ן וועג, „וואָס מענשען קען איינפאַלען, — האָט ער געמורמעלט צו זיך — נאָך האַלבע נאַכט אין דער רייכסשטראַסע צו פאָהרען...״

עממאַ איז געבליבען מיט דעם בעוועגונגס־לאָזען אַליין אויף דעם פינסטערן וועג. וואָס איז איצט? — האָט זי געטראַכט. דאָס איז דאָך נישט מעגליך, — איז איהר ווייטער דורכגעפלויגען אין געדאַנקען, — דאָס קען דאָך נישט זיין. איהר האָט זיך פּלוצלונג אָנגעהויבען דאַכטען, אַז אימיצער אָטעמט נעבען איהר. זי האָט זיך אַראָבגעבויגען צו די בלאַסע ליפּען; ניין, פון דאַנען האָט זיך קיין אָטעם נישט געהערט. דאָס בלוט אויף די באַקען און שלייפען האָט אויסגעזעהען ווי פערטריקענט. זי האָט זיך טיף איינגעקוקט אין די אויגען זיינע, אין די לעבענסלאָזע אויגען, און האָט אַ ציטער געטאָן... פאַרוואָס גלויב איך עס נישט — ס'איז בעשטימט אַזוי... ס'איז דער טויט! און אַ שוידער איז איהר דורכגעלאָפען איבער'ן לייב. זי האָט אַלץ דייטליכער געפיהלט, אַז פאַר איהר ליגט אַ טוידטער. איך און אַ טוידטער, דער טוידטער ביי מיר אויפ'ן שויס. און מיט ציטערנדע הענד האָט זי אַוועקגערוקט דעם קאָפּ, אַזוי, אַז ער איז צוריק געלעגען אויף דר'ערד. און איצט ערשט האָט איהר אַרומגענומען אַ געפיהל פון שרעקליכער איינזאַמקייט. צו וואָס האָט זי דעם קוטשער אַוועק געשיקט? ווי נאַריש דאָס איז געוועזען! וואָס זאָל זי איצט אָנהויבען טהאָן אַליין אויפ'ן וועג מיט דעם טוידטען קערפּער? אויב מענשען וועלען קומען... יאָ, וואָס זאָל זי טהאָן, אויב מענשען וועלען קומען? און ווי לאַנג וועט זי דאָ דאַרפען וואַרטען? זי האָט ווידער אַ קוק געטהאָן אויפ'ן טוידטען. איך בין נישט אַליין מיט איהם, איז איהר איינגעפאַלען. דאָס ליכט איז דאָך אויך דאָ. און עס האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט דאָס ליכט, ווי עפּעס ליבעס און פריינדליכעס, וואָס זי דאַרף איהם דאַנקבאַר זיין. אין דעם קליינעם פייער'ל איז געוועזען מעהר לעבען, ווי אין דער גאַנצער ווייטער נאַכט אַרום איהר... איהר האָט זיך זאָגאַר געדאַכט, אַז דאָס קליינע פייערל שיצט איהר פון דעם בלאַסען שרעקליכען מענשען, וואָס ליעגט דאָ נעבען איהר אויף דר'ערד... און זי האָט אַזוי לאַנג געקוקט אויפ'ן פייערל, ביז עס האָט איהר

אנגעהויבען צו פינקלען אין די אויגען, ביז עס האט אנגעהויבען דאס ליכט צו טאנצען און זיך צו קערען. און פלוצלונג האט זי זיך געפיהלט, ווי ערוואכענדיג פון א טיפען שלאף. זי איז אויפגעשפרונגען! ניין, דאס דארף נישט זיין. דאס איז אונמעגליך, קיינער דארף מיך דא נישט געפינען מיט איהם... איהר האט זיך געדאכט, אז זי זעהט זיך איצט אליין שטעהענדיג דא אויפ'ן וועג, אז זי זעהט ביי איהרע פיס דעם טוידטען און דאס ליכט, און זי האט זיך אויסגעזעהען אונגעהויער גרויס אין דאס ארומיגע פינסטערניש. אויף וואס ווארט איך, האט זי געטראכט, און איהרע געדאנקען זענען שנעל געלאפען... אויף וואס ווארט איך? אויף מענשען? — אויף וואס דארפען זיי מיך? די מענשען וועלען קומען און פרעגען... און איך... וואס טהו איך דא? ווער בין איך, וועלען אלע פרעגען. וואס זאל איך זיי ענטפערן? גאר נישט. איך וועל קיין איין ווארט נישט רעדען, ווען זיי וועלען קומען. שווייגען וועל איך, קיין איין ווארט... זיי קענען מיך דאך נישט צווינגען צום רעדען.

פון ווייטען האבען זיך געהערט שטימען.

שוין? — האט זי געטראכט, און מיט שרעק זיך איינגעהערט. די שטימען זענען געקומען פון בריק. דאס זענען אלזא נישט די מענשען, וואס דער קוטשער האט געבראכט. אבער ווער זיי זאלען נישט זיין — דאס ליכט וועלען זיי יעדענפאלס בעמערקען — און דאס דארף נישט זיין, ווארום דאן איז זי ענטדעקט.

און זי האט א שטויס געטהאן מיט'ן פוס די לאנטערנע; דאס פייער האט זיך אויסגעלאשען. איצט איז זי געשטאנען איינגעהילט אין א טיפער פינסטערניש, נישט זעהענדיג ארום זיך גארנישט; אויך איהם האט זי מעהר נישט געזעהען. נאר דער ווייסער הויפען שטיינדלעך האט זיך יא עטוואס אבגעטיילט פון דער פינסטערניש. די שטימען זענען צוגעקומען נעהנטער. זי האט אנגעהויבען צו ציטערן מיט'ן גאנצען קערפער. נאר מ'זאל מיך נישט בעמערקען דא! אח, אום גאטעס ווילען, דאס איז דאס איינציגע, וואס איז וויכטיג, ווייטער איז אלץ גארנישט — זי איז דאך פערלארען אויפ'ן גאנצען לעבען, אויב אימיצער וועט זיך דא דערוויסען, אז

זי איז די געליעבטע פֿון ... זי האָט קראַמפּפֿהאַפֿט צונויפֿגע־לעגט די הענד, און האָט גאָט געבעטען, אַז די מענשען אויף דער אַנדערער זייט זאָלען גיכער אַריבערגעהן און זאָלען זי נישט באַמערקען. זי האָט זיך איינגעהערט. יאָ, מ׳געהט פֿון יענער זייט... וואָס רעדען זיי דאָרט? ... דאָס זענען צוויי אָדער דריי פֿרויען... זיי האָבען באַמערקט די דראָזשקע, דאָס רעדען זיי איצט וועגען איהר; זי הערט די ווערטער ... אַ וואָגען ... אומגעפֿאַלען ... וואָס נאָך זאָגען זיי? ... זי האָט עס נישט דערהערט. זיי געהען ווייטער ... זיי זענען פֿערבייגעגאַנגען ... אַה, גאָט צו דאַנקען! און איצט? איצט וואָס איז? אַה, פֿאַרוואָס איז זי אויך נישט אַזוי טוירט, ווי ער? איהם איז מקנא צו זיין, פֿאַר איהם איז שוין אַלץ אַריבער... ער האָט שוין נישט פֿאַרוואָס מורא צו האָבען און פֿאַר איהם איז שוין קיין שום געפֿאַהר נישטאָ. זי אָבער ציטערט פֿאַר אַ סך זאַכען. זי האָט מורא, מ׳זאָל זי דאָ נישט געפֿינען, מ׳זאָל זי נישט פֿרעגען: ווער זייט איהר? ... מ׳זאָל זי נישט נעהמען אין דער פּאָליציי, מ׳זאָל נישט ערפֿאַהרען אומעטום, אַז איהר מאַן — איז איהר קינד —

און זי בעגרייפֿט נישט, פֿאַר וואָס איז זי דאָ אַזוי לאַנג געשטאַנען ווי צוגעשמידט... זי קען דאָך אַוועקגעהן... זי נוצט דאָך קיינעם נישט דאָ, און זיך אַליין מאַכט זי אונגליקליך.

זי האָט געמאַכט איין טריט פֿאָראויס... פֿאָרזיכטיג... זי מוז זיך אַריבערקריכען איבערן גראָבען... אַריבער... איין טריט אַרויף... ע... ווי ס׳איז פֿייכט די ערד! נאָך צוויי טריט און זי וועט שטעהן אויפֿ׳ן מיטען וועג... דאַן האָט זי זיך אויף אַ סעקונדע אָבגעשטעלט און גע־קוקט פֿאַר זיך. זי קען איצט געהן אויך אין דער פֿינסטער מיט דעם גראָהען וועג. דאָרט... דאָרט איז די שטאָדט... זי קען נישט זעהען פֿון איהר גאָרנישט... די ריכטונג אָבער צום שטאָדט איז איהר קלאָר. זי האָט נאָכאַמאָל אומגעקוקט. ס׳איז גאָרנישט אַזוי פֿינסטער. זי זעהט די דראָזשקע גאַנץ קלאָר; די פֿערד אויך... און ווען זי שטרענגט אָן שטאַרק איהר בליק, קען זי בעמערקען אויך עפּעס ווי די פֿאָרם

פֿון אַ מענשליכען קערפּער, וואָס ליעגט אויף דר'ערד. זי
עפֿענט ברייט פֿונאַנדער די אויגען; איהר שטעלט זיך פֿאָר,
עפּעס אַנ'אונזיכטבאַרע קראַפֿט ציהט זי צוריק... און איהר
דאַכט זיך, אַז ער איז עס, דער וואָס וויל זי דאָ פֿערהאַל-
טען, און זי פֿיהלט זיין מאַכט... זי מאַכט זיך אָבער פֿריי
איבערה געוואַלט, און איצט זעהט זי, — אַז די ערד אונטער
איהרע פֿיס איז זעהר — פֿייכט, אַז זי שטעהט אויף אַ גלי-
טשיגען וועג, און די בלאָטע לאָזט זי נישט געהן ווייטער.
נאָר אָט אָבער געהט זי... געהט וואָס ווייטער אַלץ געשווינ-
דער... זי לויפֿט... און אַוועק פֿון דאַנען... צוריק... צו
דער ליכטיגקייט, צום טומעל צו מענשען!

זי לויפֿט אָב די גאַנצע גאַס, האַלטענדיג דאָס קלייד
אויפֿגעהויבען, אום נישט צו פֿאַלען. דער ווינד בלאָזט
איהר אין פּלייצע, ווי ער וואָלט זי טרייבען פֿאָראויס. זי
ווייס שוין איצט נישט ריכטיג, פֿון וואָס זי אַנטלויפֿט.
איהר שטעלט זיך פֿאַר, אַז זי אַנטלויפֿט פֿון יענעם בלייכען
מענשען, וואָס ליעגט דאָרט, ווייט הינטער איהר, נעבען
דעם גראָבען... דערנאָך פֿאַלט איהר איין, אַז זי אַנטלויפֿט
פֿון די לעבעדיגע, וואָס וועלען דאָרט באַלד זיין. וואָס וועט
לען זיי טראַכטען וועגען איהר? וועט מען איהר נישט נאָכ-
לויפֿען? מ'וועט איהר שוין אָבער נישט דעריאָגען; אָט איז
זי שוין ביי'ן בריק. זי דאַרף זיך נאָר אַריבערחאַפּען אי-
בער'ן בריק, און דאַן איז שוין קיין געפֿאַהר נישטאָ. קיי-
נעם קען דאָך נישט איינפֿאַלען, ווער זי איז; קיין לעבעדי-
גער נפֿש קען דאָך נישט טרעפֿען, ווער ס'איז געוועזען די
פֿרוי, וואָס איז געפֿאָהרען מיט יענעם הערר איבער דער רייכס-
גאַס. דער קוטשער קען זי נישט, ער וועט זי נישט דער-
קענען, אפֿילו ווען ער וועט זי אַמאָל זעהען. מ'וועט זיך
גאָרנישט קימערן אַזוי ווייט צו וויסען, ווער זי איז געוועזען.
וועמען געהט עס אָן? וועמען אַרט עס? — זיזהר קלוג האָט
זי געטאָן, וואָס זי איז דאָרט נישט געבליבען, און ס'איז
גאָרנישט קיין פֿערברעך אויך. פֿראַנץ אַליין וואָלט איהר
רעכט געגעבען. זי מוז דאָך אין דערהיים געהן, זי האָט אַ
קינד, זי האָט אַ מאַן; זי וואָלט דאָך פֿערלאָרען געגאַנגען,
ווען מ'וואָלט זי געפֿונען ביי איהר טוידטען געליעבטען. אָט

אין די בריק, די גאַס ווערט ליכטיגער... אָט הערט זי שוין דאָס וואַסער שען, ווי פריהער; אָט איז זי דאָ, וואו זי איז געגאַנגען מיט איהם אָרם אין אָרם — ווען איז עס געוועזען? מיט וויפיל שעה צוריק? ס'איז מסתמא נאָך נישט לאַנג. נישט לאַנג? אפשר! אפשר איז זי לאַנג געלעגען בעוואוסטלאָז; אפשר איז שוין לאַנג נאָך האַלבער נאַכט; אפשר ווערט שוין באַלד טאָג, און אין דער היים האָט מען זיך שוין געכאַפּט? ניין, ניין, דאָס איז נישט מעגליך; זי פיהלט, אַז זי איז גאָרנישט געוועזען בעוואוסטלאָז; זי דערמאָהנט זיך איצט גענויער און דייטליכער אַלס אין דעם ערשטען מאָמענט, ווי זי איז אַרויסגעפאַלען פון וואָגען און ווי זי האָט גלייך בעגריפען אַלץ, וואָס עס איז געשעהען. זי לויפט איבער'ן בריק און הערט דעם קלאַפּען פון איהרע אייגענע טריט; זי קוקט נישט אין די זייטען. פלוצלונג בעמערקט זי עפּעס אַ געשטאַלט איהר ענטקעגען קומענדיג. זי הויבט אָן געהן לאַנגזאַמער. ווער קען עס זיין, דער וואָס געהט איהר ענטקעגען? ס'איז עפּעס איינער אין אַ אוניפאָרם. זי געהט זעהר לאַנגזאַם. זי דאַרף נישט צוציהען אויף זיך קיין אויפמערקזאַמקייט. איהר דאַכט זיך, אַז דער מענש קוקט עפּעס שטאַרק אויף איהר. וואָס וועט זיין, אויב ער וועט איהר פרעגען? זי איז נעבען איהם, און דערקענט דעם מונדיר; עס איז אַ פאָליציי=מאַן; זי געהט איהם פערביי. זי הערט, אַז ער איז הינטער איהר שטעהן געבליבען. מיט מאַטערניש האַלט זי זיך אָב פון אָנהויבען צוריק צו לויפען; דאָס וואָלט געוועזען פערדעכטיג. זי געהט נאָך אַלץ אַזוי פאַמעליך ווי פריהער; זי הערט דאָס קלינגען פון'ם טראַמוויי. הייסט עס, אַז ס'איז נאָך ווייט צו האַלבע נאַכט. איצט געהט זי ווידער שנעלער. זי איילט זיך אין שטאָדט אַריין, די פייערלעך פון וועלכער עס האָבען איהר נאָך ענטקעגען געפינקעלט אונטער דעם געוועלב פון דער אייזענבאַהן=בריק, דעם טומעל פון וועלכער זי הויבט שוין אָן צו הערען. נאָך די שטילע געסיל דאַרף זי איבערגעהן, דאַן איז זי געראַטעוועט. איצט הערט זי פון ווייטען דורכדרינגענדע פייפען, אַלץ דורכדרינגענדער אַלץ נעהנטער; אַ וואָגען איז פערביי איהר דורכגעלאָפען. נישט ווילענדיג בלייבט זי שטעהן און קוקט איהם נאָך.

דאס איז דער וואגען פון דער „גיכער הילף". זי ווייס, וואוהין ער פאהרט. ווי שנעל! טראכט זי... ס'איז ווי עפעס מיט א כשוף. אין דער ערשטער מינוט דאכט זיך איהר, אז זי דארף די מענשען נאכשרייען, אז זי דארף זיי נאכלויפען, אז זי דארף זיך אומקעהרען צוריק פון וואנען זי איז איצט ענטלאפען — דאן נעמט איהר ארום א אונגעהויערע חרפה, אזא חרפה, וואס זי האט נאך קיינמאל אין לעבען נישט געפיהלט; און זי ווייס, אז זי האט דא געהאנדעלט שלעכט און מאוס. צוזאמען אבער דערמיט, ווי דאס קלאפען פון די רעדער און די פייפערייען הערען זיך אלץ שוואכער און שוואכער, חאפט זי ארום א ווילדע שמחה, און ווי א געראטעוועטע לויפט זי שנעל פאראויס. מענשען קומען איהר אן ענטקעגען; זי שרעקט זיך שוין מעהר נישט פאר זיי — דאס שווערסטע איז זי שוין איבערגעקומען. דער ליארם פון שטאדט הערט זיך אלץ דייטליכער, עס ווערט איהר וואס ווייטער אלץ ליכטיגער; אט זעהט זי שוין די רייהע הייזער פון דער פראטער-גאס, און איהר דאכט זיך, אז דארט פאראויס ווארט אויף איהר א חוואליע פון מענשען, אין וועלכער זי דארף שפורלאז פערשוואונדען ווערען.

צוקומענדיג צו דער ערשטער גאסען-לאמטערנע, איז זי שוין אויף אזוי פיל רוהיג, אז זי קען א קוק טהאן, וויפיל דער זייגער איז. ס'איז צעהן מינוטען פאר נייַן. זי נעמט דעם זייגעריל צום אויער — ער האט זיך נישט אבגעשטעלט, ער געהט. און זי טראכט: איך בין לעבעדיג... געזונד... מיין זייגעריל אפילו האט נישט אויפגעהערט צו געהן... און ער... ער... טוידט... שיקזאל... זי פיהלט זיך, ווי ווען אלץ וואלט איהר פערגעבען געווארען... ווי ווען זי וואלט גאר קיינמאל אויף זיך קיין שולד נישט געהאט. יא, עס איז אזוי, אזוי איז עס! זי הערט, ווי זי רעדט ארויס די ווערטער אויפ'ן קול. נו, און ווען דאס שיקזאל וואלט עס אנדערש געמאכט? און ווען זי וואלט איצט ליגען דארט ביי'ם גראבען און ער וואלט לעבען געבליבען? ער וואלט נישט אוועק געפלויגען, ניין... ער וואלט עס נישט געטאן. נו יא, ער איז דאך א מאנספערזאן. זי איז א ווייב — און זי האט א קינד און א מאן. — זי האט רעכט געהאט, — ס'איז

איהר פּליכט, יאָ, איהר פּליכט! זי ווייס גאַנץ גוט, אַז זי האָט עס געטאָן נישט צוליב דער פּליכט... דערווייל אָבער האָט זי דאָך פאָרט געטאָן, ווי מ׳האָט געדאַרפט טהאָן... נישט ווילענדיג... ווי... גוטע מענשען טהוען שטענדיג. איצט וואָלט זי שוין ענטדעקט געווען. די דאָקטוירים וואָלטען זי געפרעגט: „און אייער מאַן גנעדיגע פרוי?" אָה גאָט!... און די צייטונגען מאָרגען... און די פאַמיליע... זי וואָלט אויף שטענדיג פערלאָרען געגאַנגען און ער וואָלט דאָך דערפון נישט לעבעדיג געוואָרען. יאָ, דאָס איז געווען די הויפּט זאַך; זי וואָלט צו גרונד געגאַנגען און קיינער וואָלט דערפון קיין נוצען נישט געהאַט. — זי איז אונטער דער אייזענבאַהן־בריק. — ווייטער... ווייטער... אָט איז דער טענעטהאָף־מאָנומענט, וואו עס קומען זיך צוזאַמען אַ גאַנצע רייהע גאַסען. היינט, אין דעם רעגענדיגען, ווינדיגען הערבסט־אָבענד, זענען דאָ וועניג מענשען אין די גאַסען, איהר אָבער שטעלט זיך פאָר, אַז דאָס לעבען פון שטאָדט קאָכט און בראויזט אַרום איהר; וואָרום דאָרט, פון וואַנען זי איז געקומען, האָט געהערשט די שרעקליכסטע שטילקייט. זי האָט צייט. זי ווייס, אַז איהר מאַן וועט היינט ערשט אַרום צעהן קומען אַהיים — זי וועט נאָך בעוויזען אפילו זיך איבערצוקליידען. איצט איז איהר איינגעפאַלען, איהר קלייד צו בעטראַכטען, און מיט שרעק האָט זי געזעהען, אַז זי איז דורך און דורך איינגעשמוצט, וואָס וועט זי זאָגען דער שטובּמעדעל? און עס שטעלט זיך איהר פאָר, אַז מאָרגען וועט די געשיכטע פון דעם אונגליקספאַל בעשריבען זיין אין אַלע צייטונגען; מ׳וועט שרייבען, אַז מיט איהם צוזאַמען איז געפאָהרען פריהער אַ פרוי, נאָר דערנאָך איז זי פערשוואונדען געוואָרען. און ביי דעם געדאַנק וואַכט זי אויף פון ס׳גיי — איין אונפאָרזיכטיגקייט, און אַלץ איז פערלאָרען. זי האָט אָבער דעם שליסעל פון וואָהנונג ביי זיך; זי וועט אַליין עפענען די טהיר; — קיינער וועט זי נישט הערען אַריינגעהענדיג. זי זעצט זיך שנעל אַריין אין אַ דראָשקע און וויל שוין אָנגעבען איהר אַדרעסע, זי כאַפּט זיך אָבער באַלד, אַז דאָס וואָלט געווען נאַרעש, און זי רופט איהם אָן אַ נאָמען פון אַ גאַס, וואָס איז איהר נאָר וואָס איינגעפאַלען.

פֿערבײַפֿאָהרענדיג די פּראַטער=גאַס, וואָלט זי גערן געוואָלט עפּעס שטאַרקעס דערפֿיהלען, זי קען עס אָבער נישט. זי פֿיהלט נאָר, אַז זי האָט איין פֿערלאַנג: אין שטוב זיין, אין דער זיכערקייט. אַלעס אַנדערע איז איהר גלייכגילטיג.

אין דעם אויגענבליק, וואָס זי האָט בײַ זיך בעשלאָסען צו לאָזען דעם טוידטען ליגען אַליין אויפ׳ן וועג, האָט בײַ איהר אין האַרצען געמוזט פֿערשטומט ווערען אַלץ, וואָס עס האָט געדאַרפֿט וויינען און יאָמערן נאָך איהם. זי קען איצט קיין שום אַנדער זאַך נישט פֿיהלען, אויסער די זאָרגען וועגען זיך, זי איז דאָך נישט אָהן אַ האַרץ... אָה ניין!... זי ווייס גאַנץ געוויס, אַז עס וועלען קומען אַזעלכע טעג, ווען זי וועט פֿערצווייפֿעלט זיין און וויינען נאָך איהם; ס׳קען זיין, אַז אָט די פֿערצווייפֿלונג וועט איהר ברענגען אַ פֿריהצייטיגען טויט. אין דעם איצטיגען מאָמענט אָבער פֿיהלט זי נישט קיין אַנדער זאַך אויסער דאָס — מיט טרוקענע אויגען און רוהיג וואָס געשווינדער אין שטוב צו זיצען בײַ׳ם זעלביגען טיש, צוזאַמען מיט איהר מאַן און קינד. זי קוקט אַרויס דורכ׳ן פֿענסטער. די דראָשקע פֿאָהרט אין רעכטען מיטען שטאָדט. דאָ איז אַלץ העל בעלויכטען, און אַ סך מענשען געהען פֿערבײַ. עס פֿאַלט איהר דאָ פּלוצלונג איין, אַז אַלץ, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין די לעצטע שטונדען, איז גאָרנישט אמת. ווי אַ בעזער חלום האָט עס זיך איהר פֿאָרגעשטעלט... וואָס איז אונמעגליך אין דער ווירקליכקייט, אונמעגליך און אונבעגרייפֿבאַר. אין אַ זייטיגער געסיל פֿון רינג הייסט זי דעם קוטשער זיך אָבשטעלען, געהט אַרויס פֿון דראָשקע און פֿערדרעהט זיך שנעל אין דאָג גאַס. דאָרט נעמט זי אַנ׳אַנדער דראָשקע, און זאָגט שוין דעם קוטשער איהר ריכטיגע אַדרעסע. איהר שטעלט זיך פֿאָר, אַז זי איז איצט איבערהויפּט נישט מעהר פֿעהיג עפּעס צו בעגרייפֿען, עפּעס אַ געדאַנקען צו פֿאַסען. וואו איז ער איצט? — פֿליהט איהר פּלוצלונג דורך אין קאָפּ.

זי פֿערמאַכט די אויגען און זעהט איהם ליגענדיג אויף אַ טראָג=ברעט, אינ׳ם קראַנקען=וואָגען — און פּלוצלונג, דאַכט זיך איהר, אַז זי זיצט נעבען איהם, און זי פֿאָהרט מיט איהם. די דראָשקע הויבט זיך אָן צו טרייסלען, און זי שרעקט זיך,

עס זאָל איהר איצט ווײַטער נישט אַרויסוואַרפֿען ווי פֿריהער, און — זי שרײַט אויס. דאָ בלײַבט די דראָשקע שטעהן. זי טוט אַ ציטער; אָט איז דאָס טויער פֿון איהר הויז.

שנעל געהט זי אַרויס פֿון דראָשקע, לויפֿט דורך דעם קאָרידאָר מיט שטילע טריט, אַזוי, אַז דער שווייצער אפילו בעמערקט זי נישט פֿון זײַן פֿענסטעריל; זי געהט אַרויף אויף די טרעפּ, עפֿענט אין דער שטיל די טיר, און שטילינקערהייד גנב'ט זי זיך אַרײַן דורכ'ן פֿאָרצימער אין איהר צימער — ס'איז געלונגען! — זי מאַכט ליכטיג, וואַרפֿט שנעל אַראָב פֿון זיך איהרע קליידער און בעהאַלט זיי גוט אין שראַנק.

איבער נאַכט וועלען זיי זיך אויסטריקענען; מאָרגען וועל איך זיי אַליין אויסבאַרשטען און ריין מאַכען. דאַן וואַשט זי זיך אַרום דאָס געזיכט און די הענד און טוט אָן אַ שלאָפֿראָק.

אין פֿאָרהויז הערט זיך קלינגענדיג. זי הערט, ווי דאָס שטוב־מעדעל געהט צו צום טיר און עפֿענט זי אויף. זי הערט די שטימע פֿון איהר מאַן; זי הערט, ווי ער שטעלט אַוועק זײַן שטעקען. זי פֿיהלט, אַז זי מוז איצט שטאַרק זײַן, אויב נישט קען נאָך די גאַנצע אַנשטרענגונג אומזיסט זײַן. זי לויפֿט שנעל אַרײַן אינ'ם עס־צימער, אַזוי אַז זי קומט אַרײַן אַהין אין דעם זעלבען מאָמענט, וואָס דער מאַן.

— אַה, דו ביזט שוין צוריק אין שטוב? — האָט ער געזאָגט.

— געוויס, — האָט זי געענטפֿערט, — שוין לאַנג.

— קיינער מסתמא האָט דיך נישט בעמערקט אַרײַנגעהענדיג.

זי שמייכעלט, זיך נישט צווינגענדיג דערצו. ער קושט זי אין שטערן.

דער אינגעל זיצט שוין בײַ'ן טיש; ער האָט לאַנג געוואַרט און איז אײַנגעשלאָפֿען. אויפֿ'ן טעלער ליגט פֿאַר איהם זײַן בוך, און אויף דעם אָפֿענעם בוך ליגט זײַן געזיכט. זי זעצט זיך נעבען איהם, און דער מאַן איהר געגענאיבער; ער נעמט אַ צײַטונג און וואַרפֿט אין איהר אַ פֿלינקען בליק. דערנאָך לעגט ער זי אַוועק און זאָגט: די אַנדערע זיצען

נאָך דאָרט צוזאַמען און בעראַטען זיך נאָך ווייטער.

— וועגען וואָס? — פרעגט זי.

און ער הויבט איהר אָן צו דערצעהלען די אַלע איינצעלהייטען פון דער היינטיגער זיצונג. ער דערצעהלט זעהר לאַנג, זעהר פיל. עטמאַ מאַכט זיך, ווי זי וואָלט איהם הערען, און פון צייט צו צייט שאָקעלט זי צו מיט'ן קאָפּ.

זי הערט אָבער גאָרנישט, זי ווייס נישט, וואָס ער רעדט, זי פיהלט זיך, ווי איינער וואָס איז מיט נסים געראַטעוועט געוואָרען פון שרעקליכע געפאַהרען. זי פיהלט קיין זאַך נישט אויסער: איך בין געראַטעוועט, איך בין אין דערהיים. און אין דער צייט, וואָס איהר מאַן דערצעהלט אַלץ ווייטער און ווייטער, רוקט זי צו נעהנטער איהר שטוהל צו דעם שטוהל פון איהר זוהן, נעמט זיין קעפּעל און דריקט איהם צו צו איהר ברוסט. איהר נעמט אַרום אַ אונבעשרייבליכע מידיגקייט — זי איז נישט אימשטאַנד מעהר זיך צו בעהערשען, זי פיהלט, אַז דער שלאָף בעפאַלט זי; זי פאַרמאַכט די אויגען.

פלוצלונג קומט איהר אויפ'ן זינען אַרויף אַ שרעקליכער געדאַנק, אַ געדאַנק וועגען דער שרעקליכער מעגליכקייט, פון וועלכער זי האָט נישט געטראַכט זינט דער מינוט, וואָס זי האָט זיך אויפגעהויבען פון גראָבען: ווען ער איז גאָרנישט געשטאָרבען!... ווען ער... אַח ניין, אין דעם קען קיין צווייפעל נישט זיין... די אויגען... דער מיל — און דאַן... קיין אָטעם פון זיינע ליפּען. — אָבער עס טרעפען דאָך אויך פאַלשע טוידטען. עס טרעפען דאָך אויך אַזעלכע צופעלן, ווען זאָגאַר די געאיבטע אויגען פון אַ דאָקטאָר קענען אַ טעות האָבען. און זי האָט געוויס נישט קיין געאיבטען בליק. ווען ער לעבט, ווען ער איז שוין ווידער צום בעוואוסטזיין געקומען, ווען ער האָט זיך פלוצלונג געפונען ליגענדיג אַליין אין מיטען דער נאַכט אויפ'ן וועג... ווען ער וועט איהר אָנהויבען צו רופען... איהר נאָמען... ווען ער אָם ענדע מיינט, אַז זי איז אויך פערוואונדעט... ווען ער וועט זאָגען די דאָקטוירים: דאָ איז געוועזען אַ פרוי, איהר האָט עס געמוזט אַרויסוואַרפען דאָ ווייטער וואו ס'איז... און... און... יאָ, וואָס וועט דאַן זיין? מען וועט זי זוכען. דער קוטשער

וועט צוריק קומען פון פראנץ־יאָזעף־דאָרף מיט מענשען... ער וועט דערצעהלען... די פרוי איז דאָ געווען, ווען איך בין אוועק געגאנגען — און פראנץ וועט פערשטעהן. פראנץ וועט וויסען... ער קען דאָך זי גוט... ער וועט וויסען, אז זי איז אוועקגעלאָפען און א שרעקליכער צאָרן וועט איהם ארומנעמען, און ער וועט אָנרופען איהר נאָמען, אום זיך אָן איהר נוקם צו זיין. ער וועט זיך דאָך פערלירען... און די איבערצייגונג דערפון, וואס זי האָט איהם א שעה פאר'ן טוידט געלאָזען ליגען אליין אויפ'ן פעלד, וועט איהם אזוי אויפטרייסלען, אז ער וועט נישט קוקען אויף קיין זאך און זאָגען: דאָס איז געווען פרוי עממא, מיין געליבטע... א טרוס און א נאר צוזאמען, — ווארום נישט אמת, מיינע הערן דאָקטוירים, איהר וואָלט דאָך זי נישט געפרעגט דורכאויס, ווער זי איז, ווען זי וואָלט אייך בעטען דאָס נישט צו טאָן. איהר וואָלט דאָך איהר געלאָזען געהן רוהיג, און איך אויך, אָה יאָ, — ווען זי וואָלט נאר דאָ בלייבען מיט מיר ביז אייער קומען. איצט אָבער, אז זי איז אזוי שלעכט געוועזען, זאָג איך אייך, ווער זי איז... דאָס איז... אה!

— וואס איז מיט דיר? — האָט געזאָגט דער פראָפע־סאָר זעהר ערנסט, אויפשטעהענדיג פון אָרט.

— וואס... ווי? וואס איז?

— יאָ, וואס איז מיט דיר?

— גאָרנישט. זי האָט דאָס קינד נאָך פעסטער צו־געדריקט צו זיך.

דער פראָפעסאָר האָט זי לאנג אָנגעקוקט.

— דו ווייסט? דו האָסט אָנגעהויבען איינצודרעמלען, און —

— און דו האָסט פלוצלונג עפּעס אויסגעשריען.

— ... אזוי?

— ווי מ'שרייט אוים אין שלאָף, ווען עס חלומ'ט זיך עפּעס א שרעקליכע זאך. דו ביזט געשלאָפען?

— איך ווייס נישט. איך ווייס גאָרנישט. און בעגענאי־בער אים וואנד־שפיגעל זעהט זי א געזיכט, וואס שמייכעלט, וואס איז אָבער גרויזאם און פערקרימט. זי ווייס, אז דאָס איז איהר אייגענעם געזיכט, און דאָך שוידערט איהר,

קוקענדיג דערויף ... און זי בעמערקט, אז דאס געזיכט ווערט שטארק פערגליווערט, זי קען דעם מויל נישט בעוועגען, זי ווייס עס: אט דער שמייכעל וועט זיך שוין שפילען אויף איהרע ליפען, אזוי לאנג, ווי זי וועט לעבען. און זי פראָבירט א געשריי טאָן. דאן פיהלט זי, ווי צוויי הענד לעגען זיך איהר אויף די אקסלען, און זי זעהט, ווי צווישען איהר אייגענעם געזיכט און דאס פון שפיגעל שטויסט זיך אריין דער פנים פון איהר מאן; זיינע אויגען, פרעגענדיג און שרעקענדיג, האבען זיך איינגעגעסען אין איהרע. זי ווייס: קיים האלט זי נישט אויס די לעצטע פראבע, אזוי איז אלץ פערלאָרען. און זי פיהלט, ווי זי ווערט ווידער שטארק, עס פאלגען איהר ווידער די מוסקולען פון געזיכט, און די בעוועגונגען פון איהרע גלידער; זי קען אין דעם איצטיגען מאָמענט מאכען מיט זיי, וואס זי וויל; אבער זי מוז דעם מאָמענט אויסנוצען, אויב נישט איז עס פערביי. און זי חאפט אָן מיט ביידע הענד די הענד פון איהר מאן, וואס זענען נאך געלעגען אויף איהרע אקסלען, און ציהט איהם צו צו זיך, און קוקט איהם אָן הייטער און צערטליך.

און אין דער צייט, ווען זי פיהלט איהר מאנ'ס ליפען אויף איהר שטערן, טראכט זי: יא, געוויס... א בעזער חלום. ער וועט עס קיינעם נישט זאגען, ער וועט זיך נישט נוקם זיין אָן איהר, קיינמאל, קיינמאל נישט... ער איז טוידט... ער איז גאנץ געוויס טוידט... און די טוידטע שווייגען.

— וואָרום זאגסטו דאס? — הערט זי פלוצלונג די שטימע פון איהר מאן.

ציטערנדיג פון שרעק פרעגט זי: וואס אזוינס האב איך דען געזאגט? און איהר דאכט זיך פלוצלונג, אז זי האט אלץ דערצעהלט אויפ'ן קול ... אז זי האט די גאנצע געשיכטע פון דעם אבענד דא ביי'ן טיש איבערגעגעבען ... און צוזאמענגעבראכען פון שרעק פאר זיין מורא'דיגען בליק פרעגט זי נאכאמאל: וואס האב איך דען געזאגט?

— די טוידטע שווייגען, — חזר'ט איבער איהר מאן זעהר לאנגזאם.

— יא ... — זאגט זי, — יא ... און זי לייענט אין זיינע

אויגען, אַז זי קען שוין מעהר פון איהם איצט גאָרנישט פערבאָרגען, און לאַנג קוקען זיי זיך ביידע אָן.

— לעג שלאָפען דאָס קינד, — האָט ער דאַן צו איהר געזאָגט, — איך גלויב, אַז דו האָסט מיר נאָך עפּעס צו דערצעהלען...

און זי ווייס, אַז זי וועט דעם מענשען, וועמען זי האָט יאָהרענלאַנג גענאַרט, אין דעם נאָהנסטען מאָמענט דעם גאַנצען אמת דערצעהלען.

און אין דער מינוט, ווען זי געהט מיט'ן אינגעל לאַנגזאַם דורך די טהיר, פיהלענדיג נאָך אַלץ אויף זיך דעם מאַנ'ס בליקען, ווערט איהר אַזוי רוהיג און לייכט אויפ'ן האַרצען, ווי ווען זי וואָלט געפיהלט, אַז אַ סך אין איהר לעבען ווערט ווידער גוט — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

# ליטעראַטור

אַ קאָמעדיע אין 1 אַקט.

---

### פּערזאָנען:

מאַרגאַריטא,
קלעמענס, ספּאָרטסמאַן,
זשילבערט.

---

די סצענע שטעלט פֿאָר מאַרגאַריטאַ׳ס וואָהנצימער, וואָס איז אָנשטענדיג, נאָר נישט רייך מעבלירט. אַ קליינער קאַמין, אַ טיש, אַ שרייב־טישעל, שטוהלען און אַ שראַנק; אין׳ם הינטערגרונד צוויי פֿענסטער; רעכטס און לינקס טהירען.

# ערשטע סצענע.

אין א פּאָטעיל בײ'ם קאַמין זיצט קלעמענס ברײט־ליך צולעגט. ער טראָגט א זעהר עלעגאַנטען, דונקעל־גרויען סאַק־אַנצוג, רויכערט א ציגאַר און לייענט א צייטונג. מאַרגאַרעטע שטעהט פריהער בײ'ם פענסטער, דער־נאָך געהט זי אַרום איבערן צימער אהין און צוריק; ענדליך שטעלט זי זיך אָב הינטער קלעמענס'ן און שפּילט זיך מיט איהרע הענד אין זײנע האָר. זי זעהט אויס אביסל אונרוהיג.

קלעמענס (ווײטער לייענענדיג. נעמט איהר האנד אין קוש־זין). האָרנער איז אין זײן זאַך זיכער — אָדער, ריכטיגער, אין מײן ערפאָלג; וואַטערלאָא פינף צו אײנס, באַראָמעטער צוואַנציג צו אײנס, בוססער'ל זיבען צו אײנס, אַטילאַ זעכצעהן צו אײנס.

מאַרגאַרעטע. זעכצעהן צו אײנס!

קלעמענס. לאָרד בײראָן אָנדערהאַלבען צו אײנס — דאָס זעגען מיר, מײן ליב־לעבען!

מאַרגאַרעטע. איך ווײס.

קלעמענס. דערבײ האָבען מיר נאָך ביז דעם לויף־קאָנקורס זעקס וואָכען.

מאַרגאַרעטע. ווי ס'שײנט, האַלט ער דאָס שוין פאַר א טוידטע זאַך.

קלעמענס. נײן. ווי זי ווײס דאָס שוין אָבער די אַלע אויסדריקען! בראַוואָ!

מאַרגאַרעטע. מיט די אַלע אויסדריקען האָב איך זיך בעקאַנט נאָך פריהער, ווי מיט דיר. יאָ, איז עס שוין בעשטימט, אַז דו אַלײן זועסט רײטען אויף לאָרד'ן?

קלעמענס. דו פרעגסט נאָך! — אויף א דאַמען־פרײז!

זועמען דען זאָל איך לאָזען רײַטען? און ווען האָרנער וואָלט נישט וויסען, אַז איך וועל אויף איהם רײַטען, וואָלט ער נישט געשטאַנען אָנדערהאַלבען צו אײַנס — דערויף קענסטו דיך שוין פערלאָזען!

מאַרגאַרעטע. דאָס גלויב איך. — דו ביזט אַזוי שען, ווען דו זיצט אויף אַ פערד, ס'איז דאַן אײַנפאַך ענטציקט צו ווערען פון דיר! קיינמאָל וועל איך נישט פערגעסען, ווי דו אין מינכען, גראַדע אין דעם טאָג, וואָס איך האָב זיך בעקאַנט מיט דיר...

קלעמענס. דערמאָהן מיך נישט יענעם טאָג. דעמאָלט בין איך דורכגעפאַלען. דער ווינדיש וואָלט קיינמאָל נישט געוואונען דעם קאָנקורס, ווען ער וואָלט נישט אַרײַנגעלאָפט בײַ'ם סטאַרט צעהן קאָרפּוסען! דאָס מאָל אָבער! — נאַ! — און אויף צו מאָרגענס נאָך דעם קאָנקורס פאָהרען מיר אַוועק.

מאַרגאַרעטע. אין אָבענד.

קלעמענס. יאָ. — פאַרוואָס?

מאַרגאַרעטע. ווײַל פאַר מיטאָג, גלויב איך, וועלען מיר חופּה שטעלען.

קלעמענס. יאָ, יאָ, מײַן טײַערע.

מאַרגאַרעטע. איך בין זעהר גליקליך! (זיי אומאַרעמען זיך). און וואוהין וועלען מיר פאָהרען?

קלעמענס. איך דענק, אַז אין דעם זענען מיר אײַנשטימיג. — צו מיר, אין מײַן הויף.

מאַרגאַרעטע. יאָ — דערנאָך. אָבער פריהער וועלען מיר דען נישט פאָהרען אַביסל אויף דער ריוויערא?

קלעמענס. דאָס וועט אָבהענגיג זײַן פון דעם דאַמענפּרײַז; אויב איך וועל איהם קריגען...

מאַרגאַרעטע. אין דעם איז קיין צווייפעל נישטאָ.

קלעמענס. איבריגענס איז די ריוויערא אין אַפּריל שוין גאָרנישט אַזוי בעצויבערענד.

מאַרגאַרעטע. אַך דעריבער!

קלעמענס. קינד, ס'פערשטעהט זיך: דעריבער. דו האָסט נאָך פון די פריהערדיגע צײַטען עפּעס מאָדנע פאָרשטעלונגען פון עלעגאַנץ און שענהייט, ווי זאָל איך דיר עס

זאָגען ... דו וועסט מיר ענטשולדיגען — עפּעס אבּיסל פון די וויצ־בלעטער.

מאַרגאַרעטע. איך בעט דיך, קלע —

קלעמענס. נו אַלזאָ, מיר וועלען שוין זעהען. (לעזט ווײַטער). באַדעגאַסט פּופּציק צו אײנם —

מאַרגאַרעטע. באַדעגאַסט? — ער וועט דאָך גאָר־נישט לויפען בײַ'ם קאָנקורס.

קלעמענס. פון וואַנען ווײסטו עס?

מאַרגאַרעטע. סציגראַטי אַלײן האָט עס מיר געזאָגט.

קלעמענס. ווי אַזוי? וואו?

מאַרגאַרעטע. הײַנט אין דער פריה אין פרײַדענאַו, אין דער צײַט, ווען דו האָסט גערעדט מיט מילנער'ן.

קלעמענס. נאָר סציגראַטי איז מיר אויך נישט קײן פּאַסענדע געזעלשאַפט פאַר דיר.

מאַרגאַרעטע. אײפערזיכטיג?

קלעמענס. אפילו נישט אַ האָר! ... איבריגענס, איך וועל דיך שוין פון איצט אָן פאָרשטעלען גאַנץ אײנפאַך, אַלס מײַן כלה.

מאַרגאַרעטע (קושט איהם).

קלעמענס. אַלזאָ, וואָס האָט ער דיר געזאָגט, סציגראַטי?

מאַרגאַרעטע. אַז ער וועט דעם באַדעגאַסט גאָרנישט מיטשיקען צום דאַמענפּרײַז.

קלעמענס. נו, סציגראַטי'ן דאַרפסטו נישט צופיל גלויבען, ער לאָזט אומישנע אַרויס קלאַנגען, אַז ער וועט דעם באַדעגאַסט נישט מיטשיקען, אום אויפצוהויבען די אַנדערע לויפער'ס זײַנע.

מאַרגאַרעטע. גײה, דאָס זעהט אוים ווי אַ ס'פּעקולאַציע.

קלעמענס. און דו מײנסט, אַז צווישען אונז זענען קײן ספּעקוליאַנטען נישטאָ? פאַר אַ סך איז דאָס אינגאַנצען נאָר אַ געשעפט. דו גלויבסט טאַקע, אַז אַזאַ סאָרט מענש ווי סציגראַטי האָט כאָטש דעם מינדעסטען אַ ערעם פאַר ספּאָרט? אַזאַ מענש ווי ער וואָלט געקענט אויף דער בערזע

אויך געהן! איבריגענס, וואָס עס געהער צו דעם באַרעגאַסט, קען מען איהם רוהיג געבען הונדערט געגען איינס.

מאַרגאַרעטע. אַזוי? מיר האָט זיך היינט אין דער פריה פאָרגעשטעלט, אַז ער זעהט אויס וואונדערבאַר שען.

קלעמענס. זי האָט דעם באַרעגאַסט אויך געזעהען?

מאַרגאַרעטע. געוויס! האָט דען בוטערם נישט גרומנאַלאָפירט אויף איהם היינט אין דער פריה הינטער'ן בוסקעט'ל?

קלעמענס. נו, בוטערם איז גאָר אינגאַנצען נישט קיין רייטער ביי סצינגראַט'ן. דאָס איז געוויס געוועזען ווער ס'איז פון די שטאַל-דינער. — איבריגענס, קען דער באַרעגאַסט אויסזעהען ווי ער וויל, ס'איז אַלץ איינס — ער איז פערלאָרען. נו, מאַרגאַרעטע, ביי דיין טאַלענט וועסטו זיך גאַנץ געשווינד אויסלערנען אונטערצושיידען די אמת'ע גרויסקייט פון דער פאַלשער. ס'איז ווירקליך נישט צו גלויבען, מיט וואָס'רע געשווינדקייט דו האָסט זיך אָט די אַלע זאַכען איינגעאַרבייטעט. אַזוי פיל האָב איך גאָרנישט ערוואַרטעט פון דיר.

מאַרגאַרעטע (בעז). פאַרוואָס האָסטו דאָס גאָרנישט ערוואַרטעט? דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז אָט די אַלע זאַכען זענען מיר נישט פרעמד געוועזען. — אין דערהיים ביי מיינע עלטערן פלעגען טרייַנקומען זעהר עלעגאַנטע מענשען — דער גראַף ליבאָווסקי און נאָך פערשידענע — און אויך ביי מיין מאַן...

קלעמענס. נו יאָ. זעלבסט פערשטענדליך. אין'ם פרינציפּ האָב איך אויך גאָרנישט נעגען דער וואָל-פאַבריקאַציע.

מאַרגאַרעטע. וואָס האָט עס מיט מיינע פערזענליכע אַנשויאונגען צו טאָן דאָס, וואָס מיין מאַן האָט געהאַט אַ בוים-וואָל-שפּינערייַ? איך האָב מיך שטענדיג פערפאָלקאָמט און געבילדעט אַליין, נאָך מיין אייגענער אַרט. איבריגענס, זאָלען מיר בעסער איצט אין גאַנצען נישט רעדען פון יענער צייט, וואָס ליגט, דאַנק גאָט, שוין וויַיט פון אונז!

קלעמענס. ס'איז אָבער דאָ אַנ'אַנדער צייט, וואָס ליגט נעהנטער.

מאַרגאַרעטע. געוויס. איז וואָס?

**קלעמענס.** נו, איך מיין נאָר, אַז אין דיין מינדערער געזעלשאַפט האָסטו זיך קיין סך נישט געקענט אָנהערען וועגען ספּאָרט־זאַכען, אויף וויפיל איך האָב די מעגליכקייט צו אורטהיילען.

**מאַרגאַרעטע.** אפשר קענסטו שוין אַמאָל אויפהערען, מיר אויפצו־וואַרפען די געזעלשאַפט, אין וועלכער דו האָסט זיך מיט מיר בעקענט?

**קלעמענס.** אויפוואַרפען? — דערפון קען גאָר קיין רעד נישט זיין! עס איז און עס בלייבט מיר נאָר אונפערשטענדליך, ווי אַזוי דו ביזט אַריינגעפאַלען אין אַזא געזעלשאַפט.

**מאַרגאַרעטע.** דו רעדסט וועגען יענער געזעלשאַפט ריכטיג, ווי ווען דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ באַנדע רויבער!

**קלעמענס.** קינד, איך גיב דיר מיין וואָרט: עטליכע פון יענע בעקאַנטע דיינע האָבען אויסגעזעהן ריכטיג, ווי אמת'ע גאַסען־רויבער. איך קען דאָס גאָרנישט בעגרייפען, ווי אַזוי דו מיט דיין העכערן געפיהל... נו, איך וויל שוין נישט זאָגען מעהר, דו מיט דיין בעסערן געשמאַק פאַר ריינקייט און גוטע פּאַרפומעס, ווי אַזוי, דו האָסט געקענט לעבען צווישען די מענשען, ווי אַזוי דו האָסט געקענט זיצען מיט זיי ביי איין טיש.

**מאַרגאַרעטע** (שמייכלענדיג). האָסטו עס דען איך נישט געטאָן.

**קלעמענס.** איך בין געזעסען נעבען זיי — נישט מיט זיי. און דאָס אויך האָב איך געטאָן נאָר צוליב דיר, אויסשליסליך נאָר צוליב דיר, דו ווייסט עס גאַנץ גוט! איבריגענס, וויל איך גאָרנישט אָבלייקענען, אַז עטליכע פון זיי האָבען אַ סך געוואונען אין מיינע אויגען זיך נעהנטער בעקאָנענדיג מיט זיי. צווישען זיי האָבען זיך געפונען אויך גאַנץ אינטערעסאַנטע מענשען. און דו דאַרפסט נישט מיינען, מיין שאַץ, אַז איך האַלט זיך העכער פון אַלע מענשען, וועלכע זענען שלעכט ערצויגען, — נישט דאָס איז די הויפּטזאַך. אין זייער גאַנצען בענעהמען זיך, אין זייערע אַלע מאַניערען, אין זייער גאַנצען וועזען איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט נערוועז.

מאַרגאַרעטע. דאָס לאָזט זיך נאָך נישט אַזוי בעשטימט אָבזאָגען.

קלעמענס. נו, דו בעליידיג זיך נאָר נישט, טייערע, איך האָב דאָך שוין געזאָגט, אַז עס האָבען זיך געפונען צווישען זיי אויך זעהר אינטערעסאַנטע מענשען. ווי אַזוי אָבער אַ אַנשטענדיגע דאַמע קען זיך פיהלען גוט אין אַזאַ געזעלשאַפט אַ לאַנגע צייט, — דאָס וועל איך קיינמאָל נישט בעגרייפען.

מאַרגאַרעטע. דו פערגעסט גראַדע איין זאַך, מיין ליבער קלעמענס; דו פערגעסט, אַז אין אַ געוויסען זין געהער איך אויך צו יענער געזעלשאַפט אָדער האָב, ווענינגסטענס, געהערט צו איהר.

קלעמענס. נו, לאָז שוין אָב, איך בעט דיך!

מאַרגאַרעטע. דאָס זענען געוועזען קינסטלער און קינסטלערין׳ס.

קלעמענס. נו, אַ שמחה, מיר זענען שוין ווייטער אַרויף אויף דער טעמאַ.

מאַרגאַרעטע. יאָ, און דאָס טאַקע איז מיין שטענדיגע קרענקונג, וואָס דו קענסט מיט אונז נישט מיטגעהן.

קלעמענס. נישט מיטגעהן — דאָס געפעלט מיר זעהר! איך וואָלט שוין גאַנץ גוט געקענט מיטגעהן — דו ווייסט גאַנץ גוט, וואָס מיך פערדריסט און בעליידיגט אין דיין שרייבען, ווייסט, אַז דאָס איז אַריין פערזענליכע זאַך.

מאַרגאַרעטע. נו, אַנדערע פרויען אין מיין דעמאָלדיגער לאַגע, וואָלטען זיך ערגערע זאַכען ערלויבט, ווי ליעדער שרייבען.

קלעמענס. אָבער אַזעלכע! אַזעלכע! (ער נעמט אַראָב אַ קליינעם ביכעל פון קאַמין) אָט, וועגען דעם האַנדעלט עס זיך. איך קען דיך פערזיכערן, אַז יעדעס מאָל, וואָס איך טהו אַ קוק אויף דעם; יעדעס מאָל, וואָס איך דערמאָהן זיך אָן דעם, — ווער איך רויט פון שאַנדע, וויסענדיג, אַז דו האָסט עס אָנגעשריבען.

מאַרגאַרעטע. דו האָסט איינפאַך נישט קיין געפיהל פאַר אַזעלכע זאַכען ... נו, זיי נישט בעז — ווען דו וואָלסט דאָס געפיהל אויך האָבען, וואָלסטו געוועזען די

פאָלקאָמענהייט אַליין, און דאָס, ווי ס'ווייזט אויס, איז אין לעבען נישטאָ. — אָבער וואָס פערדריסט דיך אייגענטליך אין מיין שרייבען? דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב נישט איבערגעלעבט דאָס, וואָס איך האָב אָנגעשריבען —

קלעמענס. איך האָף און גלויב, אַז ס'איז אַזוי.

מאָרגאַרעטע. — אַז דאָס זענען נאָר פאַנטאַזיעס.

קלעמענס. אויב אזוי מוז איך דיך טאַקע פרעגען: ווי אַזוי קען דאָס אַ אַנשטענדיגע דאַמע זיך פאָרשטעלען אַזעלכע זאַכען? (לעזט). „אין ליידענשאַפטליכער פערשכור'ונג נעהם איך אַרום דיין האַלז, און טרינק זיך איין אין דיינע זיסע ליפען...” (שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ). ווי קען אַ פרוי אַזוינס אָנשרייבען, ווי קען אַ פרוי אַזוינס לאָזען דרוקען? יעדער מענש, וואָס לייענט דאָס מוז זיך דאָך פאָרשטעלען דער פערפאַסערין מיט אויסגעשפרייטען אָרעמס „אין ליידענשאַפטליכער פערשכור'רונג און דעם האַלז...

מאַרגערעטע. איך פערזיכער דאָך דיך אָבער, אַז אַזאַ האַלז האָט אין דער ווירקליכקייט קיינמאָל נישט עקזיסטירט.

קלעמענס. איך קען מיר'ס אויך נישט פאָרשטעלען. דאָס איז מיין גליק, און אויך — דיינס, מאַרגאַרעטע. ווי אַזוי אָבער ביזטו געקומען צו אַזעלכע פאַנטאַזיעס? אויף דיין ערשטען מאַן קענען זיך דאָך אָט די אַלע גליהענדע ליעבעס־ליעדער נישט בעציהען — ער האָט דאָך דיך איבערהויפט נישט פערשטאַנען, ווי דו זאָגסט שטענדיג.

מאַרגאַרעטע. בעשטימט, נישט. דעריבער האָב איך זיך דאָך גע'גט מיט איהם. דו ווייסט דאָך די גאַנצע געשיכטע. מיט אַזאַ מענשען, וואָס האָט נישט געהאַט קיין געפיהל פאַר קיין זאַך, אויסער פאַר עסען און טרינקען און וואַל, — מיט אַזאַ מענשען האָב איך נישט געקענט לעבען צוזאַמען.

קלעמענס. יאָ יאָ. אָבער דאָס איז ערשט דריי יאָהר איננאַנצען, און די ליעדער האָסטו דאָך שפּעטער געשריבען.

מאַרגאַרעטע. נו אמת. — דו בערעכען אָבער די לאַגע, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען דאַן...

קלעמענס. וואָס הײסט? דיר האָט דאָך קײן זאַך ניִשט געפֿעהלט? אין דער הינזיכט האָט זיך יאָ דײַן מאַן, — דאָס מוז מען מודה זײַן, — זעהר אַנשטענדיג בענומען. דו ביזט ניִשט געװען אין אַזאַ לאַגע, זיך צו דאַרפֿען אַלײן פֿערדינען אויפֿ'ן לעבען. און װען אפילו זײ האָבען דיר שוין געצאָהלט צו הונדערט גילדען פֿאַר אַ ליעד, — מעהר צאָהלען זײ דאָך געװיס ניִשט, — האָסטו נאָך אַלץ ניִשט גע־דאַרפֿט אַזאַ בוך אָנשרײַבען.

מאַרגאַרעטע. איך האָב גאָרניִשט געמײנט, ליבער קלע, מײַן לאַגע אין מאַטעריעלען זין; איך האָב געמײנט מײַן גײַסטעסצושטאַנד. דו האָסט גאָר קײן בעגריף ניִשט דערפֿון... װען דו האָסט זיך מיט מיר בעקענט, איז עס שוין געװען אַ סך בעסער, איך האָב שוין געהאַט דאַן זיך אַלײן געװיסערמאַסען געפֿונען; און אָנהײב אָבער!.. איך בין געװען אַזױ ראַטלאָז, אַזױ אַראָבגעפֿאַלען... איך האָב זיך אָנגעחאַפּט אָן אַלץ, איך האָב געמאָלט, — זאָגאַר אַ ענגלישע לעקציע האָב איך געגעבען אין דעם פּענסיאָן, װאו איך האָב געװאָהנט... בערעכען דו אַלײן, צו צװײ און צװאַנציג יאָהר בלײַבען אַ געג'גט'ע פֿרױ, ניִשט האָבען קײנעם...

קלעמענס, פֿאַרװאָס ביזטו ניִשט רוהיג געבליבען אין װיען?

מאַרגאַרעטע. װײַל איך בין צוקריגט געװען מיט מײַן פֿאַמיליע. קײנער האָט מיך ניִשט פֿערשטאַנען. אָ, די מענשען! דו מײנסט, אַז כאָטש אײנער פֿון מײַן פֿאַמיליע האָט פֿערשטאַנען, אַז מ'קען פֿערלאַנגען פֿון לעבען נאָך עפּעס אויסער אַ מאַן און שענע קלײדער און אַ געזעלשאַפֿט־ליכע לאַגע? אָ גאָט! װען בײַ מיר װאָלט אַ קינד זײַן, װאָלט אפשר אינגאַנצען אַנדערש געװען, און איבריגענס, עס װאָלט אפשר גאָרניִשט אַנדערש געװען אויך. די נאַטור מײַנע איז זעהר קאָמפּליצירט. דו אָבער האָסט, אײַ־גענטליך, ניִשט אויף װאָס זיך צו בעקלאָגען. איז עס רעדן ניִשט געװען אַם ענדע דאָס בעסטע, װאָס איך האָב געקענט טאָן, דאָס װאָס איך בין געפֿאָהרען אין מינכען? װען איך

וואָלט עס דאָן נישט טאָן, וואָלט איך זיך דאָך מיט דיר נישט בעקאַנט.

קלעמענס. נו יאָ, אָבער דו ביזט דאָך נישט געפאָהרען דעמאָלט מיט דעם צוועק.

מארגארעטע. איך האָב געוואָלט פריי ווערען — איך מיין: אינערליך פריי. איך האָב געוואָלט זעהען, צו איך וועל מיט מיינע אייגענע קרעפטען קענען אויפטאָן וואָס ס'איז. און דו ווייסט מיר מודה זיין, אז איך האָב מיינס ערדרייכט. איך בין שוין געווען אויף דעם בעסטען וועג, וואָס פיהרט צו עהרע און בעריהמטהייט...

קלעמענס. — ?

מארגארעטע. דו אָבער ביזט פאַר מיר טייערער, ווי בעריהמטהייט.

קלעמענס (גיטמוטיג). און זילבערער.

מארגארעטע. דערפון האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געטראַכט. איך האָב דיך ליעב געקריגען פון דעם ערשטען מאָמענט אָן, ווייל פון אזאַ, ווי דו האָב איך מיין גאנצעס לעבען געטרוימט; איך האָב שטענדיג געוואוסט, אז גליקליך מאַכען קען מיך נאָר אזאַ ווי דו. פאמיליען־יחוס, — דאָס איז נישט קיין פוסטע איינבילדונג. דאָס קען בייזשטעהן געגען אַלע אַנדערע זאַכען! זעהסטו, דעריבער גלויב איך טאַקע שטענדיג —

קלעמענס. אז וואָס?

מארגארעטע. מיר דאַכט זיך אָפט, אז אין מיינע אָדערן פליסט אויך אַ עדעלעס בלוט.

קלעמענס. ווי אזוי?

מארגארעטע. פאַרוואָס נישט? דאָס קען דאָך מעגליך זיין.

קלעמענס. איך פערשטעה עס נישט.

מארגארעטע. איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אז אין דערהיים ביי מיינע עלטערן פלעגען זעהר אָפט אריינגעהן פערשידענע אַריסטאָקראַטישע פערזאָנען...

קלעמענס. נו, איז וואָס —

מארגארעטע. ווער ווייס — ?

קלעמענס. מאַרגאַרעטע, וואָס טוט זיך מיט דיר? ווי קען מען עס אױסלעבען רעדען!

מאַרגאַרעטע. פון דיר דאַרף מען בעהאַלטען אַלץ וואָס מען טראַכט. דאָס איז דײַן אײנציגער פעהלער — ווען נישט דאָס, וואָלסטו געווען פאָלקאָמען. (שמײכעלט זיך צו צו איהם). איך האָב דאָך דיך אַזוי שטאַרק ליעב! גלײך אינ'ם ערשטען אָבענד, ווען דו ביזט אַרײַן אין קאַפע צוזאַמען מיט וואַנגענהײמ'ען, — גלײַך האָב איך עס געוואוסט: דער איז עס! אמת, דו האָסט אױסגעזעהען צווישען יענע מענשען, ווי געקומען עפּעס פון אַנ'אַנדער וועלט.

קלעמענס. איך שטעל זיך פאָר. צו־פיל עהנליך צו דער גאַנצער קאָמפּאַניע האָסטו, אַ דאַנק גאָט, אויך נישט אױסגעזעהען. נײן, ווען איך דערמאָהן מיך אָן יענער געזעלשאַפט דײַנער, — אָן יענער רוסישער, צום בײַשפּיל, וואָס האָט אױסגעזעהן, ווי אַ סטודענטין מיט איהרע קורצגעשוירענע האָר — נאָר דאָס סטודענטישע היטעל האָט איהר געפעהלט —

מאַרגאַרעטע. דאָס איז זעהר אַ בעגאַבטע מאַלערין, באַראַנצעוויטש.

קלעמענס. איך ווײס. דו האָסט מיר אָנגעוויזען אויף איהר אין דעם בילדער־זאַאַל; דאָרט איז זי געשטאַנען אויף אַ לײַטער און הױט קאָפּירט. — און דאַן יענער מיט דעם פּױלישען נאָמען —

מאַרגאַרעטע (פּראָבירט אױסרעדען). ברושקד...

קלעמענס. מאַטער דיך נישט אומזיסט, דאָס איז נישט אַזױ נעטיג. דער זעלביגער האָט אַמאָל עפּעס פאָרגעלײענט אין קאַפע, ווען איך בין דאָרט געווען, און קײן האָר זיך נישט געשעמט.

מאַרגאַרעטע. דאָס איז זעהר אַ שטאַרקער טאַלענט; גלויב מיר.

קלעמענס. נו געווים. אין קאַפע־הױז זענען זײ אַלע טאַלענטען. — נו, און יענער טײַוועל, דער אונגעטרעגליכער —

מאַרגאַרעטע. ווער?

קלעמענס. דו ווײסט שוין, וועמען איך מײן.

דער, וואָס פֿלעגט עס שטענדיג מאַכען די טאַקטלאָזע בעמערקונגען איבער די אַריסטאָקראַטען.

מאַרגאַרעטע. זשילבערט, דו מיינסט מסתמא זשילבערט'ן.

קלעמענס. יאָ, יאָ. איך מיין געוויס נישט צו פֿערטיידיגען אַלע מענשען פֿון מיין שטאַנד, ליידאַקעס געפֿינען זיך אומעטום, אפילו אויך—מיט ערלויבניש צו זאָגען, — צווישען פּאָעטען... ס'איז אָבער פֿאָרט נישט טאַקטיש פֿון אימיצען, זיך אַזוי אויסצודריקען וועגען אַריסטאָקראַטען, ווען איינער פֿון זיי...

מאַרגאַרעטע. דאָס האָט ער שוין געהאַט אַזאַ געוואָהנהייט.

קלעמענס. איך האָב זיך דאַמאָלט געמוזט איינהאַלטען, ווי מיט צוואַנגען, אום איהם נישט גראָב צו ענטפֿערן.

מאַרגאַרעטע. ביי דעם אַלעמען איז ער דאָך געווען אַ אינטערעסאַנטער מענש — יאָ. דערצו נאָך האָט ער געזעהן אין דיר אַ ליבעס-קאָנקורענט אויך און איז געווען פֿול מיט איפֿערזוכט.

קלעמענס. דאָס האָב איך אויך בעמערקט. (פּויזע).

מאַרגאַרעטע. אַך גאָט, אַלע זענען זיי איפֿערזיכטיג געווען. און דאָס איז גאַנץ נאַטירליך... דו ביזט אַנדערש געווען פֿון זיי אַלע. און דערצו זענען זיי אַלע אַרומגעקראַכען אַרום מיר, ווייל מיר זענען זיי אַלע גלייך געווען. דאָס האָסטו דאָך בעמערקט — ניין? וואָס לאַכסטו?

קלעמענס. ס'איז צום לאַכען! ווען אימיצער וואָלט עס מיר אַמאָל נביאות געזאָגט, אַז איך וועל חתונה האָבען מיט אַ שטענדיגען גאַסט פֿון „קאַפֿע מאַקסימיליאַן"! אַמבעסטען זענען מיר דאָרט אייגענטליך געפֿעלן געוואָרען די צוויי יונגע מאַלער, וואָס האָבען אויסגעזעהען ריכטיג, ווי פֿון אַ טעאַטער-שטיק אַרויס. דו געדענקסט, זיי זענען אַזוי ענהליך געווען איינער צום אַנדערן און אַלץ איז ביי זיי געווען געמיינזאַם, — מיר שיינט, אויך יענע רוסישע, וואָס איז געזעסען אויפ'ן לייטער.

מאַרגאַרעטע. מיט אַזעלכע זאַכען האָב איך זיך קיינמאָל נישט אינטערעסירט.

קלעמענס. די צוויי מאלער האבען איבעריגענס געמוזט אידען זיין, נישט?

מארגערעטע. פארוואס עפעס?

קלעמענס. נו, וויל זיי האבען שטענדיג וויצען געזאגט — הײנט די אויסשפראך...

מארגארעטע. דײנע אנטיסעמיטישע בעמערקונגען קענסטו ביי זיך לאזען.

קלעמענס. טײערע מײנע, זײ־זשע נישט אזוי עמפּפינדליך. איך ווייס, אז דו שטאמסט פון אידען. און, אויסערדעם, האב איך ווירקליך גארנישט צו אידען. איך האב זאגאר געהאט אמאל א לעהרער, וואס האט מיך פארבערײטעט צום לעצטען עקזאמען; דאס איז געוועזן, שווער איך דיר, א איד, און א אויסגעצײכענטער מענש. אין לעבען קומט אויס זיך צו טרעפען מיט פערשידענע מענשען... איך בעדויער אויך גאר נישט, וואס איך האב זיך בעקענט מיט דיין מינכענער געזעלשאפט; אזעלכע קאנטשאפטען מאכען רײכער די ערפאהרונג פון לעבען. אבער זעה, זאג, איך האב דיר געמוזט דאמאלס פארקומען, ווי א רעטער, ווי א אויסלעזער.

מארגארעטע. יא, דאס איז אמת. קלע, קלע! (זיי אומארמען זיך).

קלעמענס. וואס לאכסטו?

מארגארעטע. מיר איז עפעס אײנגעפאלען.

קלעמענס. נו?

מארגארעטע. „אין לײדענשאפטליכער פערשכור׳ונג נעהם איך ארום דיין האלז און...”

קלעמענס. (אונמוטיג). וואס דו ביזט, דו מוזט שטענדיג צושטערן יעדער אילוזיע!

מארגארעטע. זאג, קלע: דו וואלסט טאקע ווירקליך גארנישט שטאלץ געוועזן, ווען דיין געליבטע, דיין ווייב וואלט געווארען א גרויסע און בעריהמטע דיכטערין?

קלעמענס. איך האב דיר שוין געזאגט: דו קענסט מיך, פון מײנעטוועגען, האלטען פאר א פראסטען אין דער הינזיכט, איך פערזיכער דיך אבער, אז אויב דו וואלסט הײנט ווידער אנגעהויבען לידער צו שרײבען, אדער גאר זיי

צו לאָזען דרוקען, און אין זיי וואָלסטו דערצעהלט : ער וועלט פון דיינע געפיהלען צו מיר, פון אונזער ליבעס־גליק — פון אונזער חתונה האָבען וואָלט שוין מעהר קיין רעד נישט געקענט זיין. איך וואָלט גלייך אוועק פון דיר!

מאַרגאַרעטע. און דאָס רעדט אַ מענש, ביי וועמען עס זענען שוין געווען אפשר אַ דוץ אין־דער־גאַנצער־שטאָדט־בעקאַנטע ליעבעס־בעציהונגען.

קלעמענס. טייערע מיינע, עס קען טאַקע זיין, אַז זיי זענען בעקאַנט געווען אין דער גאַנצער שטאָדט — איך האָב אָבער קיינעם נישט דערצעהלט, איך האָב אָבער קיינמאָל נישט געלאָזען דרוקען, אַז אַ מעדעל האָט זיך אין ליידענשאַפטליכער פערשכורונג מיר אויפגעהאַנגען אויפ'ן האַלז, אום יעדערער זאָל זיך עס דערנאָך קענען קויפען פאַר אַנדער־האַלבען גולדען! דאָס איז די גאַנצע זאַך! איך ווייס, אַז עס זענען דאָ מענשען, וואָס לעבען דערפון; איך געפין עס אָבער פאַר אונאַנשטענדיג ביז דער העכסטער שטופע. איך זאָג דיר, ביי מיר איז דאָס ערגער, ווי ווען אַ פרוי שטעלט זיך אַרוים אין טריקאָ אַלס גריכישע סטאַטוע ביי ראָנאַכער'ן. אַזאַ גריכישע סטאַטוע שוויינט דאָך וועניגסטענס! ווען אָבער אַ פאָעט הויבט אָן אַלץ אַ ־צופלוידערן, דאָס שמעקט שוין נישט מיט קיין געלעכטער!

מאַרגאַרעטע (אונרוהיג). ליעבסטער, דו פערגעסט אָבער, אַז דער פאָעט זאָגט נישט שטענדיג די וואַהרהייט.

קלעמענס. נו, און ווען ער קלערט דאָס אַליין אַלץ אויס פון קאָפ, איז'ס שוין שענער?

מאַרגאַרעטע. דאָס רופט מען נישט „אויסקלערען פון קאָפ", דאָס הייסט „סטיליזירען".

קלעמענס. וואָס איז עס שוין ווידער פאַר אַ וואָרט!

מאַרגאַרעטע. דאָס הייסט מיר דערצעהלען אַזעלכע זאַכען, וואָס מיר האָבען גאָרנישט איבערגעלעבט, וואָס מיר האָבען געזעהען אין דער איינענער איינבילדונג, וואָס מיר האָבען איינפאַך ערפונדען.

קלעמענס. איך בעט דיך, ליבע מאַרגאַרעטע, זאָג נישט שטענדיג „מיר". דו געהערסט שוין, אַ דאַנק גאָט, נישט צו יענער קאָמפּאַניע.

מאַרגאַרעטע. ווער ווייס!

קלעמענס. וואָס הייסט עס?

מאַרגאַרעטע (צערטליך). קלעמענס, איך מוז עס דיר זאָגען!

קלעמענס. וואָס איז?

מאַרגאַרעטע. איך געהער נאָך צו יענע! איך האָב נאָך נישט אויפגעהערט צו שרייבען.

קלעמענס. און וועלכען זין?

מאַרגאַרעטע. דאָס איז דאָך גאַנץ איינפאַך: איך שרייב נאָך איצט אויך — אָדער, ריכטיגער, איך האָב וואָס ס'איז אָנגעשריבען. די שטרעמונג צום שרייבען איז פיל שטאַרקער, ווי מענשען קענען בעגרייפען. מיר דאַכט זיך, אַז איך וואָלט אינגאַנצען צו גרונד געגאַנגען, ווען איך וואָלט אויפגעהערט צו שרייבען.

קלעמענס. אַלזאָ, וואָס האָסטו שוין דאָרט ווידער אָנגעשריבען?

מאַרגאַרעטע. אַ ראָמאַן. צופיל האָט זיך מיר אָנגעקליבען אויפ'ן הארצען; איך וואָלט דערמיט דערשטיקט געוואָרען. ביז היינטיגען טאָג האָב איך דיר עס נישט געזאָגט; ענדליך, אָבער, מוז איך דיר'ס אויסזאָגען. קיוניגעל איז ענטציקט דערפון.

קלעמענס. ווער איז עס דער קיוניגעל?

מאַרגאַרעטע. מיין פערלעגער.

קלעמענס. דעם ראָמאַן האָט אַלזאָ אימיצער שוין געלייענט?

מאַרגאַרעטע. יאָ. און נאָך אַ סך וועלען איהם לייענען. קלעמענס, דו וועסט שטאָלץ זיין — גלויב מיר!

קלעמענס. דו האָסט אַ טעות, ליעבעס קינד. איך געפין עס פון דיין זייט פאַר... וואָס'רע זאַכען קומען פאָר אייגענטליך אין דעם ראָמאַן?

מאַרגאַרעטע. דאָס לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט איבערגעבען. דער ראָמאַן ענטהאַלט אין זיך, זיך אַזוי אויסדריקענדיג, דאָס מעהרסטע, וואָס עס איז דאָ צו זאָגען איבער דאָס מעהרסטע.

קלעמענס. איך בויג מיין קאָפּ!

מאַרגאַרעטע. און דעריבער טאַקע קען איך דיר צוזאָגען, אַז מעהר וועל איך זיך שוין צו קיין פּעדער ניט צורירען. איך דאַרף דאָס שוין ניט מעהר.

קלעמענס. מאַרגאַרעטע, דו האָסט מיך ליעב, ציִ ניט?

מאַרגאַרעטע. ווי קענסטו עס פרעגען? דיך, נאָר דיך! וויפיל איך האָב ניט נאָכגעקוקט אין לעבען, וויפיל איך האָב ניט געזעהען אין לעבען — איבערגעלעבט האָב איך גאָרניט. איך האָב אויף דיר געוואַרט.

קלעמענס. אַלזאָ ברענג איהם אַריין, דיין ראָמאַן.

מאַרגאַרעטע. ווי אַזוי? וואָס הייסט?

קלעמענס. ניט אָנשרייבען איהם האָסטו ניט געקענט — גוט; לייענען אָבער זאָל איהם ווענינגסטענס קיינער ניט. ברענג איהם אַהער, מיר וועלען איהם אַריינוואַרפען אין פייער.

מאַרגאַרעטע. קלעמענס!

קלעמענס. דאָס פערלאַנג איך פון דיר — דאָס דאַרף איך פערלאַנגען!

מאַרגאַרעטע. דאָס איז ניט מעגליך! דאָס איז —

קלעמענס. פאַרוואָס? אויב איך פערלאַנג עס, אויב איך ערקלער, אַז דערפון איז אָבהענגיג דאָס ווייטערדיגע... דו פערשטעהסט מיך... וועט עס אפשר דאָך מעגליך זיין!

מאַרגאַרעטע. קלעמענס, דער ראָמאַן איז דאָך שוין געדרוקט.

קלעמענס. ווי? שוין געדרוקט?

מאַרגאַרעטע. יאָ! אין עטליכע טעג אַרום וועט מען איהם אומעטום קריגען צו קויפען.

קלעמענס. מאַרגאַרעטע — און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרען, ניט זאָגענדיג מיר אפילו איין וואָרט...

מאַרגאַרעטע. קלעמענס, איך האָב אַנדערש ניט געקענט האַנדלען. ווען דו וועסט איהם איבערלייענען, וועסטו מיך ענטשולדיגען! נאָכמעהר: — דו וועסט עט זיך צי־רען מיט איהם!

קלעמענס. די זאך, טייערע, איז א סך ערנסטער, ווי דו מיינסט!

מארגארעטע. קלעמענס!

קלעמענס. אדיע, מארגארעטע.

מארגארעטע. קלעמענס, וואס הייסט עס — דו גייסט אוועק?

קלעמענס. ווי דו זעהסט.

מארגארעטע. ווען קומסטו צוריק?

קלעמענס. דאס קען איך אין דער מינוט נאך נישט זאגען. אדיע.

מארגארעטע. קלעמענס! (וויל איהם פערהאלטען).

קלעמענס. לאז מיך. (געהט אוועק).

מארגארעטע (אליין). קלעמענס! וואס בעדייטעט עס? ער פערלאזט מיך? וואס זאל איך איצט טאן? — קלעמענס! זאל טאקע אלץ געענדיגט זיין? ניין, דאס איז נישט מעגליך! קלעמענס! — איך מוז איהם דעריאגען! (זי זוכט איהר הוט — מ'קלינגט). אח! ער האט זיך אומגעקעהרט! ער האט מיך נאר געוואלט אבשרעקען. — אה, מיין קלעמענס! (צום טהיר).

זשילבערט (געהט אריין. צו דעם שטוב-מעדעל, וואס האט איהם געעפענט די טהיר). איך האב דאך אייך געזאגט, אז די גנעדיגע מאדאם איז אין שטוב. — גוט מארגען, מארגארעטע.

מארגארעטע (צוטומעלט). איהר זייט עס?

זשילבערט. איך בין עס — איך, אמאנדוס זשילבערט.

מארגארעטע. איך בין אזוי ערשטוינט.

זשילבערט. דאס זעה איך. ס'איז אבער נישטא פון וואס ערשטוינט צו ווערען. איך געפין זיך דא נאר דורכפאהרענדיג; איך פאהר אין איטאליען. און אייגענטליך בין איך געקומען איצט צו דיר נאר, אום דיר, צום אנדענקען פון אונזער אלטער חבר'שאפט, מיין לעצטעס ווערק צו ברענגען. (גיט איהר איבער דאס בוך. אזוי ווי זי נעמט עס נישט גלייך צו, לעגט ער עס אוועק אויפ'ן טיש).

מארגארעטע. איהר זייט זעהר ליבענסווירדיג, איך דאנק אייך.

זשילבערט. ביטע, דו האָסט אַ געוויסעס רעכט אויף דעם בוך. — אַלזאָ דאָ וואָהנסט דו.

מאַרגאַרעטע. יאָ. אָבער...

זשילבערט. דאָס איז נאָר די איבערגאַנגס-צייט, איך ווייס. פאַר אַ מעבלירטען צימער איז עס גאַנץ גענוג. נאָר אַז די פאַמיליען-פּאָרטרעטען אויף די ווענט קענען מיך מישוגע מאַכען.

מאַרגאַרעטע. מיין הויזווירטין איז אַן אַלמנה פון אַ גענעראַל.

זשילבערט. דו דאַרפסט זיך נישט פערענטפערן.

מאַרגאַרעטע. פערענטפערן? מיר איז עס גאָרנישט איינגעפאַלען.

זשילבערט. ס'איז וואונדערבאַר, איצט וועגען דעם צו קלערען...

מאַרגאַרעטע. וועגען וואָס קלערט איהר?

זשילבערט. פאַרוואָס זאָל איך עס נישט זאָגען? וועגען דאָס קליינע צימערל אין דער שטיינדאָרפער גאַס, מיט דעם באַלקאָן, פון וועלכען ס'האָט זיך געזעהען דער גאַנצער טייך איזאַר. דו געדענקסט, מאַרגאַרעטע?

מאַרגאַרעטע. אפשר זאָלען מיר בעסער בלייבען ביי'ם „איהר"?

זשילבערט. ווי דו ווילסט... ווי איהר ווילט, מאַרגאַרעטע. (פויזע. פלוצלונג.) איהר האָט זעהר נישט אַנשטענדיג געהאַנדעלט, מאַרגאַרעטע.

מאַרגאַרעטע. ווי־אַזוי?!

זשילבערט. איהר ווילט, איך זאָל זיך נישט אויסדריקען אַזוי פראָסט? צום בעדויערן, געפין איך נישט קיין אַנדער וואָרט. — און דאָס איז געווען אינגאַנצען איבריג, מאַרגאַרעטע. מיט דער עהרליכקייט וואָלט איהר אויך דאָס זעלבע ערדייכט, ס'איז גאָרנישט נעטיג געווען זיך אַרויסצוגנב'נען פון מינכען, ביינאַכט, אינ'ם נעבעל און...

מאַרגאַרעטע. ס'איז געווען נישט ביינאַכט און נישט אינ'ם נעבעל. איך בין אָבגעפאָהרען פון מינכען מיט'ן שנעל-צוג האַלב נייַן אין דער פריה, ביי'ם העלען זונענשיין.

זשילבערט. יערענפֿאַלס, האָט מען זיך געקענט באַזעגנען פֿריִער, נישט אמת? (זעצט זיך).

מאַרגאַרעטע. דער באַראָן קען יעדע מינוט אָנקומען.

זשילבערט. איז וואָס? איהר האָט איהם געוויס נישט דערצעהלט, אַז איהר זייט אַמאָל אין מײַנע אָרעמס געלעגען און מיך פֿערגעטערט. פֿאַר איהם בין איך אײַנפֿאַך אײַערער אַ גוטער בעקאַנטער פֿון מינכען. און אַ גוטער בעקאַנטער מעג דאָך אַרײַנקומען צו אײַך?

מאַרגאַרעטע. יעדער אַנדערער יאָ, איהר — נישט!

זשילבערט. פֿאַרוואָס? איהר פֿערשטעהט מיך נאָך אַלץ נישט גוט. איך בין ווירקליך געקומען צו אײַך, נאָר אַלס גוטער בעקאַנטער. אַלעס אַנדערעס, וואָס איז צווישען אונז געווען, איז שוין אַריבער, לאַנג אַריבער... אָט, איהר וועט אַליין זעהען. (ווײַזט אָן אויף זײַן בוך).

מאַרגאַרעטע. וואָס איז דאָס אַזעלכעס?

זשילבערט. מײַן נײַסטער ראָמאַן.

מאַרגאַרעטע. איהר שרײַבט ראָמאַנען?

זשילבערט. איך שרײַב.

מאַרגאַרעטע. פֿון ווען אָן זײַט איהר עס אַ ראָמאַניסט געוואָרען?

זשילבערט. וואָס מײַנט איהר דערמיט?

מאַרגאַרעטע. אַח גאָט מײַנער, איך געדענק, אַז אײַער אײַגענטליכער געביט איז געווען נאָר די קלײַנע סקיצע, בעטראַכטונגען פֿונ׳ם אַלטעגליכען לעבען...

זשילבערט. (אויפֿגערעגט). מײַן געביט?... מײַן געביט איז די וועלט! איך שרײַב, וואָס מיר ווילט זיך! איך לאָז מיך נישט בעגרענעצען. איך ווײס נישט, וואָס עס זאָל מיך אָבהאַלטען פֿון אַ ראָמאַן צו שרײַבען!

מאַרגאַרעטע. נו, די מײַנונג פֿון די אויטאָריטעטע קריטיקער איז דאָך געווען...

זשילבערט. ווער זענען עס די אויטאָריטעטע קריטיקער?

מאַרגאַרעטע. איך געדענק, צום בײַשפּיל, נײַמאַנ׳ס פֿעליעטאָן אין דער אַלגעמײַנער...

זשילבערט (שטורמדיג). ניימאַן איז אַ אידיאָט! איך האָב איהם געפּאַטשט!

מאַרגאַרעטע. איהר האָט איהם...?

זשילבערט. אינערליך האָב איך איהם געפּאַטשט! דו ביזט דאַמאָלס צוקאָכט געווען פאַר דעם פעליעטאָן נישט ווייניגער פון מיר. מיר זענען ביידע פאָלשטענדיג איינשטימיג געווען אין דעם, אַז ניימאַן איז אַ אידיאָט. „ווי וואַגט עס אַזאַ נישט...” דאָס זענען געווען דיינע ווערטער. „דיר גרעגעציען הייעקצושטעלען! ווי וואַגט ער עס, דיין ווערק נאָך, זיך אַזוי אויסדריקענדיג, אים מוטער'ס לייב צו דער־שטיקען”? דו אַליין האָסט עס געזאָגט! און היינט ברענגסטו מיר אַ בעווייז פון דעם ליטעראַטור־שנאָרער!

מאַרגאַרעטע. איך בעט אייך, שרייט נישט אַזוי. מיין הויזווירטין —

זשילבערט. דאָס איז נישט מיין פפליכט, זיך צו קימערן וועגען אַלמנות פון גענערעלער, ווען מיינע נערוועץ צושפּילען זיך.

מאַרגאַרעטע. יאָ, וואָס אַזוינס האָב איך דאָ געזאָגט? איך פערשטעה נישט, וואָס איהר האָט דאָ געהאַט זיך צו בעליידיגען.

זשילבערט. בעליידיגען? דו רופסט עס בעליידיגונג? דו? דו, וואָס איין שלעכטעס וואָרט וועגען דיר פון וועלכען ס'איז גאָרנישט אין דער נידריגסטער גאַסענבלעטיל פלעגט דיך אויפטרייסלען און קראַנק מאַכען?

מאַרגאַרעטע. איך געדענק נישט, איבער מיר זאָל ווען ס'איז אַ שלעכטעס וואָרט געדרוקט זיין!

זשילבערט. אַזוי? איבריגענס, דו ביזט אפשר גערעכט. געגען שענע פרויען איז מען שטענדיג העפליך.

מאַרגאַרעטע. העפליך? פון העפליכקייט־וועגען האָט מען מיינע לידער געלויבט? און דיין אייגענע מיינונג...?

זשילבערט. מיין מיינונג? איך דאַרף איהר נישט צוריקנעמען; איך ערלויב זיך נאָר צו בעמערקען, אַז די עטליכע שענע לידער דיינע האָסטו אויפגעשריבען אין דער צייט, ווען מיר זענען צוזאַמען געווען.

מאַרגאַרעטע. און דו רעכענסט זיי זיך צו?

זשילבערט. וואָלסטו זיי דען אָנגעשריבען, ווען איך וואָלט נישט זיין? זענען זיי נישט צו מיר געווענדעט?

מאַרגאַרעטע. ניין!

זשילבערט. ווי? נישט צו מיר? דאָס איז אונגעהויער!

מאַרגאַרעטע. ניין, זיי זענען נישט צו דיר געווענדעט!

זשילבערט. איך בין איבערראַשט! זאָל איך דיך אפשר דערמאָנען די אומשטענדען, ביי וועלכע דיינע שענסטע פערזען זענען בעשאַפען געוואָרען?

מאַרגאַרעטע. מיינע לידער זענען געווענדעט געוועזען צו אַ אידעאַל...

זשילבערט. (ווארפט אָן אויף זיך).

מאַרגאַרעטע. — וועמעס אָרט אויף דר'ערד דו האָסט צופעליג פערטרעטען.

זשילבערט. האַ! אויסגעצייכענט! פון וואַנען האָסטו דאָס גענומען? דו ווייסט, ווי דער פראַנצויז דריקט זיך אויס אין אַזעלכע פעלן? „C'est de la Litterature!“ [1]

מאַרגאַרעטע (איהם נאָכמאַכענדיג) „Ce nest pas de la Litterature“ [2] דאָס איז ריכטיג, פאָלשטענדיג ריכטיג! אָבער גלויבסטו טאַקע ערנסט, אַז מיט דעם שלאַנקען יונגלינג אין מיינע לידער האָב איך געמיינט דיך? אַז איך האָב דיינע לאָקען בעזונגען? — דו ביזט שוין דאַמאָלס דיק געווען — און דאָס זענען דאָך קיינמאָל קיין לאָקען נישט געווען! (פיהרט דורך איהר האַנד איבער זיינע האָר).

זשילבערט (כאַפט אָן ביי דער געלעגענהייט איהר האַנד און קישט זי).

מאַרגאַרעטע (ווייכער). וואָס איז עס דיר פּלוצלינג איינגעפאַלען!

זשילבערט. דעמאָלט האָסטו זיי פאַר לאָקען געהאַלטען. אָדער דו האָסט זיי ווענינגסטענס אַזוי אָנגערופען, נו, יאָ, וואָס טוט מען נישט צוליב אַ גראַם, צוליב דעם, דער פערז זאָל שענער קלינגען! האָב איך דען דיך נישט

---

[1] דאָס איז ליטעראַטור.

[2] דאָס איז נישט קיין ליטעראַטור.

אָנגערופֿען אין אײנעם פֿון בײנע סאָנעטען „מײַן קלוגעס מעדעלע"? דערבײַ ביזטו געװען ניִשט... ניִשט... אָבער זײַן, איך װיל ניִשט אונגערעכט זײַן — קלוג ביזטו יאָ געװען, אונפֿערשעמט קלוג, עקעלהאַפֿטיג קלוג! דאָס איז דיר געלונגען! איבריגענס: װאונדערן זיך דאַרף מען ניִשט; די ביזט שטענדיג געװען אָנגעשטעקט מיט סנאָביזם *). נו, און איצט האָסטו אַ דאַנק גאָט, דײַנס אױסגעפֿיהרט. דו האָסט איהם אַרײַנגעכאַפּט, דײַן אַריסטאָקראַטישען יונגעל מיט די אָבגעטאָקענע הענדטלעך און ניִשט געשליפֿענעם מאַרך, דעם אױסגעצײכענטען רײַטער, פֿעכטער, שיסער, טעניס=שפּילער, הערצענס=בעזיגער, — מאַרליט אַלײן װאָלט אױך ניִשט געקענט ערפֿינדען קײן מעהר עקעלהאַפֿטען העלד. יאָ, װאָס װילסטו נאָך? צי דאָס װעט דיך צופֿרידען שטעלען אױף לאַנג דיך, װאָס דו האָסט שױן עפּעס העכערעס פֿערזוכט, דאָס איז אמת אַן אַנדער פֿראַגע. איך קען דיר נאָר דאָס זאָגען: פֿאַר מיר, אין מײַנע אױגען ביזטו אַ געפֿאַלענע ליבעס=געטין.

מאַרגאַרעטע. דאָס איז דיר אײַפּ'ן באַהן אײַנגעפֿאַלען.

זשילבערט. אָט נאָר װאָס איז עס מיר אײַנגעפֿאַלען, אין דער מינוט!

מאַרגאַרעטע. שרײַב עס זיך אױף, דאָס איז אַ גוט װאָרט.

זשילבערט. איך האָב פֿאַר דיר נאָך אײנס: פֿריהער ביזטו געװען פֿרױ, הײַנט ביזטו נקבה. יאָ, דאָס ביזטו! װאָס דען האָט דיך געטריבען אין די אָרעמס פֿון אזאַ סאָרט מענשען? מעהר ניִשט װי די תאוה, די געװעהנליכע טהיערישע תאוה!

מאַרגאַרעטע. איך בעט דיך, דו האָסט אַ גרונד צו--!

זשילבערט. קינד מײַנס, איך האָב דאָך אָבער צו יעדער צײַט אױסער דעם אױך אַ נשמה געהאַט.

מאַרגאַרעטע. אַמאָל, אַלס אױסנאַהם —

זשילבערט. זוך בעסער ניִשט איצט, אונזערע בעציהונגען נידריג צו שטעלען — דאָס װעט זיך דיר ניִשט

*) קלײנקײַפֿעלדיגקײט, נאַרעשע גאווה.

אײַנגעבען. ווי דו זאָלסט זיך נישט דרעהען, בלײַבט עס פאָרט דאָס שענסטע, וואָס דו האָסט איבערגעלעבט.

מאַרגאַרעטע. גאָט מײַנער! ווען איך בערעכען איצט, אַז איך האָב אָט די — — — — איבערגעטראָגען אַ גאַנץ יאָהר.

זשילבערט. איבערגעטראָגען? איבערגעטראָגען? דו האָסט זיך פערשכור'ט דערמיט! זײַ נישט אונדאַנקבאַר — איך בין עס אויך נישט. ווי נידריג דו האָסט זיך נישט בענומען אַם ענדע, מיר קען עס נישט ביטער מאַכען מײַנע ערינערונגען. איך וועל נאָך מ'עהר זאָגען: דאָס האָט אויך געהערט דערצו.

מאַרגאַרעטע. וואָס נאָך וועסטו זאָגען?

זשילבערט. ריכטיג טאַקע — די ערקלערונג בין איך דיר נאָך שולדיג; הער! גראַדע אין דער צײַט, ווען דו האָסט אָנגעהויבען זיך אָבצוקעהרען פון מיר, ווען דו האָסט אָנגעהויבען אַזוי שטאַרק צו בענקען נאָך דער פערד-שטאַל la nastalgie de l'ècurie, גראַדע דאַמאָלס בין איך שוין אינערליך געווען ווײַט פון דיר.

מאַרגאַרעטע. ס'קען נישט זײַן!

זשילבערט. ס'איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, וואָס דו האָסט קײַן זאַך נישט בעמערקט. — איך בין שוין געווען דאַן ווײַט פון דיר, יאָ! איך האָב דיך שוין אײַנפאַך נישט געדאַרפט מעהר. וואָס דו האָסט מיר געקענט געבען, האָסטו מיר געגעבען — דײַן אַרבײַט איז געענדיגט געווען. דו האָסט געוואוסט טיף אין האַרצען — דו האָסט געוואוסט אונבעוואוסטערהײַד ...

מאַרגאַרעטע. איך בעט דיך, שפּיי נישט אַזוי!

זשילבערט (זיך נישט פערלירענדיג). — אַז דײַן צײַט איז אַריבער. די בעציהונג צווישען אונז האָט איהר צוועק ערפילט, און איך האָב קײַן חרטה נישט אויף דעם, וואָס איך האָב דיך געליבט.

מאַרגאַרעטע. איך אָבער!

זשילבערט. אויסגעצייכענט! אין דער קלײנער בעמערקונג איז פאַר דעם מענשענקענער אויסגעדריקט דער טיפער, גרינדליכער אונטערשיד צווישען דעם אמת'ן

קינסטלער אין דעם געמאַלטען. פֿאַר דיר, מאַרגאַרעטע, איז אונזער בעציהונג ביי היינטיגען טאָג נישט מעהר ווי אַ ערזאַצנערונג פֿון עטליכע פֿערשפּור׳ט-ווילדע נעכט, פֿון עטליכע הערצליכע שמועס׳ן, אין אָבענד, אין די אַלעען פֿון דעם ענגלישען פּאַרק, און איך האָב פֿון דער ליעבע אַ קונסט-ווערק בעשאַפֿען.

**מאַרגאַרעטע.** איך אויך!

**זשילבערט.** ווי אַזוי? ווי מיינסטו עס?

**מאַרגאַרעטע.** אַזוי ווי דיר איז איינגעפֿאַלען דאָס צו טאָן, איז עס מיר אויך איינגעפֿאַלען! איך האָב אויך געשריבען אַ ראָמאַן, אין וועלכען עס זענען געשילדערט אונזערע אַמאָליגע בעציהונגען, איך האָב אויך פֿעראייביגט אונזער אַמאָליגע ליעבע — אָדער דאָס, וואָס מיר רופֿען אַזוי —

**זשילבערט.** פֿון אייביגקייט וואָלט איך אויף דיין אָרט נאָך נישט גערעדט, איידער ס׳איז אַרויס פֿון איהם אַ צווייטע אויפֿלאַגע.

**מאַרגאַרעטע.** ס׳איז נאָך פֿון דעסטוועגען אַ גרויסער אונטערשיד פֿון מיין אָנשרייבען אַ ראָמאַן ביז דיינעם.

**זשילבערט.** דאָס איז ריכטיג.

**מאַרגאַרעטע.** וואָרום דו ביזט אַ פֿרייער מענש, דו דאַרפֿסט נישט אָבגנב׳נען די פּאָר שעה, אין וועלכע דו ווילסט קינסטלער זיין, און דו שטעלסט נישט אין קאָן דיין צוקונפֿט.

**זשילבערט.** און דו?

**מאַרגאַרעטע.** איך האָב׳ס געטאָן! מיט אַ האַלבע שעה צוריק איז קלעמענס אוועק פֿון מיר, ווייל איך האָב איהם מודה געווען, אַז איך האָב אָנגעשריבען אַ ראָמאַן.

**זשילבערט.** אַוועק פֿון דיר? אויף שטענדיג?

**מאַרגאַרעטע.** איך ווייס נישט. ס׳קען דאָס אויך זיין. ער איז אַוועק אין כעס. איהם איז שווער צו פֿערשטעהן. איך קען גאַרנישט פֿאָראויסזעהן, וואָס ער וועט בעשליסען וועגען מיר.

**זשילבערט.** אַזוי! ער פֿערבאָט דיך, הייסט עס, צו שרייבען! ער קען נישט פֿערטראָגען, זיין געליבטע זאָל

אויף וויפיל ס'איז אויסנוצען איהרע גייסטיגע פעהיגקייטען! זעהר גוט! און דאס איז עס דער ציירונג פון פאלק! אזוי—יא! און דו, דו שעמסט דיך נישט צו פיהלען אין די ארעמס פון אזא אידיאט דאס זעלבע, וואס דו האסט אמאל...

מארגארעטע. איך פערבאט דיר צו רעדען וועגען איהם אין אזא טאן! דו פערשטעהסט איהם נישט!

זשילבערט. אהא!

מארגארעטע. יא, דו ווייסט נישט, פארוואס ער וויל נישט, איך זאל שרייבען! דאס איז נאר אויס ליעבע צו מיר! ער פיהלט, אז איך לעב דאן אין אזא וועלט, וואס איז פאר איהם פערשלאסען; ער שעמט זיך דערמיט, וואס איך ענטדעק די טיעפסטע געהיימניסע פון מיין נשמה פאר א פראסטער מאסע; ער וויל איך זאל געהערן צו איהם אליין, איינגאנצען זאל איך צו איהם אליין געהערן; און דעריבער איז ער ענטלאפען... ניין, ער איז נישט ענטלאפען, אזעלכע מעניטען ווי קלעמענ'ס אנטלויפען נישט...

זשילבערט. גוט דורכגענומען. ער איז אבער פארט ענטלאפען. וועגען דעם: ווי ער איז געלאפען, וועלן מיר זיך נישט שפארען. און ענטלאפען איז ער דערפאר, וואס ער קען נישט ליידען, אז דו זאלסט שאפען און דענקען.

מארגארעטע. אח, ווען ער וואלט נאך דאס אויך פערשטאנען! נאר דאס, ווייזט אויס, קען נישט זיין. איך האב דאך געקענט זיין די בעסטע, די עדעלסטע פרוי אין דער וועלט, ווען עס וואלט זיך נאר געפונען דער רעכטער מאן!

זשילבערט. יעדענפאלס דריקסטו דערמיט אויס, אז ער איז נאך אויך נישט דער רעכטער.

מארגארעטע. דאס האב איך נישט געזאגט!

זשילבערט. פארוואס זאלסטו נישט פערשטעהן, אז ער פערקנעכטעט דיך איינפאך, אז צוליב זיין עגאאיזם וויל ער דיין אייגענעם „איך" פערניכטען, אז צוליב איהם וועכטו איינגאנצען צו גרונד געהן! דערמאהן זיך אן דער מארגארעטע, וואס דו ביזט אמאל געוועזן! דערמאהן זיך אן דער פרייהייט, אין וועלכער דו האסט מיך געליבט... דערמאהן זיך אן די רייכע פערזענליכקייטען, אין וועמעס געזעלשאפט

די פֿלעגסט דאַמאָלס פֿערבּרענגען; דערמאָהן זיך אָן דעם יונגוואַרג, וואָס פֿלעגען זיך צוזאַמענקלייבּען אַרום מיר און האָבּען דיך אויך ליבּ געהאַט. בּענקסטו דען נישט צייטענווייז נאָך יענער צייט? קלערסטו גאָר נישט קיינמאָל וועגען דעם קליינעם צימער׳ל מיט׳ן בּאַלקאָן, אונטער וועלכען עס האָט געדוישט דער אייזאַר — (ער האָט אָנגעכאַפּט איהרע הענד און ציהט איהר צו צו זיך).

מאַרגאַרעטע. אָה, גאָט!

זשילבּערט. עס קען ווידער אַזוי ווערען; אויבּ נישט דער איזאַר, קען זיין אַנ׳אַנדער טייך. — איך וויל דיר עפּעס פֿאָרלעגען, מאַרגאַרעטין זאָג איהם, ווען ער וועט ווידער קומען, אַז דו האָסט נאָך אין מינבען עפּעס זעהר אַ נעמהיגע זאַך צו בּעזאָרגען, און פֿערבּרענג די פּאָר טעג מיט מיר. מאַרגאַרעטע, דו בּיזט דאָך אַזוי שען! מיר וועלן ווידער גליקליך זיין, מאַרגאַרעטע, ווי אַמאָל! דו געדענקסט? (גאַנץ נאָהנט פֿון איהר). „אין ליידענשאַפֿטליכער פֿערשפּור׳ונג האָבּ איך אַרומגענומען דיין האַלז און...״

מאַרגאַרעטע (שנעל זיך אַרויסרייסענדיג פֿון איהם). אַוועק! לאָז מיך! ניין, ניין! אַוועק פֿון מיר, זאָג איך דיר! איך ליעבּ דיך נישט מעהר!

זשילבּערט. אָה! הם... אַזוי? נו, אויבּ אַזוי בּעט איך ענטשולדיגונג. (פּויזע). אַדיע, מאַרגאַרעטע, אַדיע.

מאַרגאַרעטע. אַדיע.

זשילבּערט. אַדיע. (זיך נאָך אַמאָל אומקעהרענדיג). ווילסטו וועניגסטענס מיר נישט געבּען צום אָבּשייד דיין ראָמאַן, ווי איך האָבּ דיר געגעבּען מיינעם?

מאַרגאַרעטע. ער איז נאָך נישט אַרויס. ערשט די אַנדערע וואָך וועט מען איהם קריגען.

זשילבּערט. איז מיר נישט ערלויבּט צו פֿרעגען: וואָס איז עס פֿאַר אַ סאָרט ראָמאַן?

מאַרגאַרעטע. דאָס איז דער ראָמאַן פֿון מיין לעבּען. ס׳פֿערשטעהט זיך אַזוי פֿערשטעלט, אַז מיך קען מען דאָרט נישט דערקענען.

זשילבּערט. אַזוי? ווי האָסטו דאָס געמאַכט?

מאַרגאַרעטע. גאַנץ אײנפֿאַך. אַלערערשטענס איז די העלדין דאָרט נישט קײן דיכטערין, נאָר אַ מאַלערין —

זשילבערט. דאָס איז אַ אײנפֿאַל.

מאַרגאַרעטע. איהר ערשטער מאַן איז נישט קײן וואָל־פֿאַבריקאַנט, נאָר אַ גרויסער שפּעקולאַנט — און זי ווערט איהם אונטרײַ נישט מיט קײן טענאָר...

זשילבערט. חאַ־חאַ־חאַ!

מאַרגאַרעטע. וואָס לאַכסטו?

זשילבערט. דו ביזט איהם, הײסט עס, אונטרײַ געוואָרען מיט אַ טענאָר? דאָס האָב איך גאָר נישט געוואוסט.

מאַרגאַרעטע. איך האָב עס דען געזאָגט?

זשילבערט. אָט נאָר וואָס האָסטו עס מיר דערצעהלט.

מאַרגאַרעטע. ווי אַזוי? — איך זאָג נאָר, אז די העלדין פֿון מײַן ראָמאַן ווערט אונטרײַ דעם מאַן מיט אַ באַריטאָן.

זשילבערט. מיט אַ באַס וואָלט געוועזן גרויסאַרטיגער, און מיט אַ מעצצאָ־סאָפּראַן (—) שאַרפֿער.

מאַרגאַרעטע. נו, און דערנאָך פֿאָהרט זי נישט קײן מינכען, נאָר קײן דרעזדען, און דאָרט פֿערפֿיהרט זי אַ ראָמאַן מיט אַ בילד־שניצער.

זשילבערט. דער הײסט עס, בין איך... פֿערשלײערט?

מאַרגאַרעטע. זעהר פֿערשלײערט. דער בילד־שניצער איז נעמליך יונג, שען און אַ געניע, און נישט קוקענדיג אויף דעם וואַרפֿט זי איהם אַוועק.

זשילבערט. צוליעב...?

מאַרגאַרעטע. טרעף!

זשילבערט. געווים צוליעב אַ פֿערדטרײַבער?

מאַרגאַרעטע. בהמה!

זשילבערט. צוליעב אַ גראַף? — צוליעב אַ פֿירשט?

מאַרגאַרעטע. נײן, ער איז אַן, ערצהערצאָג!

זשילבערט (פֿערנײגט זיך.) דו האָסט ווירקליך נישט נעקאַרגט.

מאַרגאַרעטע. יאָ, אַן ערצהערצאָג, וואָס איז ליעבע צו איהר פֿערלאָזט ער דעם הויף, האָט חתונה מיט

איהר און בעזעצט זיך צוזאַמען מיט איהר אויף די קאַנאַרישע אינזלען.

זשילבערט. קאַנאַרישע אינזלען — זעהר שען! און דערנאָך —?

מאַרגאַרעטע. זיי קומען אָן אין...

זשילבערט. קאַנאַריען...

מאַרגאַרעטע. און דער ראָמאַן איז געענדיגט.

זשילבערט. אזוי, זעהר אַנציהענד, — בעזונדער די פערשלייערונגען.

מאַרגאַרעטע. דו אַליין וואָלסט מיך נישט דער־קענט, ווען —

זשילבערט. ווען וואָס — ?

מאַרגאַרעטע. ווען אין׳ם פאָרלעצטען קאַפּיטעל וואָלט זיך נישט געפונען אונזער גאַנצע קאָררעספּאָנדענץ!

זשילבערט. וואָס?!

מאַרגאַרעטע. יאָ — איך האָב אַריינגענומען אין דעם ראָמאַן אַלע בריעף, וואָס דו האָסט מיר געשריבען און איך דיר.

זשילבערט. ענטשולדיג פאַר דער פראַגע — פון וואַנען האָסטו גענומען די בריעף, וואָס דו האָסט מיר גע־שריבען? די בריעף זענען דאָך ביי מיר!

מאַרגאַרעטע. מיינע בריעף פלעג איך זיך שטענדיג צוזאַמענשטעלען פריהער אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער.

זשילבערט. ווי? צוזאַמענשטעלען פריהער?

מאַרגאַרעטע. יאָ.

זשילבערט. צוזאַמענגעשטעלט און איבערגעשריבען דערנאָך די בריעף צו מיר, וואָס האָבען אויסגעזעהען, ווי געשריבען מיט אַ ציטערנדער האַנד פון שנעלקייט! „נאָך איין וואָרט, טייערינקער, עהרער איך געה שלאָפען, די אויגען קלעפען זיך מיר...” און דאַמאָלס, ווען די אויגען האָבען זיך דיר געקלעפּט, האָסטו עס איבערגעשריבען אויף ריין?!

מאַרגאַרעטע. נו איז וואָס? דו געפינסט זיך אפשר בעליידיגט דערפון?

זשילבערט. פאַרוואָס האָב איך עס גלייך נישט

בעמערקט! ס'איז נאָך גוט, וואָס זיי זענען נישט נאָכגעשריבען פון אַ בריפענשטעלער פאַר געליעבטע. אָה, גאָט מיינער, אַלץ צופאַלט! פון דער גאַנצער פערגאַנגענהייט ווערט אַ באַרג מיסט!... זי האָט זיך איהרע בריף פריהער צוזאַמענגעשטעלט!

מאַרגאַרעטע. נאָך אַלעמען דאַרפסטו נאָך אַלץ צופרידען זיין. ווער ווייס, אויב מיינע בריעף צו דיר וועלן נישט זיין דאָס איינציגע, וואָס דו וועסט לאָזען נאָך זיך.

זשילבערט. און דערצו נאָך איז דאָ אַרויסגעקומען זעהר אַ מאוסע מעשה.

מאַרגאַרעטע. וואָס איז?

זשילבערט (אויף זיין בוך אָנווייזענדיג). דאָ זענען זיי אויך דאָ.

מאַרגאַרעטע. וואָס?! וואו?

זשילבערט. אין מיין ראָמאַן.

מאַרגאַרעטע. וואָס איז דאָ אין דיין ראָמאַן?

זשילבערט. אונזערע בריף — דיינע און מיינע.

מאַרגאַרעטע. פון וואַנען האָסטו דיינע בריף גענומען? זיי זענען דאָך ביי מיר! — אָה, זעהסטו, דו האָסט זיי זיך אויך פריהער צוזאַמענגעשטעלט.

זשילבערט. אָה ניין, איך פלעג זיך נאָר לאָזען פון זיי קאָפיעס, איידער איך פלעג זיי דיר אַוועקשיקען. איך האָב נישט געוואָלט זיי זאָלען פערלאָרען געהן. עס זענען דאָ צווישען זיי עטליכע, וואָס דו האָסט זיי זאָגאַר גאָרנישט געקריגען, וואָס זענען צו שען געווען פאַר דיר, וואָס דו וואָלסט זיי גאָרנישט פערשטאַנען.

מאַרגאַרעטע. אַח, גאָט מיינער, אויב עס איז ריכטיג אַזוי... (בלעטערנדיג גילבערט'ס בוך). יאָ, עס איז אַזוי! דאָס איז דאָך גאַנץ דאָס זעלבע, ווי ווען מיר וואָלטען דערצעהלט דער גאַנצער וועלט, אַז מיר ביידע... אַח גאָט מיינער... (אויפגערעגט בלעטערנדיג). דו האָסט אפשר אַריינגענומען דאָ אויך יענעם בריף, וואָס דו האָסט מיר געשריבען אויף צו מאָרגענס נאָך דער ערשטער נאַכט...

זשילבערט. נו געוועהנליך; דער בריף איז דאָך געווען אַזוי גלענצענד אויפגעשריבען.

מאַרגאַרעטע. דאָס איז דאָך אָבער שרעקליך! עס וועט דאָך ווערן דערפון אַן׳אייראָפּייאישער סקאַנדאַל! און קלעמענס! וואָס וועט ער זאָגען? אַח, גאָט מײַנער! איך הויב שוין אָן זיך צו ווינשען, ער זאָל נישט קומען מעהר, איך בין אַ פערלאָרענע! און דו צוזאַמען מיט מיר! וואו דו זאָלסט נישט זײַן, וועט ער דיך אַלץ געפינען, און וועט דיך דערשיסען ווי אַ משוגענעם הונד!

זשילבערט. (בעהאַלט זײַן בוך). ס׳איז נאַרעשער פערגלייך.

מאַרגאַרעטע. ווי האָט׳ס דיר געקענט אײַנפאַלען אַזאַ נאַרעשער געדאַנק! אָבצודרוקען די בריף פון אַ פרוי, וועלכער דו האָסט כלומרש׳ט געליעבט... מ׳זעהט דאָך גלײַך, אַז דו ביזט נישט קיין מענש!

זשילבערט. מיר געפעלט עס אָבער זעהר! האָסטו דען אויך נישט דאָס זעלבע געטאָן?

מאַרגאַרעטע. איך בין אַ פרוי.

זשילבערט. נו יאָ, איצט פערענטפערסטו זיך דערמיט!

מאַרגאַרעטע. דו ביזט גערעכט, איך האָב דיר נישט וואָס אויפצוואַרפען. מיר זענען זיך ווערט איינע די אַנדערע. יאָ, קלעמענס איז גערעכט. מיר זענען ערגער פון יענע פרויען, וואָס שטעלען זיך אַרויס אין מריקאָ בײַ ראָגאָ־בער׳ין. אונזערע געהיימסטע פרעהליכקייטען, אונזערע שמערצען, אַלץ, אַלץ שטעלען מיר אַרויס! פּפוי! פוי! איך הויב אָן זיך אַליין מאוס צו ווערען! מיר ביידע זענען אַ גלייכע פּאָר. קלעמענס וועט גערעכט זײַן, אויב ער וועט מיך אַוועקטרײַבען. (פּלוצלונג). קום, אַמאַנדוס!

זשילבערט. וואָס ווילסטו?

מאַרגאַרעטע. איך נעהם אָן דײַן פאָרשלאָג...

זשילבערט. וואָס׳רא פאָרשלאָג?

מאַרגאַרעטע. איך ענטלויף מיט דיר! (זי זוכט דעם הוט און דעם מאַנטעל).

זשילבערט. וואָס איז דיר אײַנגעפאַלען? וואָס טהוסטו?

מאַרגאַרעטע (זעהר אויפגערעגט, שפּיליעט זיך צו דעם

הוט). עס קען ווידער אזוי ווערען ווי אמאל, דו האסט עס אליין געזאגט: אויב נישט דער איזאר, קען זיין אנ׳אנד־ פייך, — נו, איך בין בערייט!

זשילבערט. דו ביזט משוגע! וואס איז׳ס פאר א לויפען — וואו, צו וואס? האסטו דען נישט געזאגט אליין, אז ער וועט מיך אומעטום וויסען צו געפינען? אויב דו וועסט ביי מיר זיין, וועט ער דיך אויך געפינען. עס וואלט געווען א סך קליגער, ווען יעדערער פון אונז... פאר זיך... בעזונדער...

מארגארעטע. עלענדער הונד, איצט ווילסטו מיך לאזען אין קלעם? און מיט עטליכע מינוטען פריהער ביזטו פאר מיר אויף די קניע געלעגען? שעמסטו זיך גארנישט?

זשילבערט. פארוואס? איך בין א מענש א קראנקער, א נערוועזישער... איך בין אונטערגעווארפען מאמענטאלע שטימונגען...

מארגארעטע (ביים פענסטער, שרייט.) זשילבערט, וואס טוט זיך מיט דיר? וואס וועט אויף דיר זאגען די גענעראלשע?

מארגארעטע. ער איז עס! ער געהט!

זשילבערט. נו...

מארגארעטע. וואס, דו ווילסט אוועקגעהן?

זשילבערט. איך האב קיינמאל נישט געקלערט אבצושטאטען א וויזיט דעם הערר באראן.

מארגארעטע. ער וועט דיך טרעפען אויף די טרעפ. עס וועט זיין נאך ערגער. בלייב דא! נישט איך אליין וועל פאלען פאר א אפפער!

זשילבערט. זיי נישט משוגע. וואס ציטערסטו אזוי? ער האט דאך נישט געקענט איבערלייענען ביידע ראמאנען. קום צו זיך! נעהם אראב דעם הוט! ווארף אראב דעם מאנטעל! (העלפט איהר.) ווען ער וועט דיך טרעפען אין אזא צושטאנד, וועט ער דאך גלייך טרעפען, אז...

מארגארעטע. מיר איז עס אלץ איינס — בעסער באלד איידער שפעטער. איך בין נישט אומשטאנד צו ווארטען אויף דער שרעקליכער מינוט. איך וועל איהם באלד אלץ זאגען.

זשילבערט. אלץ?!

מאַרגאַרעטע. יאָ, אַזוי לאַנג ווי דו ביזט נאָך דאָ. אויב איך וועל זיך איהם איצט עהרליך מודה זיין אין אַלעמען, וועט ער מיר אפשר ענטשולדיגען.

זשילבערט. און איך — און איך? מיר דאַכט, אַז איך האָב נאָך אין לעבען עפּעס קליגערעס צו טהאָן, ווי צו־לאָזען וועלכען ס'איז איבּערזיכטיגען באַראָן, ער זאָל מיך דערשיסען ווי אַ משוגענעם הונד! (ס'קלינגט).

מאַרגאַרעטע. ער איז'ס! דאָס איז ער!

זשילבערט. דו רעד גאָרנישט!

מאַרגאַרעטע. איך וועל רעדען!

זשילבערט. אַזוי? טאָ געדענק! איך וועל מיין פעל ביליג נישט פערקויפען!

מאַרגאַרעטע. וואָס ווילסטו טהאָן?

זשילבערט. איך וועל איהם דעם גאַנצען אמת אין די אויגען זאָגען, אַזאַ אמת, וואָס קיין איין באַראָן האָט נאָך אַזעלכען נישט געהערט.

קלעמענס (קומט אַריין; עטוואָס פרעמדליך, זעהר קאַלט און העפליך.) אָה, הער זשילבערט, אויב איך האָב נישט קיין טעות?

זשילבערט. ריכטיג, הער באַראָן. זיך קלייבענדיג צו אַ רייזע אין די דרום-געגענדען, האָב איך זיך נישט געקענט אָבזאָגען פון דעם פערגעניגען צו בעזוכען דער גנעדיגער פרוי.

קלעמענס. אַח אַזוי (פּויזע) מיר דאַכט, אַז מיט מיין אַריינקומען האָב איך איבּערגעריסען אייער שמועס, דאָס טוט מיר זעהר לייד. איך בעט אייך, שטערט זיך נישט.

זשילבערט. וועגען וואָס האָבען מיר נאָר וואָס גע־האַלטען אין רעדען, גנעדיגע פרוי?

קלעמענס. איך קען אייך אפשר העלפען דערמאָנען וואָס ס'איז? אין מינכען האָט איהר שטענדיג גערעדט וועגען אַמעריקע ביכער...

זשילבערט. אַה זעהר גוט. איך האָב טאַקע גערעדט וועגען מיין נייעם ראָמאַן...

קלעמענס. ביטע, זעצט פאָר אייער שמועס. איצט קען מען שוין מיט מיר אויך רעדען וועגען ליטעראַטור.

ניִשט אמת מאַרגאַרעטע? — וואָס איִז'ס פאַר אַ ראָמאַן: אַ נאַטוראַליִסטיִשער? אַ סיִמבאָליִסטיִשער? איִבערגעלעבט? סטיִליִזיִרט?

זשיִלבערט. אמת, איִן אַ געוויִסען זיִן שרײַבען מיִר דאָך אַלע נאָר דאָס, וואָס מיִר לעבען איִבער.

קלעמענס. אָהאָ, דאָס איִז זעהר איִנטערעסאַנט!

זשיִלבערט. ווען אײַנער שיִלדערט זאָגאַר אַ נעראָן, איִז אויך אונבעדיִנגט נויטיִג, ער זאָל איִנעריִך האָבען אָנגעצונדען רוים...

קלעמענס. נאַטיִרליִך.

זשיִלבערט. וואו דען, אַם ענדע, זאָל מען זוכען בעגײַסטערונגען, וואו דען זאָל מען זוכען די העכערע שאַפונגס־שטיִמונג, אויב ניִשט בײַ זיִך אַלײַן? פון וואַנען דען זאָל מען נעמען מאָדעלן און מוסטער'ן, אויב ניִשט פון דעם לעבען אַרום אונז?

מאַרגאַרעטע (ווערט וואָס ווײַטער אַלץ אונרוהיִגער).

קלעמענס. צום בעדויערן איִז נאָר דאָס, וואָס בײַ די מאָדעלן אַלײַן פרעגט מען זעהר זעלטען, צו זײַ וויִלען דאָס. איִך מוז אײַך זאָגען, אַז ווען איִך וואָלט געווען אַ פרוי, וואָלט איִך אויף קײַן פאַל ניִשט ערלויבט, מ'זאָל אַלעמען דערצעהלען... (שאַרף). איִן אַנ'אַנשטענדיִגער געזעלשאַפט רופט מען דאָס: בעלײַדיִגען אַ פרוי!

זשיִלבערט. איִך ווײס ניִשט, צו איִך קען זיִך אַ'יִך צורעכענען צו אַנ'אַנשטענדיִגער געזעלשאַפט, וואָס איִך רוף דאָס: די פרוי אויפהויבען.

קלעמענס. גאָר אַזוי!

זשיִלבערט. דאָס וויִכטיִגסטע דערבײַ איִז נאָר, אויף וויִפיִל דאָס גיִט זיִך אײַן דעם שרײַבער! וואָרום איִם העכערן זיִך איִז דען ניִשט אַלץ אײַנס, צו וויִסען וועגען אַ פרוי איִן וועלכען בעט זי איִז גליִקליִך געווען, איִן דער אָדער איִן יענער...

קלעמענס. הער זשיִלבערט, איִך מוז אײַך אויפמערקזאַם מאַכען אויף דעם, אַז איִהר רעדט דאָ איִן דער געגענוואַרט פון אַ דאַמע!

זשיִלבערט. איִך רעד דאָ איִן דער געגענוואַרט

פֿון אַ קאָלעגע, הער באַראָן, וועלכער איז, גלויב איך, איינשטימיג מיט מיר אין דער הינזיכט.

קלעמענס. אַה!

מאַרגאַרעטע. (פּלוצלונג). קלעמענס! (איהם צו די־פּיס פֿאַלענדיג) קלעמענס!

קלעמענס (ערשטוינט). וואָס... מאַרגאַרעטע! וואָס איז מיט דיר?...

מאַרגאַרעטע. פֿערצייהע מיך, קלעמענס!

קלעמענס. אָבער וואָס איז... (צו זשילבערט'ן). מיר איז זעהר נישט אַנגענעהם, הער זשילבער... נו, שטעה שוין אויף, מאַרגאַרעטע! שטעה אויף... ס'איז שוין אַלץ גוט!

מאַרגאַרעטע. (קוקט איהם אָן).

קלעמענס. יאָ, יאָ. — שטעה אויף.

מאַרגאַרעטע (שטעהט אויף).

קלעמענס. ס'איז שוין אַלץ גוט, ס'איז שוין אַלץ אין אָרדנונג. נו יאָ, איך זאָג דיר. דו דאַרפֿסט נאָר איין וואָרט זאָגען קוניגעל'ן דורכ'ן טעלעפֿאָן. איך האָב שוין אַלץ מיט איהם אָבגערעדט. מיר האָבען בעשלאָסען איהם צו פֿערניכטען. ביזטו איינשטימיג?

זשילבערט. איז מיר נישט ערלויבט צו פֿרעגען: וואָס האָט איהר עס בעשלאָסען צו פֿערניכטען? דעם ראָמאַן פֿון דער גנעדיגער פֿרוי?

קלעמענס. אַח, איהר ווייסט שוין דערפֿון? יעדענ־פֿאַלס שיינט מיר, הער זשילבערט, אַז איהר זייט נאָך נישט אַזעלכע נאָהנטע קאַמעראַדען...

זשילבערט. יאָ, מיר בלייבט ווירקליך נישט קיין אַנדער זאַך צו טאָן, ווי צו בעטען ענטשולדיגונג. מיך פֿערדריסט עס ווירקליך.

קלעמענס. איך בעדויער זעהר, וואָס איך, הער זשילבערט איז אויסגעקומען דאָ ביי־צו־וואָהנען אַ סצענע, וועלכע איך וואָלט שוין געקענט כמעט אָנרופֿען: אַ הוילעכע.

זשילבערט. אָה! — איך וויל אייך מעהר נישט שטערן, גנעדיגע פֿרוי — הערר באַראָן — ערלויבט מיר, צום פֿאַקטישען בעווייז דערפֿון, אַז צווישען אונז זענען נישטאָ מעהר קיינע מיספֿערשטענדניסען, און צום שוואַכען אויסדריק

פון מיין סימפאטיע, אייך, הער באראָן, מיין ראָמאַן אונטער־צוטראָגען!

קלעמענס. איהר זייט זעהר ליבענסווירדיג, הער זשילבערט. איך מוז זיך אפילו מודה זיין — דייטשעשע ראָמאַנען האָב איך נישט צופיל ליעב צום לעזען. נו, דאָס וועט זיין דער לעצטער, וואָס איך וועל לייענען... אָדער דער לעצטער פאַר'ן לעצטען —

מאַרגאַרעטע, זשילבערט. פאַר'ן לעצטען?

קלעמענס. יאָ.

מאַרגאַרעטע. און וועלכער וועט זיין דער לעצטער...?

קלעמענס. דיינער, טהייערע. (נעמט אַרויס אַן עקזעמפּליאַר פון קעשענע). איין עקזעמפּליאַר האָב איך זיך אויסגעבעטען ביי קויניגעל'ן פאַר דיר — אָדער, ריכטיגער, פאַר אונז ביידע...

מאַרגאַרעטע און זשילבערט (וואַרפען זיך צוזאַמען איבער מיט בליקען).

מאַרגאַרעטע. ווי גוט דו ביזט!... (נעמט דעם ראָמאַן אין האַנד). יאָ... דאָס איז'ס...

קלעמענס. מיר וועלען איהם צוזאַמען לייענען.

מאַרגאַרעטע. ניין — קלעמענס... ניין, דאָס איז צופיל גוט פון דיין זייט — דאָ אַהער — (זי וואַרפט דאָס בוך אין קאַמין). איך וויל פון דעם אַלעמען נישט וויסען מעהר.

זשילבערט. (זעהר פרעהליך). גנעדיגע פרוי, וואָס —!

קלעמענס (צום קאַמין צולויפענדיג). מאַרגאַרעטע, וואָס טהוסטו — ?

מאַרגאַרעטע. (בייס קאַמין, קלעמענס'ן אין איהרע אָרעמס איינשליסענדיג). איצט גלויבסטו שוין, אַז איך האָב דיך ליעב — ?

זשילבערט. (זעהר צופריעדען). מיר שיינט, אַז איך בין דאָ איבריג... גנעדיגע פרוי אַדיעה, הער באַראָן! — (צו זיך). אַ שאַד, וואָס איך האָב אַזוי נישט געענדיגט מיין ראָמאַן! (אָב).

פאָרהאַנג.

# בלומען.

איך האב ארומגעשפאצירט דעם גאנצען נאכמיטאג איבער די גאסען, אויף וועלכע ס'האט זיך פאמעלעך געשאטען א שטילער ווייסער שנעע, — און בין איצט אין דערהיים; דער לאמפ איז אנגעצונדען, די ציגאר פערדויכערט, די ביכער ליגען אויפ'ן טיש און אלץ איז איינגעארדענט אזוי, איך זאל מיך קאנען פיהלען גוט און בעקוועם... ס'איז אבער אומזיסט — איך טראכט אלץ וועגען דער זעלבער זאך.

איז זי דען נישט פאר מיר שוין לאנג געוועזען געשטארבען?... יא, געשטארבען, אדער נאר ווי איך האב זיך אויסגעדריקט מיט דעם קינדישען פאטאס פון א אבגענארטען מענשען, „נאך ערגער ווי געשטארבען"?... און איצט, צייט איך האב זיך דערוואוסט, אז זי איז נישט „ערגער ווי געשטארבען", ניין, נאר איינפאך טויט; טויט, ווי די אלע, וואס ליגען אין דרויסען, טיעף אין דר'ערד, אייביג, אייביג, — אינ'ם פריהלינג, אינ'ם הייסען זומער, און ווען דער שנעע פאלט אזוי ווי היינט... אהן א שום האפנונג נאך אויפצושטעהן ווען ס'איז — פון דעמאלט אן ווייס איך, אז אויך פאר מיר איז זי געשטארבען נישט מיט איין סעקונדע פריהער ווי פאר אלע מענשען. ס'טוט וועה דאס הארץ? — ניין. דאס איז דאך נאר דער געווענליכער שוידער, וואס נעמט אונז ארום, ווען מ'לאזט אראב אין קבר אזוינס, וואס האט אמאל געהערט צו אונז; אזוינס, וואס שטעהט נאך דייטליך פאר אונזערע אויגען מיט דער ליכטיגקייט פון בליק און מיט דעם קלאנג פון דער שטימע...

יא, געוויס, מיך האט שטארק געקרענקט, ווען איך בין דערגאנגען דעמאלט איהר פאלשקייט;... וואס'רע נאך זאכען זענען אבער דאמאלס געוועזען דערביי!... דער כעס,

די אומגעריכטע שנאה, דער עקעל צום לעבען און — געוויס! — אויך די בעליידיגטע איינגעליבע; — צו ליידען האב איך אנגעהויבען ערשט שפעטער, אין א צייט ארום, און דאן האב איך געהאט א טרייסט, וואס האט מיך געקיהלט: איך האב געוואוסט, אז זי ליידט אויך. — איך האב זיי נאך אלע, יעדע מינוט קען איך זיי ווידער לייענען, — די הויפענס בריף, אין וועלכע זי האט מיט געוויינען און געשרייען געבעטען ביי מיר פערציהונג! — — און זי אליין שטעהט מיר נאך פאר די אויגען, אין דעם דונקעלען, ענגלישען קאסטיום, מיט דעם קליינעם שטרויענעם הוט, ווי זי איז געשטאנען ביי׳ם ראג גאס, איינגעהילט אין דער פארנאכטיגער טונקעלהייט, ווען איך בין ארויסגעגאנגען פון טויער... און האט מיר נאכגעקוקט... איך געדענק אויך, ווי מיר האבען זיך געזעהן דאס לעצטע מאל, ווי זי איז געשטאנען פאר מיר מיט די גרויסע, ערשטוינטע אויגען אין דעם קיילעכדיגען קינדערשען פנים׳ל, וואס האט אויסגעזעהן אזוי בלאס, אזוי טרויריג... איך האב איהר די האנד נישט געגעבען, ווען זי איז אוועקגעגאנגען, — ווען זי איז צום לעצטען מאל אוועקגעגאנגען. — דורכ׳ן פענסטער האב איהר נאך-געקוקט ביז זי איז צוגעגאנגען צום עק גאס, און דארט איז זי פערשוואונדען געווארען... אויף אייביג. איצט קען זי שוין נישט צוריק קומען...

און די גאנצע מעשה פון איהר שטארבען, האב איך זיך דערוואוסט צופעליג. ס׳וואלטען נאך געקענט אזוי אוועקגעהן וואכען און מאנאטען, און איך וואלט פון קיין זאך נישט געוואוסט. איך האב בעגעגענט פאר מיטאג איהר פעטער, וועלכען איך האב שוין א יאהר צייט נישט געזעהן, און וועלכער קומט זעהר זעלטען קיין וויען. אינגאנצען האב איך מיט איהם נאר א פאר מאל גערעדט. דאס ערשטע מאל, מיט דריי יאהר צוריק, אין א רעסטאראן ביים קעגעל-שפיעל, וואו אויך זי איז געוועזען מיט איהר מוטער. — און א צווייט מאל אינ׳ם שפעטערדיגען זומער: איך בין דאן געזעסען מיט א פאר בעקאנטע אין א קאפע-הויז פון פראטער-פארק, און ביי דעם טישעל נעבען אונז, איז געזעסען דער פעטער מיט צוויי אדער דריי

הערדען. ער איז דעמאלט געווען זעהר אויפגעלייגט, כמעט פרעהליך, און האט געטרונקען צו מיר „לחיים". און איידער ער איז ארויסגעגאנגען פון גארטען, האט ער זיך אבגעשטעלט נעבען מיר און מיר פערטרויט דעם גרויסען סוד, אז זיין פלעמעניצע איז פערליעבט אין מיר! — זייענדיג האלב=שכור האט מיר דאמאלס עפעס מאדנע רייצענד און זאגאר געהיימניספול אויסגעזעהען דאס, וואס דער אלטער האט עס מיר דא דערצעהלט, אונטער די קלאנגען פונ'ם ציכבעל און די שרייענדע פידלען, — מיר, דעם וואס האט עס אהן איהם אויך גוט געוואוסט; דעם, וואס די זיסקייט פון איהר לעצטען קוש איז נאך אויף די ליפען געלעגען... און איצט, היינט פארמיטאג! איך בין שיער נישט אריבערגעגאנגען פערביי איהם, איהם גארנישט בעמערקענדיג. איך האב איהם נאכגעפרעגט אויף זיין פלעמעניצע מעהר אויס העפליכקייט, ווי אויס אינטערעסע... איך האב דאך פון איהר קיין זאך נישט געוואוסט; בריעף האט זי מיר שוין לאנג אויפגעהערט צו שרייבען; נאר בלומען פלעג איך פון איהר ערהאלטען רעגעלמעסיג. עראינערונגען אן דעם גליקליכסטען טאג פון אונזער ליעבע; איינמאל אין חודש פלעגען זיי אנקומען; אהן א שום צושריפט, — שוויינענדיגע, עניות'דיגע בלומען... און ווען איך האב דעם אלטען געפרעגט וועגען איהר, איז ער גאר ערשטוינט געווארען: ווי איהר ווייסט גארנישט, אז דאס ארעמע קינד איז שוין מיט א וואך צוריק געשטארבען?... איך בין שטארק צוטומעלט געווארען. דאן האט ער מיר א סך דערצעהלט וועגען איהר. ער האט מיר דערצעהלט, אז זי האט א צייט געקרענקט, נאר אין בעט איז זי געלעגען אכט טאג אינגאנצען. — „אויף וואס איז זי קראנק געווען?" — „א גייסטעס=קראנקהייט... בלוטארמקייט... די דאקטוירים האבען אליין נישט געוואוסט, וואס דאס איז".

לאנג בין איך נאך געשטאנען אויף דעם ארט, וואו דער אלטער האט מיך געלאזען; איך בין געווען דערשלאגען, אזוי ווי עס וואלט ליגען אויף מיר עפעס א שווערע משא. — און איצט שטעלט זיך מיר פאר, אז איך דארף דעם היינטיגען

טאָג בעטראַכטען פֿאַר דעם אָנהויב פֿון אַ בעזונדערען פּעריאָד אין מיין לעבען. און פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס? — דאָס, וואָס עס האָט געטראָפֿען האָט מיך נאָר אויסערליך אָנגעריהרט. איך האָב קיין זאַך נישט געפֿיהלט צו איהר, איך האָב אפילו נישט געטראַכט וועגען איהר. דאָס, וואָס איך האָב בעשלאָסען דאָס אַלץ אָפּצושרייבען, ווירקט אויף מיר זעהר גוט: איך בין רוהיגער געוואָרען... איך הויב אָן צו פֿיהלען די בעקוועמליכקייט פֿון שטוב. — ס׳איז איבעריג צו טראַכטען ווייטער וועגען איהר, און צופֿיעל יסורים פֿערשאַפֿט עס... עס וועט זיך שוין געפֿינען איינער, וואָס האָט מעהר גרונד צו טרויערען נאָך איהר, ווי איך.

* * *

איך האָב געשפּאַצירט. ס׳איז אַ שענער ווינטערטאָג. דער הימעל איז אַזוי בלאַס, אַזוי קאַלט, אַזוי ווייט... און איך בין זעהר רוהיג. רעט אַלטען, וועלכען איך האָב נעכטען געטראָפֿען... מיר דאַכט זיך איצט, אַז דאָס איז שוין געווען מיט אַ סך וואָכען צוריק. — ווען איך טראַכט וועגען איהר, שטעלט זי זיך מיר פֿאָר אַ לעבעדיגע, מיט אַלע ליניען און שטריכען פֿון איהר בילד; נאָר איין זאַך פֿעהלט דאָרט — דער כעס, דער טיעפֿער צאָרן, וועלכער האָט זיך ביי מיר ביז דער לעצטער צייט נישט אָבגעטיילט פֿון די ערינערונגען וועגען איהר. אייגענטליך האָב איך נישט קיין אמת׳ע פֿאָרשטעלונג דערפֿון, אַז זי לעבט שוין נישט, אַז זי ליעגט אין אַ קבר, אַז מ׳האָט זי בעגראָבען אין דער ערד — איך פֿיהל נישט אין האַרצען קיין שום וועהטאָג. דאָס אָרומיגע לעבען זעהט מיר נאָר אויס שטילער. ס׳זענען געווען מאָמענטען. ווען איך האָב אינגאַנצען אויפֿגעהערט צו גלויבען, אַז עס עקזיסטירט אין לעבען טרויער און פֿערגניגען; איך האָב געטראַכט, אַז ס׳זענען דאָ נאָר גרימאַסען, נאָר מאַסקעס פֿון פֿערגניגען און טרויער. מיר לאַכען אָדער וויינען און לאָדען איין דער נשמה אונזערער, זי זאָל דאָס אויך טאָן. איך וואָלט מיך געקענט איצט אַוועקזעצען לייענען טיעפֿע, יערנסטע ביכער און וואָלט גלייך אַריינגעדרונגען אין זייער טיעפֿען אינהאַלט. אָדער אַלטע בילדער שטודירען, וואָלט איך איצט געקענט

אלטע בילדער, וואס האבען מיר ביז אהער גארנישט געזאגט, וואלטען איצט ענטדעקט געווארען פאר מיר אין זייער גאנצער שענקייט... און ווען איך טראכט איצט וועגען מענשען, וועלכע זענען מיר ליעב און טייער געוועזען און דער טויט האט זיי ביי מיר צוגענומען, פרעסט שוין נישט דאס הארץ אזוי שטארק ווי אמאל — דער טויט שטעלט זיך מיר איצט פאר ווי עפעס פריינדליכעס, מילדעס; ער געהט ארום צווישען אונז און וויל אונז קיין שלעכטס נישט טהאן.

* *
*

א הויכער וויסער שנעע האט פערדעקט אלע גאסען, און די קליינע גרעטעל איז געקומען צו מיר מיט דעם פראיעקט, מיר זאלען זיך ענדליך דורכפאהרען צוזאמען אויף א שליטעל. און אט האבען מיר זיך אוועקגעלאזען אונטערן שטאדט, אין פעלד, און אונטער דער קלינגעריי פון די גלעקלעך זענען מיר שטיל געפלויגען אויף די גלאטע, ליכטיגע וועגען, פיהלענדיג איבער זיך דעם בלאסגרויען הימעל. שנעל, געשווינד האבען מיר זיך געטראגען פארווערטס, דארט אהין צווישען די וויסע, מיט זונענגלאנץ בעגאסענע בערגלעך. גרעטעל האט זיך צוגעטוליעט צו מיר און מיט א פרעהליכען בליק געקוקט פארווערטס אויף דעם לאנגען וועג, וואס האט זיך געצויגען פאר אונז. מיר זענען צוגעפאהרען צו א קליינעם רעסטאראן, וועלכען מיר האבען גוט געקענט פון דעם פאר־איאהריגען זומער; פון דער צייט, ווען ער איז געלעגען איינגאנצען אין גרינס פערזונקען. איצט האט ער אויסגעזעהען אזוי פערענדערט, אזוי עלענד, אזוי אבגעריסען פון דער איבריגער וועלט, ווי ווען מען וואלט איהם איצט נאר וואס ענטדעקט. דער אויווען אין'ם פארערשטען צימער האט אזוי געגליהט, אז מיר האבען געמוזט אברוקען אונזער טישעל; און אזוי ווי די לינקע בעקעל מיט דעם לינקען אויער'ל ביי מיין גרעטל'ען זענען זעהר רויט געווארען, האב איך איהר געמוזט קושען די אנדערע בעקעל. היינט דאס פאהרען צוריק, שוין פארנאכט־צייט. גרעטעל האט זיך שטארק צוגעטוליעט צו מיר און גענומען מיינע ביידע הענד אין איהרע. דערנאך האט זי געזאגט: „היינט ענדליך, ביזטו ווידער מיינער!" זי

האט, גלייך אהן גריבלענישען און חקירות, געפונען דאס ריכטיגע ווארט, וואס האט מיך אזוי פרעהליך געמאכט. ס'קען זיין, אז די פרישע לופט אויפ'ן פרייען פעלד האט אויך אויף מיר גוט געווירקט, ווארום איך פיהל זיך איצט א סך פרייער און לייכטער, ווי אין די לעצטע טעג. —

* *
*

דא נישט לאנג, ווען איך בין געלעגען נאכמיטאג אויפ'ן דיוואן און געדרעמעלט, האט מיך פלוצלונג איבערראשט א מערקווירדיגער געדאנק. מיר איז פארגעקומען, אז איך בין עפעס א מאדנער הארטער, קאלטער מענש; א מענש, וועלכער וואלט געקאנט אהן טרערען און אהן א שום צייכען פון גייסטיגע אינערליכע ליידען שטעהן פאר א קבר, ביי'ם אראבלאזען אין איהם דעם קערפער פון א געליעבט בעשעפעניש; א הארץ, וואס איז אזוי פערהארטעוועט געווארען, אז אפילו די שרעקליכקייט, וואס ס'האט אין זיך דער טויט פון א יונגעם וועזען, קען ביי איהם קיין פערצייהונג נישט ארויסרופען... יא, נישט פערצייהען, דאס איז דער קוואל פון מיינע ליידען...

* *
*

אלץ איז פערביי, אלץ איז שוין אריבער. דאס לעבען, די פערשידענע פערגניגענס און דאס ביסעל ליעבע האבען פעריאגט פון מיר די אלע נארעשע געדאנקען. איך האב אנגעהויבען ווידער קומען צווישען מענשען. איך האב זיי גאנץ ליעב: זיי זענען עפעס אזוי זארגלאז, זיי פלוידערן עפעס אזוי פרעהליך וועגען פערשידענע נארעשקייטען. און גרעטעל! דאס איז א ליעב, צערטליך בעשעפעניש און אמשענסטען איז זי, ווען זי שטעלט זיך אוועק ביי מיר אין פענסטער, נאכמיטאג, און די גאלדענע זונענשטראהלען בלישטשען אויף איהר בלאנדען קאפ.

* *
*

היינט איז געשעהען עפעס אונגעוועהנליכעס... היינט איז ריכטיג דער טאג, אין וועלכען איך פלעג אלע מאנאט

ערהאַלטען פֿון איהר בלומען... און די בלומען זענען ווידער אָנגעקומען; עפּעס ריכטיג, ווי... ווי עס וואָלט זיך קיין זאַך נישט געענדערט. זיי זענען אָנגעקומען אין דערפֿריה מיט דער פּאָסט, און אַ ווייסעס, לאַנגעס און שמאָלעס שאַכטעל. ס׳איז נאָך גאַנץ פֿריה געווען; דער שלאָף איז מיר נאָך געלעגען אויף די אויגען. נאָר ווי איך האָב געעפֿענט דאָס-שאַכטעל, איז דער שלאָף גלייך פֿערשוואונדען געוואָרען... איך האָב זיך דערשראָקען... אין שאַכטעל זענען געלעגען, צערטליך צוזאַמענגעבונדען מיט אַ פֿיינעם גאָלדענעם שנירעל, בעלקען און פיאַלקעס... ווי אין אַ קבר זענען זיי דאָ געלעגען. און ווען איך האָב די בלומען אין האַנד גענומען, איז מיר אַ שווידער דורכגעגאַנגען איבערן לייב. — איך וויים, ווי אַזוי זיי זענען היינט אָנגעקומען. ווען זי איז קראַנק געוואָרען און אפשר דאַמאָלס שוין, ווען זי האָט געפֿיהלט דעם נאָהנטען טויט, האָט זי געגעבט איהר געוועהנליכען בעשטעלונג אין בלומענמאַגאַזין, און האָט אָנגעזאָגט מ׳זאָל עס מיר אָבשיקען אין דעם=און=דעם טאָג. פֿאַר אַזאַ ריהרענדער צערטליכקייט דאַרף מען דאַנקבאַר זיין. — געוויס, נאָר אַזוי לאָזט זיך די זאַך ערקלערן אַלס גאַנץ נאַטירליך, אַלס ריהרענדע אויפֿמערקזאַמקייט אפשר... און דאָך, ווען איך האַלט זיי אין האַנד, די בלומען, און ווען זיי הויבען אָן, ווי ס׳דאַכט זיך, צו ציטערן און צו בויגען זיך אין אַלע זייטען, הויב איך אָן, געגען מיין ווילען און געגען מיין פֿערשטאַנד, צו זעהען אין זיי עפּעס, וואָס איז פֿול מיט סודות, און וואו גייסטער שוועבען אַרום... עפּעס, ווי די בלומען וואָלטען געקומען פֿון איהר, ווי זיי וואָלטען געווען אַ גרוס פֿון איהר... מיר שטעלט זיך פֿאָר, אַז דאָס האָט זי, שוין טויטערהייד, נאָך אַלץ געוואָלט דערצעהלען מיר פֿון איהר ליעבע, פֿון איהר פֿערשפּעטיגטער טריייהייט. — אָח, מיר פֿערשטעהען דעם טויט נישט. קיינמאָל וועלען מיר איהם נישט פֿערשטעהן; יעדעס בעשעפֿינעש ווערט אין דער אמת׳ן ערשט דאַמאָלס טויט, ווען עס זענען שוין אויסגעשטאָרבען אויך די אַלע, וואָס האָבען עס געקענט... איך האָב היינט די בלומען אין האַנד גענומען גאָר אַנדערש, ווי אַלע מאָל, צאַרטער, פֿאָרזיכטיגער, ווי מורא האָבענדיג, עס זאָל זיי נישט וועה טאָן, ווען מ׳וועט

זיי צו גראב אנעהמען, און זייערע שטילע נשמות זאלען נישט אנהויבען שטילערהייד צו זיפצען... איצט נאך, ווען זיי שטעהען פאר מיר אויף מיין שרייבטיש אין א הויכען מאט־גרינעם גלאז, דאכט זיך מיר, אז זיי נייגען זייערע קעפלעך מיט דעם אויס־דריק פון טרויעריגער דאנקבארקייט... איך פיהל אין זייער דופט דעט גאנצען וועהטאג פון האפנונגס־לאזער בענקשאפט און מיר שטעלט זיך פאר, אז זיי וואלטען מיר א סך געקענט דערצעהלען, ווען מיר וואלטען פערשטאנען די שפראך נישט פון אלע רעדענדע, נאר פון אלע — לעבענדע.

* * *

איך וויל זיך נישט אבנארען מעהר. דאס זענען בלומען, און מעהר גארנישט! דאס זענען נאר גרוסען פון יענער וועלט, אין זיי הערט זיך אבער נישט קיין רופען, ניין, זיי רופען נישט צו זיך אין קבר. — דאס זענען בלומען, און וועלכע ס'איז פערקויפערין פון וועלכען ס'איז בלומענגעשעפט האט זיי גאנץ מעכאניש צוזאמענגעבונדען, מיט א שטיקעל וואטע ארומגעלעגט, ארייגעטאן אין א ווייסען שאכטעל און עס איבערגעגעבען אויף דער פאסט. איצט זענען זיי אנגע־קומען אהער, און זיי ליגען דא פאר מיר. נו, איז וואס האב איך אזוי פיל צו קלערען וועגען זיי? —

* * *

איך פערברענג א סך אין פעלד און שפאציר א סך, גאר גאנץ אליין. ווען איך בין צווישען מענשען, פיהל איך נישט קיין שום צוזאמענהאנג מיט זיי; אזוי ווי אלע פעדים, וואס פערבינדען אונז, וואלטען איבערגעריסען געווארען. דאס זעלבע פיהל איך אויך דאן, ווען דאס ליעבע בלאנדע מעדעל זיצט ביי מיר אין צימער און פלוידערט מיר אן א פולען קאפ... איך ווייס אליין נישט וועגען וואס... און ווי נאר זי געהט ארויס, גלייך אין דער ערשטער מינוט, זעהט זי שוין אויס אזא ווייטע, עפעס אזוי, ווי דער מענ־שענשטראם וואלט זי באלד א חאפ געטאן און אוועקגעטראגען מיט זיך, אזוי ווי זי וואלט גלייך שפורלאז פערשוואונדען

געוואָרען אויף שטענדיג. ווען זי וואָלט שוין מעהר נישט צוריקגעקומען, וואָלט איך זיך גאָרנישט געוואונדערט.

* * *

די בלומען שטעהען נאָך אַלץ אין דעם שלאַנקען מאַט=גרינעם גלאָז. די שטענגעלעך שטעקען אין וואַסער און דאָס גאַנצע צימער איז פול מיט זייער אַראָמאַט. זיי שמעקען נאָך אַלץ, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיי שטעהען שוין ביי מיר איבער אַ וואָך און הויבען שוין אָן צו וועלקען. — און איך הויב אָן איצט צו בעגרייפען די אַלע נאַרישקייטען, פון וועלכע איך האָב ביז אַהער געלאַכט; איך הויב אָן צו פערשטעהן, אַז מ'קען זיך צונויפרעדען מיט די שטומע פאַרשטעהער פון דער נאַטור, אַז מ'קען ערוואַרטען אַ ענטפער, אויך פון די וואָלקען אין הימעל און די טייכלעך צווישען די בערג; מ'דאַרף נאָר רעדען מיט זיי. אָט קוק איך איצט אָן מיינע בלומען און וואַרט, זיי זאָלען אָנהויבען רעדען... וואָס רעד איך? ... איך ווייס דאָך זיכער, אַז זיי רעדען די גאַנצע צייט צווישען זיך... איצט אויך... אַז זיי רעדען כסדר און קלאָגען, און מיר דאַכט זיך, אַז ס'האַלט שוין דערביי, איך זאָל זיי אָנהויבען צו פערשטעהן.

* * *

ווי צופריעדען בין איך דערפון, וואָס דער ווינטער ענדיגט זיך שוין! אין דער לופט פיהלט זיך שוין דער נאָהנטער פריהלינג. די צייט געהט מיר אַריבער גענוג אומעטיג. איך האָב מיט קיין זאַך נישט געענדערט מיין אַרט לעבען און דאָך דאַכט זיך מיר אָפט, אַז די אויסערליבע שטריכען פון מיין לעבען זענען עפּעס געוואָרען נישט אַזוי פעסט, נישט אַזוי בעשטימט. די געשעהענישען פון דעם נעכטיגען טאָג ווערן פערשוואונדען פון מיין זכרון, און אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין די פריהערדיגע טעג, שטעלט זיך מיר פאָר, ווי עפּעס אַ נישט דייטליכער חלום. און יעדעס מאָל, ווען גרעטעל געהט אַוועק פון מיר, בעזונדער, ווען איך זעה זי נישט עטליכע טעג דורכאַנאַנד, שטעלען זיך מיר פאָר די בעציהונגען צווישען אונז, ווי אַ געשיכטע,

וואס האט שוין לאנג, לאנג פאסירט. זי קומט צו מיר יעדעס מאל פון ווייט, פון א אונענדליכער ווייטקייט! — זמת, ווען זי הויבט אן צו פלוידערן, ווערט אלץ צוריק ווי אמאל: איך הויב אן פיהלען דעם „איצט"; איך הויב אן פיהלען, אז איך לעב. דאמאלס דאכט זיך מיר, אז די ווערטער זענען צו הויך און די פארבען צו העל; און אויף וויפיעל דאס זעלבע גוטע מעדעלע, ווערט ווייט פאר מיר, ווען זי נעהמט פון מיר אוועק, אויף אזוי פיעל גליהענד און אנגענעהם איז פאר מיר איהר נאהנטקייט, איהר געגענווארט. פריהער פלעגט נאך איהר אוועקגעהן בלייבען ביי מיר א נאכקלאנג און א נאכבילד פון זינגענדע, ליכטיגע מינוטען; איצט אבער ווערט אלץ פערלאשען און פערשטיקט, פלוצלונג, ווי אין א זומפפען הויהל. — און איך בלייב דאן אליין מיט מיינע בלומען. זיי זענען שוין פערוועלקט, און האבען שוין קיין ארעמאט נישט. — גרעטעל האט זיי ביז אהער גארנישט בעמערקט; ערשט היינט דאס ערשטע מאל האט זיך איהר בליק לענגער אבגעשטעלט אויף זיי, און מיר האט זיך געדאכט, אז זי וויל מיך עפעס פרעגען. עפעס א געהיימע שרעק האט זי פלוצלונג אבגעהאלטען דערפון; — זי האט קיין ווארט נישט גערעדט, האט זיך באלד געזעגענט מיט מיר און איז אוועק.

* *
*

פון די בלומען האבען אנגעהויבען די בלעטלעך אראבצופאלען — איך ריהר זיך מעהר נישט צו צו זיי, איך האב מורא, זיי זאלען מיר נישט צוריבען ווערן צווישען די פינגער. און עס פערדריסט מיך שרעקליך, וואס זיי זענען פערוועלקט געווארען. נאר פארוואס איך האב נישט גענוג קראפט צו מאכען איין־מאל־פאר אלע־מאל א ענדע מיט דער נארעשער געשיכטע — ווייס איך נישט. זיי מאכען מיך קראנק, אט די טויטע בלומען. צייטענווייז, טרעפט, בין איך נישט אימשטאנד דאס אויסצוהאלטען און ענטלויף אינגאנצען פון שטוב. נעהמט מיך אבער ארום אין מיטען נאס א מאדנע אונרוהיגקייט, און איך מוז צוריקלויפען, א קוק־טאן אויף זיי. און דא געפין איך זיי דאן אין דעם זעלביגען גרינעם

גלאָז, אַזוי ווי איך האָב זיי איבערגעלאָזען — מיעד און טרויעריג. נעכטען און אָבענד האָב איך געוויינט פאַר זיי, ווי מ'וויינט אויף אַ קבר, און האָב גאָרנישט געטראַכט וועגען דער, פון וועמען זיי שטאַמען. — אפשר האָב איך אַ טעות! נאָר מיר דאַכט זיך, אַז גרעטעל פיהלט אויך די אַנוועזענהייט אין מיין צימער פון עפּעס אַ שרעקליכער, אונגעוועהנליכער זאַך. זי לאַכט שוין נישט היינט, ווען זי קומט צו מיר, און רעדט שוין נישט אַזוי הויך, מיט דער פרישער, קלינגענדער שטימע, וועלכע איך בין געוואוינט געווען צו הערען פון איהר-אמת, איך נעהם זי היינט נישט אויף, ווי אַמאָל. — דערצו מאַטערט מיך נאָך אַ שטענדיגער שרעק: וואָס וועט זיין, אַז זי וועט מיך פרעגען: „פון וואַנען האָסטו די בלומען?" איך פיהל, אַז איך וואָלט אַזאַ פראַגע נישט איבערגעטראָגען.

אָפט נעמט זי איהר האַנד-אַרבייט מיט צו מיר, און ווען איך האַלט נאָך די ביכער אין האַנד, זיצט זי שטיל ביי'ם טיש, נעהט-אויס אָדער שטריקט אויס, און וואַרט געדולדיג ביז איך לעג אַוועק די ביכער, און געה צו צו איהר, אום אַרויסצונעהמען ביי איהר די אַרבייט פון האַנד. דערנאָך נעהם איך אַראָב די גרינגע שיין פונ'ם לאָמפּ, ביי וועלכען זי איז געזעסען, און דאָס גאַנצע צימער ווערט פערגאָסען מיט אַ פריינדליכער, מילדער ליכטיגקייט. איך האָב נישט ליעב, אַז די ווינקלען פון צימער זאָל זיין דונקעל.

* *
*

פריהלינג! — מיין פענסטער שטעהט אינגאַנצען אָפען, און איך מיט גרעטעל'ן זענען געשטאַנען ביי איהם שפּעט ביי-נאַכט און האָבען געקוקט אויף די פינסטערע גאַסען. די לופט אַרום אונז איז געווען ווייך און וואַרם, און ווען איך האָב אַ וואָרף געטאָן מיין בליק אין ווינקעל גאַס, וואו ס'איז געשטאַנען אַ לאַמטערן און האָט פערשפּרייט אַרום זיך אַ שוואַכע דונקעלע ליכטיגקייט, איז דאָרטען געשטאַנען אַ שוואַרצער שאָטען... איך האָב געקוקט אויף דעם שאָטען און האָב איהם נישט געזעהן... איך בין זיכער, אַז איך האָב איהם נישט געזעהען... איך האָב פערמאַכט די אויגען און פון אונטער די אַראָבגעלאָזענע ברעמען האָב איך פּלוצ-

לונג. דערזעהען אַ אײנזאַמעס, דערשלאָגענעס בעשעפעניש פאַר דעם שוואַכען שײַן פון דער לאַמטערן; שוידערהאַפטדײַטליך האָב איך געזעהען דאָס געזיכט, ווי עס וואָלט בעלויכטען געוועזען פון אַ געלער זון און אין דעם בלאַס-טרויעריגען געזיכט האָב איך געזעהן די גרויסע, צוטומעלטע אויגען... לאַנגזאַם בין איך דאַן אַוועקגעגאַנגען פון פענסטער און האָב זיך געזעצט בײַ'ם שרײַבטיש; אויף איהם איז געשטאַנען אַ ליכט אין אַ לײַכטער און דאָס פײַער האָט זיך געשאָקעלט אין אַלע זײַטען פונ'ם ווינט, וואָס האָט געבלאָזען דורכ'ן אָפענעם פענסטער. איך בין געבליבען זיצען אונבעוועגליך, וואָרום איך האָב געוואוסט, אַז דאָס אָרעמע בעשעפעניש דאָרט אין ווינקעל גאַס שטעהט און וואַרט; און ווען איך וואָלט געוואַגט די טויטע בלומען אָנצוריהרען, וואָלט איך זיי אַרויסגענומען פון גלאָז און איהר אַוועקגעטראָגען, איהר, דאָרט, אין גאַס... איך האָב געטראַכט וועגען דעם, שטאַרק געטראַכט, חאָטש איך האָב פערשטאַנען גלײַך, אַז דאָס איז אַ נאַרעשקײַט. גרעטעל איז אויך אַוועקגעגאַנגען פון פענסטער, איז געבליעבען שטעהן אַ ווײַלע הינטער מײַן שטוהל און האָט שטיל אָנגעריהרט מײַנע האָאר מיט איהרע ליפּען. דערנאָך איז זי אַוועקגעגאַנגען, לאָזענדיג מיך אַליין... איך האָב שטאַרק אָנגעקוקט די בלומען. קײן בלומען זענען שוין אײגענטליך נישטאָ, עס זענען געבליבען נאָר די שטענגלעך פון זיי, אײַנגעטריקענטע, טרויעריגע... זיי מאַכען מיך קראַנק, זיי פיהרען מיך אַראָב פון זינען. — און דאָס מוז זיך זיכער לײַכט בעמערקען אויף מיר, וואָרום ווען נישט, וואָלט דאָך מיך גרעטעל געפרעגט אַמאָל וועגען זיי. זי פיהלט אויך מסתמא דאָס זעלבע וואָס איך, און דעריבער טאַקע לויפט זי אָפט אַרויס פון צימער, ווי עס וואָלטען אין איהם גײַסטער געוועזען.

* * *

גײַסטער! — יאָ, דאָס זענען זיי, זיי זענען עס! — טויטע זאַכען געוועלטיגען איבערן לעבען. און ווען פערוועלקטע בלומען הויבען אָן אַרויסצוגעבען דעם ריח פון צופוילטקײַט, איז עס נאָר אַ ערינערונג דערפון, אַז זיי האָבען אַמאָל געבליהט און געשמעקט. און געשטאָרבענע

קומען צו אונז אַזוי לאַנג, ווי מיר פֿערגעסען זיי נישט. — זי קען שוין היינט נישט רעדען, איך קען זי דאָך אָבער נאָך הערען! זי קומט שוין נישט מעהר צו מיר, איך זעה זי אָבער! — און דער פֿריהלינג אין דרויסען; און די זון, וואָס פֿערגיסט מיט ליכטיגקייט מיין דיוואַן; און דער אַראָמאַט פֿון די זיך־פֿינאַנדערלאָזענדע סירענען, וואָס דערטראָגט זיך צו מיר פֿון דעם נאָהנטען גאָרטען; און די מענשען, וועלכע געהען דאָ אונטען אין גאַס און וועלכע הויבען מיך נישט אָן צו אינטערעסירען, — גראַדע זיי זענען עס די לעבעדיגע? איך קען אַרונטערלאָזען די פֿאָרהאַנגען און די זון איז טויט. איך וויל פֿון די אַלע מענשען נישט וויסען, און זיי זענען טויט. איך פֿערמאַך דאָס פֿענסטער אַזוי, אַז דער סירענען־דופֿט זאָל נישט אַריינדרינגען צו מיר אין צימער, און דער פֿריהלינג איז טויט. איך בין מעכטיגער אי פֿון דער זון, אי פֿון מענשען, אי פֿון פֿריהלינג. אָבער נאָך מעכטיגער פֿון מיר איז — די ערינערונג. זי קומט, ווען איהר ווילט זיך אין אַנטלויפֿען פֿון איהר קען מען נישט. אָט די איינגעטריקענטע שטענגעלעך אין׳ם גלאָז זענען מעכטיגער פֿון אַלע סירענען־דופֿטען און פֿון׳ם פֿריהלינג.

* *
*

ווען איך בין געזעסען און געשריבען די שורות איז גרעטעל אַריינגעקומען. נאָך קיינמאָל איז זי אַזוי פֿריה נישט געקומען צו מיר: זי פֿלעגט קומען געוויינליך פֿאַר נאַכט. איך בין ערשטיינט געוואָרען, כמעט צוטומעלט; אַ פּאָר סעקונדען איז זי געבליבען שטעהן אין טהיר, און איך האָב געקוקט אויף איהר, זי נישט בעגריסענדיג. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבען שמייכלען און איז צוגעגאַנגען נעהנטער. אין האַנד האָט זי געהאַלטען אַ קליינעם בוקעט פֿון פֿרישע בלומען און, נישט רעדענדיג איין וואָרט, איז זי צוגעגאַנגען צו מיין שרייבטיש און האָט דעם בוקעט אַוועקגעלעגט פֿאַר מיר. גלייך דערמיט האָט זי אויסגעצויגען די האַנד און אַ חאַפּ געטאָן די פֿערוועלקטע בלומען פֿונ׳ם גרינעם גלאָז. איך האָב זיך געפֿהלט דערביי, ווי ווען אימיצער וואָלט מיר אַ שטיק האַרץ אויסגעריסען, איך האָב אָבער נישט געקענט אפילו איין וואָרט אויסרעדען... און ווען איך האָב זיך אויפֿ-

געהויבען, אום זי אָנצוכאַפּען ביי׳ם האַנד, האָט זי מיך שמייכלענדיג אָנגעקוקט. און, האַלטענדיג אין האַנד הויך איבערן קאָפּ די פּערוועלקטע בלומען, איז זי שנעל צוגעלאָפען פון טיש צום פענסטער און האָט זיי אַרויסגעוואָרפען אויפ׳ן גאַס. מיר האָט זיך געוואָלט נעהמען און זיך נאָכוואַרפען נאָך זיי; ביי׳ם שוועל פון פענסטער שטעהט אָבער דאָס ליעבע, מילדע מעדעל, און קוקט מיך אָן. איבער איהר בלאָנדען קאָפּ בלישטשעט די וואַרעמע ווייכע פריהלינגס-זון... און אין צימער הערט זיך אַ שטאַרקער סירענע-דופט. און איך קוק אָן דאָס לעדיגע גרינע גלאָז, וואָס שטעהט אויפ׳ן שרייבטיש און ווייס נישט, וואָס מיט מיר טוט זיך; מיר איז, דאַכט זיך, פרייער עטוואָס... לייכטער, אַ סך לייכטער, ווי פריהער. דאַן קומט צו גרעטעל, נעהמט איהר קליין בוקעט׳ל און טראָגט עס מיר צו נאָהנט צום געזיכט. ווייסע, פרישע סירענען... וואָס׳רע געזונדער, פרישער אַראָמאַט; — אַזאַ ווייכער, אַזאַ קיהלער; מיר האָט זיך געוואָלט דעם גאַנצען געזיכט איינגראָבען אין זיי, אין די לאַכענדע, ווייסע, קושענדע בלומען! און איך האָב געפיהלט, אַז דער שאָטען איז פערשוואונדען געוואָרען פון מיינע אויגען. — גרעטעל איז געשטאַנען הינטער מיר און האָט אַרומגעפיהרט איהרע ווילדע הענדטלעך אין מיינע האָר. „דו ליעבינקער נאַרעלע!—" האָט זי געזאָגט. האָט זי געוואוסט, וואָס זי האָט דאָ אָבגעטאָן? ... איך האָב גענומען איהרע הענד און זיי געקושט. — פאַרנאַכט זענען מיר ביידע שפּאַצירען געגאַנגען אין פעלד, אינ׳ם פריהלינג און נאָר וואָס בין איך מיט איהר צוריקגעקומען. איך האָב אָנגעצונדען אַ ליכט. מיר זענען אַ סך געגאַנגען צו-פוס און גרעטעל איז אַזוי מיעד געוואָרען, אַז זעצענדיג זיך אינ׳ם וויעגשטוהל נעבען קאַמין, איז זי גלייך איינגעשלאָפען. ווי שען זי איז, ווען זי שמייכעלט אַזוי אין שלאָף!

אינ׳ם שלאַנקען גרינעם גלאָז שטעהען פאַר מיר די סירענען. — און אונטען אויפ׳ן גאַס — ניין, ניין, זיי ליעגען שוין לאַנג נישט אונטען... דער ווינט האָט זיי שוין לאַנג צוטראָגען מיט׳ן שטויב פון גאַס...

ארטור שניצלער.

# געזאמעלטע שריפטען.

צווייטער טייל.

# שטארבען.

(נאוועללע).

איבערזעצט דורך

ב. ק—י.

פערלאג: „וועלט־ביבליאטעק".

ווארשא.
תר"ע.

מאשינען-זאץ-דרוקעריי פון ג. ראזענפעלד, ווארשא, פאנסקא נומ' 20.

Типографія „Гацефиры“ Панская 40

די זון האָט שוין געהאַלטען בײַן אונטערגעהן, ווען מאַריאַ האָט זיך אויפגעהויבען פון דער באַנק, אויף וועלכער זי איז געזעסען אַ האַלבע שעה. פריהער האָט זי געלייענט אַ בוך, נאָר דערנאָך האָט זי אָנגעשטעלט איהר בליק אויף דעם אַרײַנגאַנג פון דער אַלעע, דורך וועלכער פעליקס האָט געדאַרפט אָנקומען. קיינמאָל האָט ער נאָך נישט געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטען אויף זיך! ס'איז געוואָרען עטוואָס קיהלער, אין דער לופט אָבער האָט זיך נאָך געשפירט די מילדקייט פון דעם פערגעהענדען מאַי-טאָג.

אין גאָרטען האָט זיך געפונען אַ גאַנץ קליינעס פובליקום און אַלע שפּאַצירענדע האָבען זיך געצויגען צו די טויערן, וועלכע האָבען שוין געדאַרפט באַלד פערשלאָסען ווערען. מאַריאַ איז שוין געווען נאָהנט פון אַרויסגאַנג, ווען זי האָט פּלוצלונג בעמערקט פעליקס'ן. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט זיך פערשפּעטיגט, איז ער דאָך געגאַנגען פאַמעליך, און ערשט דאַמאָלס, ווען זיינע אויגען האָבען זיך בעגעגענט מיט איהרע, האָט ער זיך אַביסעל צוגעאײַלט. זי איז געבליבען שטעהן, האָט אונטערגעוואַרט אויף איהם, און ווען ער האָט שמייכלענדיג געדריקט די האַנד, וואָס זי האָט איהם נאַכלעסיג דערלאַנגט, האָט זי איהם געפרעגט מיט אַ וויכער פּרעטענזיע:

— האָסטו דען ביז איצט געמוזט אַרבייטען?

ער האָט איהר דערלאַנגט דעם אָרעם און גאָרנישט געענטפערט.

— נו? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ, קינד, — האָט ער זיך אָבגערופען — און דערצו נאָך האָב איך אײַנגאַנצען פערגעסען אַ קוק צו טאָן אויפ'ן זייגער.

זי האָט איהם בעטראַכט פון דער זייט. ער האָט איהר אויסגעזעהען איצט בלאַסער ווי געוועהנליך.

— געפינסטו נישט, — האט זי צערטליך געזאגט — אז עס וואלט בעסער זיין, ווען דו וואלסט איצט אביסל מעהר צייט אבגעגעבען דיין מאריא'ן? לעג אוועק דיין ארבייט אויף א געווייסע צייט. מיר וועלן בעסער מעהר שפאציערען געהן. יא? פון היינט־אן וועסטו שוין שטענדיג ארויסגעהן פון שטוב מיט מיר צוזאמען.

— אזוי...

— יא, פעליקס, איך וועל דיך שוין איבערהויפט נישט לאזען מעהר אליין.

ער האט שנעל, ווי דערשראקען, א קוק געטאן אויף איהר.

— וואס איז מיט דיר? — האט זי געפרעגט.

— גארנישט!

זיי זענען צוגעקומען צום ארויסגאנג, און דאס אבענדליכע גאסענלעבען האט פרעהליך געראושט ארום זיי. די גאנצע שטאדט האט אויסגעזעהן ווי בעהערשט פון עפעס א אלגעמיינעם אונגעוואוסטען גליק וואס דער פריהלינג האט געבראכט מיט זיך.

— דו ווייסט, וואס מיר וואלטען געקענט איצט טאן? — האט ער געפרעגט.

— נו?

— געהן אין פראטער.

— אי ניין, דא אנומעלטען איז דארט אונטען געווען אזוי קאלט.

— אבער זעה נאר! דא אין גאס איז שוין כמעט היים. מיר קענען דאך באלד געהן צוריק. קום, לא'מיר געהן!

ער האט געערדט אבגעבראכען, צושטריט.

— עפעס מאדנע רעדסטו היינט, פעליקס?

— ווי?...

— וועגען וואס טראכסטו? דו ביזט דאך מיט מיר, מיט דיין מאריא'ן.

ער האט א קוק געטאן אויף איהר מיט א שטארען, פערטראכטען בליק.

— טייערער! — האט זי אינרוהיג אויסגערופען און פעסטער זיך צוגעדריקט צו זיין ארעם.

— יא יא, — האט ער געזאגט, צו זיך קומענדיג — ס'איז היים, גאנץ בעשטימט. איך בין נישט צושטריט! און ווען יא

אפילו, דארפסטו מיר אויך ענטשולדיגען.

זיי האבען זיך געלאזען געהן אין די גאסען, וואס פיהרען צום פראטער. פעליקס איז געווארען נאך שוויינגעדיגער, ווי געוועהנליך. די לאנטערנעס זענען שוין געוועזען אנגעצונדען.

— דו ביזט היינט געוועזען ביי אלפרעדן? — האט זי פלוצלונג געפרעגט.

— צו וואס?

— דו האסט זיך דאך געקליבען צו געהן?

— ווער? איך?

— דו האסט זיך נעכטען אין אבענד געפיהלט אזוי שוואך.

— אמת.

— און ביזט נישט געוועזען ביי אלפרעדן?

— ניין.

— דו ועהסט, נעכטען ביזטו נאך קראנק געוועזען, און איצט ווילט זיך דיר ארומגעהן אינ'ם פייכטען פראטער. דאס איז ווירקליך נישט פארזיכטיג.

— א, ס'איז אלץ איינס.

— איך בעט דיך, רעד נישט אזוי. דו וועסט דיך נאך אינגאנצען איבערפיהרען.

— קום, זעה, — האט ער געזאגט כמעט מיט א ווינענדיגער שטימע. — קום, לאמיר געהן. איך בענק נאכ'ן פראטער. מיר וועלען געהן דארט אהין, וואו ס'איז יענעם מאל געוועזען אזוי שען. דו ווייסט, דארט, אינ'ם גארטען-זאל; דארטען איז דאך נישט קיהל.

— יא, יא.

— ווירקליך נישט! און היינט איז אין אלגעמייןווארעם. אין שטוב קענען מיר דאך איצט נישט געהן. ס'איז צו-פריה. און מיר ווילט זיך נישט עסען אין שטאדט קיין אבענדברויט אויך, ווייל ערשטענס האב איך היינט קיין חשק נישט צו זיצען א פערשפארטער אין רעסטאראן, און צווייטענס, שאדט מיר דער רויך, — און אזוי פיעל מענשען זעהען וויל איך אויך נישט: איך קען דעם גערויש נישט פערטראגען!

אין אנהויב האט ער גערעדט שנעל און העכער ווי געוועהנליך. די לעצטע ווערטער אבער האט מען קוים געהערט. מאריא האט זיך נאך פעסטער צוגעדריקט צו זיין האנד. איהר האט פער-

קוועטשט דאָס האַרץ, און זי האָט אויפגעהערט רעדען, פיהלענדיג טרערען אין איהר שטימע. זיין בענקען נאָך דעם שטילען רעסטאָראַן אים פּראַטער, נאָך דעם פריהלינגס-אָבענד אין גרינעם און שטילקייט פערזונקען, — איז איבערגעגאַנגען אויך צו איהר. אַ ווײַלע האָבען זיי ביידע געשוויגען; אויף זיינע ליפּען האָט געבלאָנדזשעט אַ מידער, לאַנגזאַמער שמייכעל, און ווען ער האָט זיך אומגעווענדעט צו איהר, האָט ער פּראָבירט אין זיין שמייכעל אַריינלעגען אַ אויסדריק פון גליק. זי אָבער, וועלכע האָט איהם גוט געקענט, האָט גלייך דערשפּירט, אַז דאָס איז געצוואונגען.

זיי זענען אַריין אין פּראַטער. די ערשטע אַלעע, וואָס געהט אָב אָן אַ זייט פון דער הויפּט-וועג און ווערט כמעט פערשוואונדען אין דער פינסטערניש, האָט געפיהרט צו זייער ציעל. דאָרט איז געשטאַנען דער איינפאַכער רעסטאָראַן; דער גרויסער גאָרטען איז געווען שוואַך באַלויכטען, די טישען זענען געשטאַנען נישט געדעקט און די שטוהלען זענען געלעגען אָנגעשפּאַרט אָן זיי. דערביי, אין די קיילעכדיגע לאַנטערנעס אויף די שלאַנקע, גרינע שטענגלעך האָבען טריב געפינקעלט רויטע פייערלעך. ביי די טישלעך זענען געזעסען עטליכע געסט, צווישען זיי אויך דער ווירט אַליין. מאַריאַ און פעליקס זענען פערבייגעגאַנגען; דער ווירט האָט זיך אויפגעשטעלט און געצויגען דעם הוט. זיי האָבען געעפענט די טהיר צום גאָרטען-זאַל, אין וועלכען עס האָבען געברענט עטליכע האַלבאַראָבגעדרעהטע גאַז-לאָמפּען. אַ קליינער קעלנער-יונג איז געזעסען אין אַ ווינקעל און געדרעמעלט. ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבען, געשווינד אַרויפגעדרעהט די גאַז-ברענער און געהאָלפען די געסט אַראָבנעהמען פון זיך די אויבערשטע מלבושים. זיי האָבען זיך געזעצט אין אַ ווינקעל, וואו עס איז געווען גאַנץ הונקעל און בעקוועם, און האָבען צוגערוקט זייערע שטוהלען גאַנץ נאָהנט צוזאַמען. זיי האָבען בעשטעלט עפּעס צו עסען און צו טרינקען נישט לאַנג קלייבענדיג, און זענען געבליעבען אַליין. נאָר די טריבע רויטע פייערלעך האָבען אַריינגעקוקט אַהער דורך די פענסטער און די ווינקלען פון זאַל זענען אויך געווען פערזונקען אין האַלבער פינסטערניש.

זיי האָבען נאָך אַלץ ביידע געשוויעגען, ענדליך האָט מאַריע נישט אויסגעהאַלטען און מיט אַ ציטערנדער שטימע געפרעגט:

— זאָג מיר, פעליקס, וואָס איז מיט דיר? איך בעט דיך, זאָג מיר.

ווידער האָט דאָס בעקאַנטע שמייכעל אַ שיין געטאָן אויף זיינע ליפּען.

— גאָרנישט, קינד, — האָט ער געזאָגט. — פרעג נישט. מיינע משוגעת'ן זענען דאָך שוין פאַר דיר קיין נייעס נישט — און אפשר קענסטו זיי טאַקע נאָך אַלץ נישט? —

— דיינע משוגעת'ן, אָ יאָ, געוויס. איצט אָבער איז עס נישט קיין משוגעת ביי דיר. איך זעה דאָך: דו ביזט עפּעס צורודערט. דאָ שטעקט עפּעס אין דעם. איך בעט דיך, פעליקס, זאָג מיר, וואָס איז מיט דיר? זאָג שוין, איך בעט דיך!

ער האָט געמאַכט אַ אונגעדולדיגע מיענע; דערווייל איז אַריין דער קעלנער און דערלאַנגט דעם בעשטעלטען אָבענד־ברויט.

— זאָג מיר, זאָג מיר, — האָט זי נאָכאַמאָל געבעטען, ער אָבער האָט אָנגעוויזען מיט די אויגען אויפ'ן קעלנער און געמאַכט אַ ערגערליכע בעוועגונג. דער קעלנער איז אַרויס.

— איצט זענען מיר אַליין, — האָט מאַריע געזאָגט.

זי האָט זיך צוגערוקט צו איהם נעהנטער און גענומען זיינע בײדע הענד אין איהרע.

— וואָס איז מיט דיר? וואָס איז מיט דיר? איך מוז עס וויסען. האָסטו מיך שוין מעהר נישט ליעב?

ער האָט געשוויגען. זי האָט געקושט זיין האַנד. ער האָט זי פאַמעליך אַרויסגעצויגען.

— נו? נו?

ער האָט אַ וואָרף געטאָן זיין בליק איבער'ן זאַל, אַזוי ווי זוכענדיג הילף אַרום זיך.

— איך בעט דיך, לאָז מיך אָב, פרעג נישט, מאַטער מיך נישט!

זי האָט אָבגעלאָזען זיין האַנד און איהם שאַרף אָנגעקוקט.

—איך וויל וויסען.

ער איז אויפגעשטאַנען און טיעף אָבגעצויגען דעם אָטעם. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעהאַפּט מיט בײדע הענד פאַר'ן קאָפּ און געזאָגט:

—דו מאַכסט מיך משוגע. פרעג נישט.

נאָך אַ לאַנגע ווײלע איז ער אַזוי געבליעבען שטעהן מיט שטאַרע אויגען, און זי האָט פול מיט אַנגסט נאָכגעשפּירט זיין בליק.

וועלכער איז געווען געריכטעט אין דעם לעדיגען רוים. ענדליך האט ער זיך אוועקגעזעצט, האט אנגעהויבען אטעמען רוהיגער, און א מידע מילדקייט האט זיך צוגאסען אויף זיין געזיכט. אין עטליכע סעקונדען ארום האט ער זיך איינגאנצען בערוהיגט און מיט א שטילער, ליעבענסווירדיגער שטימע געזאגט צו מאריען:

— נו, טרינק־זשע, עס.

זי האט געהארזאם גענומען אין האנד א גאפעל מיט א מעסער און מיט אנגסט געפרעגט:

— און דו?

— יא, יא, — האט ער געענטפערט, ער איז אבער געבליעבען זיצען אונבעוועגליך און האט זיך צו קיין זאך נישט צוגערירט.

— איך וועל אויך נישט עסען, — האט זי געזאגט.

דאן האט ער אויך אנגעהויבען עסען און טרינקען. באלד אבער האט ער שווייגענדיג אוועקגעלעגט דעם גאפעל מיט'ן מעסער און אנגעשפארט דעם קאפ אן האנד, נישט קוקענדיג אויף מאריע'ן. זי האט איהם א ווייל אנגעקוקט מיט שטייף צונויפגעפרעסטע ליפען, דערנאך האט זי ארויסגענומען זיין ארעם, וואס האט פערשטעלט פון איהר זיין געזיכט. און איצט האט זי געזעהן, ווי זיינע אויגען גלאנצען, און אין דער סעקונדע, וואס זי האט אויסגעשריען: „פעליקס, פעליקס", האט ער אנגעהויבען צו וויינען, הייס און הליפענדיג. זי האט אנגעשפארט זיין קאפ אן איהר ברוסט, האט איהם געגלעט די האר, געקושט אין שטערן און געוואלט מיט איהרע קושען זיינע טרערען פערטרייבען.

— פעליקס, פעליקס!

און ער האט געוויינט אלץ שטילער און שטילער.

— וואס איז מיט דיר, אוצר מיינער, טייערער, איינציגער מיינער, זאג מיר!

און ער האט נאך אלץ געהאלטען דעם קאפ צוגעפרעסט צו איהר ברוסט, אזוי אז זיינע ווערטער זענען צו איהר צוגעקומען דומפף און שווער:

— מאריע, מאריע, איך האב עס דיר ביז אהער נישט געוואלט זאגען. איין יאהר נאך, און דאן איז אלץ — אויס...

און איצט האט ער געוויינט ביטער און אויס'ן קול. זי אבער, מיט ברייט פונאנדערגעעפענטע אויגען און טויט־בלאס, האט קיין

זאַך נישט פֿערשטאַנען, האָט נישט געוואָלט קיין זאַך פֿערשטעהן. עטוואָס קאַלטעס און שרעקליכעס האָט איהר דעם האַלז צוזאַמענ־געצויגען און ענדליך האָט זי פּלוצלונג אויסגעשריען:

— פֿעליקס, פֿעליקס!

דאַן האָט זי זיך אַראָבגעלאָזען פֿאַר איהם אויף די קניע און געקוקט אויף זיין פֿערוויינטען, פֿערביטערטען געזיכט, וואָס איז געווען אַראָבגעזונקען אויפ׳ן ברוסט.

ער האָט זי געזעהן שטעהענדיג פֿאַר איהם אויף די קניע און געפֿליסטערט:

— שטעה אויף, שטעה אויף.

זי איז אויפֿגעשטאַנען, מעכאַניש פֿאָלגענדיג איהם, און האָט זיך געזעצט איהם אַנטקעגען. זי האָט נישט געקענט רעדען, זי האָט נישט געקענט פֿרעגען. פּליצלונג, נאָכדעם, ווי ער איז עטליכע סע־קונדען געזעסען פֿערזונקען אין אַ טיעפֿער שטילקייט, האָט ער אויפֿגעהויבען די אויגען אין דער הויך און טיעף אָבגעזיפֿצט, ווי ווען ער וואָלט זיין בעלאָדען מיט עפּעס אַ אונבעגרייפֿליכער משא:

— ס׳איז שרעקליך! שרעקליך!

זי האָט צוריק בעקומען איהר שטימע.

— קום, קום... — מעהר אָבער האָט זי נישט געקענט רעדען.

— יאָ, מיר וועלען געהן, — האָט ער געזאָגט, בעגלייטענדיג זיינע ווערטער מיט אַ בעוועגונג, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן עפּעס אָבשאָקלען פֿון זיך. ער האָט צוגערופֿען דעם קעלנער, בעצאָהלט פֿאַר׳ן אָבענדברויט, און ביידע זענען שנעל אַרויס פֿון זאַל.

אין דרויסען האָט זיי שווייגענדיג אַרומגענומען די פֿריהלינגס־נאַכט. אין דער הינקלער אַלעע איז מאַריע געבליבען שטעהן און אָנגענומען איהר געליעבטענס האַנד:

—זאָג מיר ענדליך —

ער האָט זיך איינגאַנצען בערוהיגט, און דאָס, וואָס ער האָט איהר געענטפֿערט, האָט געקלונגען איינפֿאַך, פּשוט, ווי ווען עס וואָלט אייגענטליך גאָרנישט אַזוי וויכטיג געווען. ער האָט בעפֿרייט זיין האַנד פֿון איהרע און געגלעט איהרע באַקען. ס׳איז געווען אַזוי הינקעל, אַז זיי האָבען זיך קוים געזעהן איינער דעם אַנדערן.

— נאָר שרעק דיך נישט, מערי, אַ יאָהר — דאָס איז דאָך לאַנג, אַזוי לאַנג! ריכטיג איין יאָהר נאָך האָב איך צו לעבען.

זי האָט אויסגעשריען:

—— דו ביזט משוגע, דו ביזט פון זינען אַראָב!

— ס'איז אַ פערברעך, וואָס איך האָב עס דיר אין אַלגעמיין געזאָגט, און אַ נאַרעשקייט אויך. פערשטעהסט אָבער, ווי'סען דאָס אַלץ אַליין און אַזוי איינזאַם אַרומגעהן, שטענדיג מיט דעם געדאַנק — איך וואָלט דאָך דאָס סיי־ווי־סיי נישט לאַנג אויסגעהאַלטען. ס'איז אפשר נאָך בעסער, וואָס דו ווערסט דיך צוגעוואָהנען דערצו. קום זשע ווייטער? וואָס שטעהען מיר דאָ? איך אַליין, מאַריע, האָב זיך שוין צוגעוואָהנט צו דעם געדאַנק. אַלפרעד'ן האָב איך שוין לאַנג אויפגעהערט צו גלויבען.

— דו ביזט, הייסט עס, נישט געוועזן ביי אַלפרעדן? די אַנדערע דאָקטוירים הויבען דאָך נישט אָן צו פערשטעהן קיין זאַך.

— זעהסטו, קינד, אין דעם פערלויף פון די לעצטע וואָכען האָב איך שרעקליך געליטען, נישט וויסענדיג זיכער, וואָס מיט מיר איז. איצט איז שוין בעסער: איך ווייס האָטש, ווייניגסטענס, אַלץ. איך בין געוועזן ביי פראָפעסאָר בערנאַרד, און ער האָט מיר געזאָגט דעם ריינעם אמת.

— אָה, ניין, ער האָט דיר נישט געזאָגט דעם אמת. ער האָט דיר געוויס געוואָלט נאָר איבערשרעקען, כדי דו זאָלסט פאָרזיכטיגער זיין.

— מיין טייערע, איך האָב מיט דעם מענשען זעהר ערנסט גערעדט. איך האָב געמוזט איין מאָל פאַר אַלע מאָל דערגעהן דעם אמת. פערשטעהסט, האָטש צוליעב דיר.

— פעליקס, פעליקס, — האָט זי אויסגעשריגען און איהם אַרומגענומען מיט ביידע אָרעמס. — וואָס רעדסטו? אָהן דיך וועל איך אפילו קיין איין טאָג נישט לעבען, קיין איין שעה נישט.

— קום, — האָט ער געזאָגט אין דער שטיל. — זיי רוהיג.

זיי זענען צוגעקומען צום אַרויסגאַנג פון פראַטער. אַרום זיי איז געוואָרען לעבעדיגער: טומעלדיג און ליכטיג. אין די גאַסען האָבען זיך געהערט קלאַפערייען פון רעדער און דאָס פייפען און קלינגען פון טראַמוויי, און איבער זיי, אויפ'ן בריק, האָט זיך דורכגעטראָגען מיט אַ שווערען גערויש אַ אייזענבאַהן־צוג.

מאַריאַ'ן איז אַ שוידער דורכגעלאָפען איבער'ן לייב. אָט דאָס דאָזיגע גאַנצע לעבען האָט עפּעס מיט איין מאָל בעקומען דעם

אויסזעהען פון עטוואָס גיפטיג־לאַכעדיגעס, פיינדליכעס, און איהר האָט פערקוועטשט דאָס האַרץ. זי האָט איהם מיטגעצויגען מיט זיך, און זיי האָבען זיך געלאָזען געהן אַהיים נישט דורך די ברייטע הויפט־גאַסען, נאָר דורך שטילע הינטער־געסלעך.

געהענדיג, איז איהר פלוצלונג איינגעפאַלען, אַז פאַר איהם, וואָלט מען געדאַרפט נעהמען אַ עקיפאַזש, זי האָט זיך אָבער נישט בעשלאָסען איהם דאָס צו זאָגען, — מיקען דאָך געהן פאַמעליך.

— דו וועסט נישט שטאַרבען, ניין, ניין, — האָט זי אין דער שטיל גערעדט, צודריקענדיג איהר קאָפּ צו זיין אַקסעל. — נאָר אָהן דיך וועל איך אויך נישט לעבען.

— טייערע מיינע, שפעטער וועסטו אַנדערש טראַכטען. איך האָב מיר שוין אַלץ גוט דורכגערעכענט. געוויס אַזוי. דו ווייסט: ווי נאָר ס'האָט זיך פלוצלונג געעפענט פאַר מיר די גרענעץ, האָב איך אָנגעהויבען זעהען, אַזוי שאַרף, אַזוי דורכדרינגענד.

— ס'איז קיין גרענעץ נישטאָ.

— ריכטיג, מיין אוצר, מען קען עס גאָרנישט גלויבען. איצט, אין דער מינוט, גלויב איך עס אויך נישט. ס'ליעגט עפּעס אין דעם עטוואָס אונבעגרייפליכעס, ניין? בערעכען נאָר: אָט געה איך איצט מיט דיר און רעד אַרויס אויפ'ן קול ווערטער, וועלכע דו הערסט, און אין אַ יאָהר אַרום וועל איך ליעגען אַ קאַלטער, אַ טויטער, אפשר שוין אַ צופאַלענער...

——הער אויף, הער אויף!

— און דו, דו וועסט בלייבען די זעלביגע, אַזוי ווי איצט. אָט אַקוראַט די זעלביגע, נאָר אַביסעל בלאַסער פון ווייגען, דערנאָך אָבער וועט נאָך אַ אָבענד קומען, און נאָך איהם אַ סך אַנדערע אָבענדען, און דער זומער און דער הערבסט און דער ווינטער און ווידער אַ פריהלינג... און איך בין שוין דאַמאָלס אַ יאָהר לאַנג טויט און קאַלט. יאָ!... וואָס איז מיט דיר?...

זי האָט ביטער געוויינט. די טרערען האָבען זיך געצויגען איבער איהרע באַקען און זענען אַראָבגערונען אויפ'ן האַלז.

אַ פערצווייפעלטעס שמייכעלע האָט זיך אַ וויי געטאָן אויף זיין געזיכט און ער האָט געמורמעלט צווישען די ציהן, הייזעריג, גיפטיג:

— ענטשולדיג.

זי האט ווייטער געוויינט; זיי זענען געגאנגען פאראויס; ער האט געשוויגען. זייער וועג האט זיי געפיהרט פערביי דעם שטאדט-גארטען, דורך הינקעלע, שטילע און ברייטע גאסען, וואו עס האט זיך געהערט א לייכטער, שוואכער ריח פון פיילכען. זיי זענען פאמעליך ווייטער געגאנגען. אויף דער אנדערער זייט האט זיך געצויגען א גלייכע רייהע הויכע גרויע און געלע הייזער, און נאהנט פון זיי האט זיך ארויסגעזעהן דער מאיעסטעטישער טורם פון דער קארלס-קירכע, ארויסשטייגענדיג אין דעם בלויען נאכט-הימעל. זיי זענען אריין אין א זייטיגער גאס און צוגעגאנגען צו דעם הויז, אין וועלכען זיי האבען געוואהנט. דאן האבען זיי זיך פאמעליך אויפ-געהויבען אויף די שוואך בעלויכטענע טרעפ און געהערט פון הינטער די אפענע טהירען און פענסטער דאס לאכען און פלוידערן פון די דיענסטמעדלעך. אין א פאר מינוטען ארום האבען זיי פער-שלאסען די טהיר הינטער זיך. דאס פענסטער איז געווען אפען; עטליכע הינקעלע רויזען, וועלכע זענען געשטאנען אין א איינפאכער וואזע אויפ'ן נאכט-טיש, האבען אנגעפילט דעם צימער מיט א שמע-קעדיגען ריח. פון גאס האט זיך געטראגען א שטילעס גערויש. זיי זענען צוגעגאנגען צום פענסטער. אינ'ם הויז געגענאיבער איז געווען שטיל און פינסטער. דערנאך האט ער זיך געזעצט אויפ'ן דיוואן, און זי האט פערמאכט די לאדענס און אראבגעלאזען די פארהאנגען. זי האט אנגעצונדען א ליכט און זי אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש. ער איז געזעסען אונבעוועגליך, פערזונקען אין זיינע געדאנקען, און האט דאס אליץ נישט געזעהן. זי איז צוגעגאנגען צו איהם.

—פעליקס! — האט זי איהם גערופען.

ער האט א קוק געטאן אויף איהר און געשמייכעלט.

— וואס, קינד? — האט ער געפרעגט.

אין ווי נאר ער האט ארויסגערעדט די ווערטער מיט א ווייכער, שטילער שטימע, האט איהר ווידער ארומגענומען א געפיהל פון אונענדליכער אנגסט. ניין, זי האט איהם נישט געוואלט פער-ליערען. ניין! ניין, ניין! ס'איז גארנישט אמת! ס'קען גארנישט מעגליך זיין. זי האט פראבירט רעדען, האט געוואלט דאס אליץ איהם יאגען, און האט זיך געווארפען פאר איהם אויף די קניע, זי האט אבער די קראפט נישט געפונען צום רעדען. זי האט אוועקגעלעגט

איהר קאָפּ בײַ איהם אויפ'ן שויס און געוויינט. זײַנע הענד זענען אונבעהאָלפען געלעגען אויף איהרע האָר.

— מ'דאַרף נישט וויינען, — האָט ער צערטליך געפּליס־טערט, — הער אויף, טײַערע.

זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, ווי אַ פּלוצלונגע האָפנונג וואָלט איהר אַרומגענומען.

— דאָס איז דאָך נישט אמת, נײַן? נישט אמת?

ער האָט אָבגעפּרעסט אַ לאַנגען, הייסען קוש בײַ איהר אויף די ליפּען. דערנאָך האָט ער כמעט האַרט אַרויסגערעדט:

— יאָ, דאָס איז אמת!

און איז אויפגעשטאַנען.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט זיך דאָרט אַוועק־געשטעלט. זײַן גאַנצע פיגור איז געווען איינגעהילט אין שאָטען, נאָר בײַ זײַנע פיס האָט זיך געוויעגט דאָס פינקלענדע פײַער פון דער ליכט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָנגעהויבען רעדען.

— דו מוזט דיך צוגעוואָהנען צו דעם געדאַנק. לאָז זיך דיר דאַכטען, אַז מיר זענען זיך אַזוי פונאַנדערגעגאַנגען. דו דאַרפסט גאָרנישט וויסען, אַז איך בין שוין מעהר אויף דער וועלט נישטאָ.

זי האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי זי וואָלט איהם גאָרנישט הערען. איהר געזיכט האָט זי בעהאַלטען אין קישען פון דיוואַן.

ער האָט ווײַטער גערעדט:

— ווען מ'בעטראַכט די זאַך פילאָזאָפיש, איז עס גאָרנישט אַזוי שרעקליך. מיר האָבען דאָך נאָך אַזוי פיעל צײַט גליקליך צו זײַן; נײַן, טײַערע?

זי האָט פּלוצלינג אַ קוק געטהון אויף איהם מיט גרויסע, טרערענלאָזע אויגען. דערנאָך איז זי צוגעלאָפען צו איהם, האָט איהם איינגעשלאָסען אין איהרע אָרעמס און שטאַרק צוגע־דריקט צו איהר ברוסט.

— איך וויל מיט דיר צוזאַמען שטאַרבען, — האָט זי געפּליס־טערט.

— דאָס איז קינדערײַ, — האָט ער געשמייכעלט, — איך בין נישט אַזוי קליינליך, ווי דו מיינסט. איך האָב גאָרנישט דאָס רעכט, דיך מיטצונעהמען מיט זיך.

— איך קאָן אָהן דיך נישט זײַן.

— ווי לאַנג האָסטו געלעבט אָהן מיך? איך בין שוין אַ פערלוירענער געווען מיט אַ יאָהר צוריק, ווען איך האָב זיך בעקאַנט מיט דיר. אמת, איך האָב דאָס נישט געוואוסט, אַ אַהנונג דערפון אָבער האָב איך שוין געהאַט.

— דו ווייסט עס נאָך איצט אויך נישט.

— ניין, איך ווייס עס, און דעריבער גיעב איך דיר שוין צוריק דיין פרייהייט.

זי האָט איהם פעסטער איינגעקלאַמערט אין איהרע אָרעמס.

— נעהם אָן די פרייהייט, נעהם זי, — האָט ער געזאָגט.

זי האָט איהם נישט געענטפערט, און נאָך אַלץ אָנגעקוקט איהם, אַזוי ווי זי וואָלט גאָרנישט פערשטעהן, וואָס ער רעדט צו איהר.

— דו ביזט אַזוי שען, אָה, און אַזוי געזונד! וואָס'רע שענעס, וואָס'רע הייליגעס רעכט האָסטו נאָך אויפ'ן לעבען! לאָז מיך אַליין.

זי האָט אויסגעשריען:

— איך האָב געלעבט מיט דיר, און וועל שטאַרבען מיט דיר.

ער האָט איהר געקושט אין קאָפּ.

— דו וועסט עס נישט טהון; איך פערבאָט עס דיר. דו מוזט זיך אַרויסשלאָגען פונ'ם קאָפּ דעם געדאַנק.

— איך שווער דיר...

— שווער נישט; דו וועסט דיך בעטען אַמאָל, איך זאָל דיר דיין שבועה מוחל זיין.

— אַזוי גלויבסטו עס אין מיר!

— אָ, דו ליעבסט מיך, איך ווייס עס. דו וועסט מיך נישט פערלאָזען אַזוי לאַנג ווי —

— קיינמאָל, קיינמאָל, וועל איך דיך נישט פערלאָזען!

ער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

זי האָט זיך פעסט צוגעטוליעט צו איהם, האָט גענומען זיינע הענד און זיי געקושט.

— דו ביזט אַזוי גוט, — האָט ער געזאָגט, — דאָס מאַכט מיך זעהר טרויעריג.

— זיי נישט טרויעריג. וואָס עס זאָל נישט זיין — מיר בײדע האָבען דעם זעלביגען שיקזאַל.

— ניין, — האָט ער ערנסט און בעשטימט געזאָגט. — לאָז אָב. איך בין נישט גלייך צו אַנדערע. איך וויל נישט זיין אַזוי. איך פערשטעה אַלץ: עס וואָלט זיין אַ פערברעך פון מיר, ווען איך וואָלט ווייטער הערען דיינע ווערטער, און פערשבור'ט הערען דערמיט, וואָס עס רייסט זיך אַרויס פון דיין מויל אין דעם ערשטען אויסברוך פון שמערץ. איך מוז געהן, און דו מוזט בלייבען.

זי האָט ווידער אָנגעהויבען צו וויינען. ער האָט זי געגלעט און געקושט, אום איהר צו בערוהיגען, און זיי זענען געבליבען שטעהן ביי'ם פענסטער, גאָרנישט רעדענדיג.

ס'איז פערביי איין מינוט נאָך דער אַנדערער; די ליכט איז געוואָרען קלענער.

אין אַ ווייַלע אַרום איז פעליקס אָבגעגאַנגען פון איהר און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן דיוואַן. אַ שווערע מידקייט האָט איהם בעהערשט. מאַריע איז צוגעגאַנגען און האָט זיך געזעצט נעבען איהם. זי האָט פאָרזיכטיג גענומען זיין קאָפּ און איהם אַוועקגעלעגט ביי איהר אויפ'ן אַקסעל. ער האָט זי צערטליך אָנגעקוקט, און פערמאַכענדיג די אויגען, איז ער אַזוי איינגעשלאָפען.

ס'האָט אַריינגעשטראַהלט אַ בלאַסער, קיהלער פריהמאָרגען. פעליקס האָט זיך אויפגעהאַפּט. זיין קאָפּ איז נאָך אַלץ געלעגען אָנגעשפאַרט אָן איהר ברוסט. זי אָבער איז טיעף און פעסט געשלאָפען. ער איז פאַמעליך אָבגעגאַנגען פון איהר, איז צוגעגאַנגען צו'ם פענסטער און אַרויסגעקוקט אין גאַס, וועלכע האָט אין דעם גרויען פריהמאָרגען אויסגעזעהן איינגאַנצען פוסט. איהם איז קאַלט געווען. אין עטליכע מינוטען אַרום האָט ער זיך אַ אָנגעטהונענער געלעגט אויפ'ן בעט און אַריבערגעצויגען די דעקע איבער'ן קאָפּ.

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג אין דרויסען, ווען ער האָט זיך אויפגעהאַפּט. מאַריע איז געזעסען אויפ'ן ראַנד פון בעט און האָט איהם אויפגעוועקט מיט קושען. זיי האָבען ביידע געשמייכעלט. איז נישט אַמאָל דאָס אַלץ נאָר אַ בייזער חלום געווען? ער אַליין האָט זיך איצט געשפירט אַזוי מונטער, אַזוי געזונד. און אין דרויסען האָט געלאַכט די זון. פון גאַס האָט זיך געהערט אַ גערויש און אַלץ איז געווען אַזוי לעבעדיג. אינ'ם הויז געגענאיבער זענען אַ סך פענסטער געשטאַנען אָפען. און אויפ'ן טיש, ווי יעדען פריהמאָרגען, איז געווען געגרייט דאָס פריהשטיק. אין צימער איז אַזוי

ליכטיג געווען: אין אלע ווינקעלעך האט זיך דער טאג אריינגעריסען. זיילען פון זונען-שטויב האבען געשימערירט און אומעטום, אומעטום האט זיך געפיהלט האפנונג, האפנונג, האפנונג!

---

דער דאקטאר האט נאך גערויכערט זיין נאכמיטאגס-ציגאר, ווען א דאמע האט זיך צו איהם געמעלדעט. ס'איז נאך געווען פאר דער אויפנאהמס-שעה, און אלפרעד איז, פערשטעהט זיך, געווען נישט זעהר צופריעדען.

— מאריא! — האט ער ערשטוינט אויסגעשריען, ווען זי איז אריינגעקומען.

— זייט נישט בעז, וואס איך שטער אייך אזוי פריה. אה, ענדיגט רויכערן.

— אויב איהר ערלויבט. — אבער וואס איז פארגעקומען? וואס איז מיט אייך?

זי איז געשטאנען פאר איהם, אנגעשפארט מיט איין האנד אן שרייבטיש און אין דער אנדערער האלטענדיג דעם שירם.

— איז עס ריכטיג, — האט זי שנעל ארויסגערעדט. — אז פעליקס איז אזוי קראנק? אה, איהר זייט בלאס געווארען... פארוואס האט איהר עס מיר נישט געזאגט? פארוואס?

— וואס איז אייך עפעס איינגעפאלען? — ער איז זיך דורכגעגאנגען איבער'ן צימער אהין און צוריק. — דאס איז נארעש. ביטע, זעצט זיך.

— ענטפערט מיר.

— געוויס איז ער קראנק. דאס איז דאך אבער פאר אייך קיין נייעס נישט.

— ער איז פערלירען, — האט זי אויסגעשריען.

— אבער... וואס...

— איך וויים עס; ער — אויך. נעכטען איז ער געווען ביי פראפעסאר בערנארד — ער האט עס איהם געזאגט.

— א סך פראפעסארען האבען שוין פראבירט א טעות האבען.

— איהר האט דאך איהם אזוי אפט אונטערזוכט; זאגט מיר דעם אמת.

— אין די זאכען איז נישטא קיין אבסאלוטער אמת.

— יא, ווייל ער איז אייער פריינד. איהר ווילט נישט זאגען

דעם אמת, אה נײַן? איך זעה דאך עס אבער אן אײַך! דאס איז אַלזאָ אמת! אמת! אָ גאָט! גאָט מײַנער!

— בערוהיגט זיך, ליעבע —

זי האט שנעל אַקוק געטהון אויף איהם.

— דאס איז אמת?

— יאָ, ער איז קראַנק. איהר ווייסט עס דאך.

— אַה...

— צו וואס אבער האט מען איהם דאס געזאָגט? און אויסער דעם...

— נו, נו? נאר, איך בעט אײַך, וועקט נישט אויף אין מיר קיין האפנונג, אויב זי איז נישט פערהאַן.

— מ׳קאן עס קיינמאל נישט בעשטימט פאראויסזאגען. דאס קאן זיך פערציהען ווי לאַנג.

— איך ווייס דאך: אַ יאָהר.

אַלפרעד האט זיך געביסען די ליפען.

— יאָ, זאָגט מיר, צו וואס איז ער אייגענטליך געגאַנגען צו אַנ׳אַנדער דאָקטאָר?

— נו, ווײַל ער האט געוואוסט, אַז איהר וועט איהם קיינמאל דעם אמת נישט זאָגען — גאַנץ איינפאַך.

— ס׳איז צו-נאַרעש — האט זיך דער דאָקטאָר געקאָכט, — ס׳איז צו נאַרעש. איך פערשטעה דאס נישט! עפּעס ריכטיג, ווי דאס וואלט זיין אַזוי אונבעדינגט נויטווענדיג, אום אַ מענשען...

אין דער מינוט האט זיך געעפענט די טהיר און פעליקס איז אַרײַנגעקומען.

— איך האב עס פאראויסגעזעהן, — האט ער געזאָגט, דער-זעהענדיג מאַריאַ׳ן.

— דו טהוסט מיר אב שענע נאַרעשקייטען, — האט דער דאָקטאָר אויסגערופען. — שענע נאַרעשקייטען, כ׳לעבען.

— הער אויף מיט דיינע פראַזען, מיין ליעבער אַלפרעד, — האט פעליקס געענטפערט. — איך דאנק דיר הערצליך פאר דיין גוטען ווילען, דו האסט געהאַנדעלט ווי אַ פרײַנד, דו האסט דיך גלענצענד געהאַלטען...

מאַריאַ איז איהם אַרײַנגעפאַלען אין די רייד:

— ער זאָגט, אַז דער פראָפעסאָר האט געווים...

— לאָז אָב, — האָט איהר פעליקס איבערגעשלאָגען, — אַזוי לאַנג, ווי עס איז אַלץ געגאַנגען גלאַט, האָט איהר מיך געקאָנט פערפיהרען. איצט אָבער וואָלט עס שוין זיין נישט מעהר, ווי אַ נאַרעשע קאָמעדיע.

— דו ביזט אַ קינד, — האָט זיך אַלפרעד אָבגערופען. — אין ווין וועסטו געפינען טויזענדער מענשען, וועלכע מ'האָט שוין מיט צוואַנציג יאָהר צוריק דאָס לעבען אָבגעזאָגט.

— די מעהרסטע פון זיי זענען דאָך אָבער שוין בעגראָבען.

אַלפרעד איז אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער אַהין און צוריק.

— יעדענפאַלס, האָט זיך פון נעכטען ביז היינט קיין זאַך נישט געענדערט. דו וועסט דיך היטען — דאָס איז אינגאַנצען. דו וועסט פינקטליכער, ווי ביז אַהער, ערפילען מיינע פעראָרדנונגען — דאָס וועט גאָר גוט זיין. ערשט מיט אַכטאָג צוריק איז געוועזען ביי מיר אַ פופציגיעהריגער העהר...

— איך ווייס שוין, — האָט איהם פעליקס איבערגעשלאָגען, — דער געוויסער פופציגיעריגער העהר, וועלכען מ'האָט צו צוואַנציג יאָהר אָבגעזאָגט דאָס לעבען און איצט זעהט ער אויס בליהענדשען און האָט אַכט געזונדטע קינדער.

— אַזעלכע זאַכען קומען פאָר, און דעם איז גאָרנישט צו צווייפלען, — האָט אַלפרעד בעמערקט.

— דו ווייסט, — האָט אויף דעם פעליקס געזאָגט, — איך געהער נישט צו דעם סאָרט מענשען, מיט וועלכע עס געשעהען כסדר נסים.

— נסים? — האָט אַלפרעד אויסגערופען, — דאָס זענען נאַטירליכע זאַכען.

— אָבער קוקט איהם נאָר אָן; — האָט מאַריע געזאָגט — איך געפין, אַז ער זעהט איצט בעסער אויס, ווי ווינטער.

— ער מוז זיך זעהר היטען — האָט אַלפרעד געזאָגט און אָבגעשטעלט זיך פאַר זיין פריינד, — איהר וועט איצט אין די בערג פאָהרען, און דאָרטען זיך אויסרוהען, אָבער אַזוי, פערשטעהט איהר מיך — אָרענטליך.

— ווען זאָלען מיר אָבפאָהרען? — האָט מאַריע געפרעגט פעראינטערעסירט.

— ס'איז דאָך אַלץ נאַרעש, — האָט פעליקס זיך אָבגערופען.

— און אים הערבסט וועט איהר זיך אַוועקלאָזען ערגעץ וואו אין דרום.

— און דעם קומענדיגען פריהלינג? — האָט פעליקס אַ פרעג געטהון איראָניש.

— וועסט, בעשטימט, געזונד זיין, — האָט אויסגעשריען מאַריע.

— יאָ, געזונד, — האָט פעליקס געלאַכט, — געזונד! — יעדענפאַלס וועל איך שוין דאַן נישט ליידען מעהר.

— איז זאָג דאָך עס שטענדיג, — האָט אויסגעשריען דער דאָקטאָר — אַז אַט די אַלע בערימטע קליניקער האָבען נישט אין זיך קיין האָר פּסיכאָלאָגיע.

— ווייל זיי זעגען גלייכגילטיג דערצו, וואָס מיר קאָנען דעם אמת נישט פערטראָגען, — האָט פעליקס אַ זאָג געטהון.

— איך זאָג, אַז דאָ איז גאָר קיין אמת נישטאָ. דער מענש האָט זיך געטראַכט, אַז ער מוז דיר דעם גיהנם הייסער מאַכען, אום דו זאָלסט דיך מעהר היטען. זיין געדאַנקענגאַנג איז געווען אונגעפעהר אַזוינער: אויב דו וועסט נישט קוקען אויף זיין נביאות, און געזונד ווערען, וועט דאָך עס יעדענפאַלס נישט זיין פאַר איהם קיין בעליידיגונג; ער האָט דאָך דיך נאָר געוואָרנט.

— לאָז שוין אָב מיט די קינדערשע פּלוידערייען, — האָט זיך אָבגערופען פעליקס — איך האָב זעהר ערנסט גערעדט מיט דעם מענשען, און האָב איהם געגעבען צו פערשטעהן, אַז איך מוז וויסען דעם גאַנצען אמת. פאַמיליענפערהעלטניסע! דערמיט קאָן מען די חברה שטענדיג נעהמען. און איך מוז דיר אויפריכטיג מודה זיין, אַז דאָס נישט וויסען איז שוין געווען צו-שרעקליך.

— אַזוי ווי איצט וואָלסטו שוין כלומר׳שט יאָ וויסען, — האָט אַלפרעד בעמערקט.

— יאָ, איצט ווייס איך. ס׳איז אַ אומזיסטע אַרבייט, מיך איצט צו פעררעדען. עס האַנדעלט זיך איצט נאָר וועגען דעם, דאָס לעצטע יאָהר אָבצולעבען ווי וויים נאָר מעגליך — קלוגער. דו וועסט זעהן, מיין ליעבער אַלפרעד, איך בין דער מענש, וועלכער קאָן אַוועקגעהן פון דער וועלט מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען. נו, ווייז נישט, מערי; דו האָסט גאָר קיין אַהנונג נישט דערפון, ווי שען די וועלט וועט דיר נאָך אויסזעהן אָהן מיך. וואָס, אַלפרעד, ניין?

— גײה! דו פֿײַניגסט דאָך דײַן מײדעל גאַנץ אומזיסט.

— דאָס איז אמת, ס'וואָלט זײַן קליגער פֿאַר אײן מאָל אַ ענדע צו מאַכן. פֿערלאָז מיך, מערי, גײה, לאָז מיך אַלײן שטאַרבען!

— גיט מיר גיפֿט — האָט מאַריע פּלוצלונג אויסגעשריען.

— איהר ווענט דאָך בײדע משוגע, — האָט אויסגערופֿען דער דאָקטאָר.

— גיפֿט! איך וויל נישט לעבען אײן סעקונדע לענגער פֿון איהם, און ער דאַרף עס מיר גלויבען; ער וויל דאָך עס מיר נישט גלויבען. פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס?

— הער, מערי, איצט וועל איך דיר עפּעס זאָגען. קוים ווײסטו נאָך אײן מאָל דערמאָהנען די דאָזיגע נאַרעשקײַט, נאָך אײן מאָל נאָר, וועל איך אינגאַנצען פֿערשווינדען הערען פֿון דײַנע אויגען, און דו ווערסט מיך אינגאַנצען נישט אָנזעהען מעהר. איך האָב קײן רעכט נישט צוזאַמענצובינדען דײַן שיקזאַל מיט מײַנעם; איך וויל אַזאַ פֿעראַנטוואָרטליכקײַט אויף זיך נישט טראָגען.

— ווײסטו וואָס, ליעבער פֿעליקס, — האָט אָנגעהויבען דער דאָקטאָר — פֿאַר דיר וואָלט גאָרנישט שלעכט זײַן אַוועקצופֿאָהרען הײַנט נאָך. אַזוי ווײַטער געהן טאָר דאָס נישט. הײַנט אין אָבענד וועל איך אײַך בײדע צו די באַהן צופֿיהרען: די קרעפֿטיגע לופֿט און די רוהיגקײַט וועלען אײַך, האָף איך, בײדען קליגער מאַכען.

— איך בין פֿאָלקאָם אײַנשטימיג, — האָט פֿעליקס געזאָגט. — מיר איז דאָס אין גאַנצען אַלײן אײנס, וואו...

— נו, זעהר גוט — האָט איהם דער דאָקטאָר איבערגעשלאָגען, — דערווײַל איז קײן גרונד נישטאָ אויף צו קומען אין פֿערצווײפֿלונג, און דײַנע טרויעריגע נעבענבעמערקונגען קאָנסטו אײגענטליך אינגאַנצען לאָזען אָן אַ זײַט.

מאַריאַ האָט זיך אָבגעווישט די טרערען און מיט דאַנקבאַרקײַט געקוקט אויפֿ'ן דאָקטאָר.

— גרויסער פּסיכאָלאָג, — האָט פֿעליקס געשמײכעלט — ווען אַ דאָקטאָר בעהאַנדעלט אײנעם אָהן צערעמאָניעס, דאַכט זיך איהם גאָר, אַז ער איז געזונד.

— פֿאַר אַלעמען בין איך דײַן פֿרײַנד. דו ווײסט אַלזאָ, אַז...

— אַלזאָ, פֿאָהרען... מאָרגען... אין די בערג!

— יאָ, דערבײַ בלײַבט עס.

— נו, איך דאַנק דיר יעדענפאַלס זעהר, — האָט פעליקס געזאָגט, דערלאַנגענדיג זיין פריינד די האַנד — און איצט וועלען מיר געהן. דאָרט, אין וואַרטע־זאַל, הוסט שוין איםיצער אונטער. קום, מערי!

— איך דאַנק אייך העדר דאָקטאָר — האָט מאַריע געזאָגט, זיך פעראָבשיידענדיג.

— דאָ איז נישטאָ פאַרוואָס צו דאַנקען. זייט נאָר אַ מענש און גיט אויף איהם אַכטונג. אַלזאָ, אויפ'ס ווידערזעהן.

אויף די טרעפ האָט פעליקס פלוצלונג געזאָגט:

— דער דאָקטאָר איז אַ ליעבער מענש, ניין?

— אָ יאָ.

— און יונג און געזונד און האָט אפשר נאָך פיערציג יאָהר פאַר זיך — אָדער הונדערט.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן גאַס און פערזונקען געוואָרען אין דער מענשען־מאַסע, וועלכע איז געגאַנגען און האָט גערעדט, געלאַכט, געלעבט און גאָרנישט געטראַכט וועגען טוידט.

---

זיי האָבען זיך איבערגעצויגען אין אַ קליין הייזיל האַרט ביים טייך. עס איז געשטאַנען אָן אַ זייט פון דאָרף, אינ'ם סאַמע עק פון דער רייהע הייזער, וואָס האָט זיך געצויגען גלייך מיט'ן וואַסער. הינטערן הויז, אויף אַ באַרג, האָבען זיך אויפגעהויבען לאָנקעס, און ווייטער אויפ'ן סאַמע שפיץ, האָבען זיך געצויגען פעלדער, בעדעקטע מיט זומערבלימען. ווייט אַרונטער, קוים מיט'ן אויג צו האַפען, האָט זיך געזעהן די פערווישטע רייהע פון ליעגענדע בערג. און ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון זייער וואוינונג אויף דער טעראַסע, וועלכע איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט אויף פיער ברוינע, פייכטע זיילען און איז ריכטיג ווי אַרויסגעשטיגען פון דעם קלאָרען וואַסער־גרונד, איז זיי געגענאיבער, ביי דעם אַנדערען ברעג, געלעגען די לאַנגע קייט שטאַרע פעלזען, איבער וועלכע ס'האָט גערוהט דער קאַלטער גלאַנץ פונ'ם שווייגענדיגען הימעל.

אין די ערשטע טעג פון זייער וואוינען דאָ האָט זיי אַרומגענומען אַ געפיהל פון וואונדערבאַרער רוהיגקייט, וועלכען זיי האָבען אַליין נישט געקאָנט בעגרייפען. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס אַלגעמיינע מעכטיגע שיקזאַל האָט געקאָנט האָבען אַ שליטה איבער זיי נאָר

דאָרט, אין זייער געוועהנליכען שטאָדטישען לעבען; דאָ, בײַ זייערע נײַע לעבענס־בעדינגונגען, האָט דאָס אַלײן, וואָס ס'איז געהאַנגען איבער זייערע קעפּ אין דער פריהערדיגער וועלט, קיין שום ווערט נישט געהאַט. פון דער צײַט אָן, וואָס זיי האָבען זיך געקענט, האָבען זיי נאָך אַזאַ ערקוויקענדע אײנזאַמקײַט נישט איבערגעלעבט. ס'איז פאָרגעקומען, אַז זיי האָבען זיך אָפּט־מאָל אָנגעקוקט אײנער דעם אַנדערען אַזוי, ווי ווען עס וואָלט ווען ס'איז האָבען פאָרגעקומען צווישען זיי עפּעס אַ קלײנע געשיכטע, אַ צאַנקערײַ אָדער אַ מיספער־שטענדניש, וועגען וועלכער עס לוינט שוין נישט צו רעדען מעהר. אין די שענע זומער־טעג האָט זיך פעליקס געשפירט אַזוי גוט, אַז ער האָט זיך גלײַך נאָך זײַן קומען צופאָהרען געוואָלט נעהמען אַרבייטען. מאַריע אָבער האָט עס נישט דערלאָזען.

— דו ביזט נאָך נישט אינגאַנצען געזונד, — האָט זי שמייכלענ־דיג געזאָגט.

און אויף דעם קלײנעם טישעל, וואו פעליקס האָט פונאַנדער־געלעגט זײַנע ביכער און פּאַפּירען, האָבען אַרומגעטאַנצט די זונענשטראַהלען, און דורכ'ן פענסטער האָט זיך אַרײַנגעריסען פון וואַסער אַהער אַ ווייכע, שמייכלענדע לופט, וואָס האָט פון אַלע אומגליקען פון דער וועלט נישט אָנגעהויבען וויסען.

---

אײנמאָל פאַרנאַכט האָבען זיי, ווי אַלע מאָל, געדונגען אַ אַלטען פויער און זיך געלאָזען דורכשיפען אויפ'ן טײַך. דאָס איז געווען אַ גוטע, ברייטע לאָדקע, מיט אַ אויסגעבעטען געזעס, אויף וועלכען ס'איז געוועהנליך געזעסען מאַריע, און פעליקס איז געלעגען איהר צו־פוסענס, אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אָן איהרע קניע, און אײַנגעהילט אין אַ וואַרעמען, גרויען פלעד, וועלכער האָט איהם געדיענט אי פאַר אַ אונטערלאַגע, אי פאַר אַ דעקע. אויף דעם ברײטען, רוהיגען וואַסער־שטח איז געלעגען אַ לײַכטער נעבעל, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די דונקעלהײַט שווימט אַרויס פּאַמעליך פונ'ם טײַך, און הילט אײַן ביסלעכווייז די ברעגען. פעליקס האָט זיך הײַנט ער־לויבט פערדויכערען אַ ציגאַר, און האָט געקוקט פאַר זיך אויף די וועללען און פעלזען־שטיינער, וועלכע זענען געווען פערגאָסען מיט אַ מאַטער זונען־געלקײַט.

— הער, מערי, — האָט ער אָנגעהויבען רעדען — דו האָסט

ניט קיין מורא אַרויסציקוקען אין דער הויך?

— וואָס?

ער האָט אָנגעוויזען מיט די פינגער אויפ'ן הימעל.

— אָט גלייך אַרויף, אין דער הונקעלער בלויקייט. איך קאָן עס נישט. מיר ווערט עפּעס שרעקליך.

זי האָט אויפגעהויבען איהר בליק צום הימעל און איהם אַזוי געהאַלטען עטליכע סעקונדען.

— מיר געפעלט עס זעהר — האָט זי געזאָגט.

— אַזוי? ווען דער הימעל איז אַזוי קלאָר, אָט אַזוי ווי היינט, קאָן איך עס גאָרנישט פערטראָגען. אָט די ווייטקייט, אָט די שרעקליכע ווייטקייט! ווען דער הימעל איז פערדעקט מיט וואָלקענס, איז עס מיר נישט אַזוי אונאַנגענעהם: די וואָלקען געהערען דאָך נאָך צו אונז. — און ווי זעה איך עפּעס נאָהנטעס.

— מאָרגען וועט רעגנען, — האָט זיך אַריינגעמישט דער שיפער, — די בערג זענען היינט צו נאָהנט!

ער האָט אַוועקגעלעגט די רודער־שטאַנגען, און די לאָדקע האָט זיך שטיל און אַליין לאַנגזאַמער געגליטשט איבער'ן וואַסער.

פעליקס האָט אָנגעהויבען הוסטען.

— אַ מאָדנע זאַך: די ציגאַרען קאָן איך נאָך אַליין נישט פערטראָגען.

— טאָ וואַרף איהם שוין אַוועק.

פעליקס האָט עטליכע מאָל איבערגעדרעהט צווישען די פינגער דעם גליהענדען ציגאַר, דערנאָך האָט ער איהם אַריינגעוואָרפען אין וואַסער, און נישט אומוועגענדיג זיך צו מאַריען'ן האָט ער געזאָגט:

— ווי, אינגאַנצען געזונד בין איך נאָך נישט?

— לאָז־אָב, — האָט זי איהם איבערגעריסען, איבערפיהרענדיג פאַמעליך איהר האַנד איבער זיינע האָר.

— וואָס וועלען מיר עס טהון, ווען עס וועלען זיך אָנהויבען די נאַסע וועטערען? — האָט פעליקס געפרעגט — דאַמאָלס וועסט מיך מוזען לאָזען אַרביימען.

— ניין, מ'דאַרף נישט.

זי האָט זיך אַראָבגעבויגען צו איהם און געקוקט איהם אין די אויגען. איהר איז פּלוצלונג איינגעפאַלען, אַז זיינע באַקען זענען הויטער געוואָרען.

— דײַנע בײזע געדאַנקען װעל איך באַלד פֿערטרײַבען פֿון דיר! אָבער הער — אפשר זאָלען מיר שױן פֿאָהרען אַהײם? ס'װערט קיהל.

— קיהל? מיר איז נישט קיהל.

— נו יאָ, דיר אין דײַן װאַרעמען פּלעד.

— אָה, — האָט ער אױסגערופֿען — איך, עגאָאיסט, האָב גאָר פֿערגעסען אָן דײַן זומערדיגען קלײד.

— אַהײם. — האָט ער זיך געװענדעט צום רודערער.

נאָך אַ פּאָר הונדערט רודער־שלעג זענען זײ צוגעשװאומען נאָהנט צו זײער װאָהנונג. דאָ האָט מאַריע בעמערקט, אַז פֿעליקס געהמט אַרום מיט דער רעכטער האַנד זײַן לינקע פּלײצע.

— װאָס איז דיר?

— מערי, איך בין װירקליך נאָך נישט אינגאַנצען געזונד.

— אָבער...

— מיך פֿיעבערט. המ... זעהר נאַרעש!

— דו האָסט בעשטימט אַ טעות. — האָט מאַריע מיט אַנגסט געזאָגט. — איך װעל גלײַך רופֿען דעם דאָקטאָר.

— יאָ, פֿערשטעהט זיך, איהם קען איך נאָך דאַרפֿען.

זײ זענען צוגעשװאומען צום ברעג און אַרױס אױפֿ'ן לאַנד. אין די צימערן איז געװען כמעט דונקעל, ס'האָט זיך נאָך אָבער געפֿיהלט אין זײ די װאַרעמקײַט פֿון טאָג. אין דער צײַט, װען מאַריע האָט געגרײט צום טיש, איז פֿעליקס געזעסען אין לעהנשטוהל.

— הער — האָט ער זיך פּלוצלונג אָבגערופֿען — די ערשטע אַכט טאָג זענען שױן אַריבער.

זי איז אָבגעגאַנגען פֿון טיש, אױף װעלכען זי האָט אַװעק־געשטעלט די כלים, איז שנעל צוגעלאָפֿען צו איהם און אַרומגע־נומען איהם מיט בײדע אָרעמס.

— װאָס איז שױן װידער מיט דיר?

ער האָט זיך בעפֿרײַט פֿון איהר אומאַרמונג.

— לאָז אָב.

ער איז אױפֿגעשטאַנען און האָט זיך געזעצט בײם טיש. זי האָט זיך אױך געזעצט. ער האָט אָנגעהױבען פּױקען מיט די פֿינגער איבערן טיש.

— איך קום מיר פֿאָר עפּעס אַזױ שװאַך. פּלוצלונג פֿאַלט עס אָן אױף אַ...

— פעליקס, פעליקס, וואס טוט זיך מיט דיר?

זי האט צוגערוקט איהר שטוהל נעהנטער צו זיינעם.

ער האט מיט אפענע אויגען געקוקט אין צימער אהין און אהער. דערנאך האט ער נערוועז געשאקעלט מיט'ן קאפ, אזוי, ווי ער וואלט עפעס נישט קענען בעגרייפען, און ווידער געזיגען צווישען די צייהן:

— שוצלאז! שוצלאז! קיין מענש קען מיך נישט העלפען. די זאך אן און פאר זיך איז גארנישט אזוי שרעקליך, — נאר דאס, וואס מ'איז אזוי שוצלאז!...

— פעליקס, איך בעט דיך, דו רעגסט זיך אויף. ס'איז בעשטימט גארנישט. אויב דו ווילסט, — נאר אום דיך צו בערוהיגען — וועל איך אראבגעהן נאכ'ן דאקטאר.

— לאז מיך אב, זעה! ענטשולדיג, וואס איך האב דיך שוין ווידער אנגעהויבען אונטערהאלטען מיט מיין קרענק.

— אבער...

— דאס וועט שוין מעהר נישט פארקומען. געה, גיעב מיר עפעס צום עסען. יא, יא, לעג ארויף עפעס!... דאנקע!... נו, רעד־זשע עפעס.

— וואס זאל איך רעדען?

— דאס, וואס שטענדיג. לעז מיר עפעס פאר, אויב דו געפינסט נישט וועגען וואס צו רעדען. אח, ענטשולדיג, נאכ'ן עסען נאטיר־ליך. עס הערוויל, איך וועל אויך עסען.

ער האט צוגערוקט צו זיך דאס עסען.

— איך האב איצט זאגאר אפעטיט צום עסען, עס שמעקט מיר גאנץ גוט.

און ביידע האבען געגעסען און געטרונקען.

---

די וויטערדיגע טעג האבען געבראכט א ווארעמען רעגען. דעם גאנצען טאג זענען זיי געזעסען אביסל אין צימער און אביסל אויפ'ן טערראסע, לייענענדיג אויפ'ן קול אדער קוקענדיג אין פענס־טער. אפט פלעגט זי זיצען און נעהען און ער פלעגט פון איהר די אויגען נישט אראבנעהמען; אמאל האבען זיי געשפיעלט אין קארטען, אדער ער האט איהר געלערנט שפיעלען אין שאח־מאט. אנאנדער'ס מאל ווידער האט ער זיך אוועקגעלעגט אויפ'ן דיוואן

זי איז געזעסן נעבן איהם און עפעס פארגעלייענט. דאס זענען געווען שטילע טעג און אָבענדען און פעליקס האָט זיך אייגענטליך געפיהלט גאַנץ גוט. ער איז צופריעדען געווען דערמיט, וואָס דאָס שלעכטע וועטער שאַדט איהם נישט, און דאָס פיעבער איז איהם אויך איבערגעגאַנגען.

איינמאָל נאָכמיטאָג, ווען דער הימעל האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אָנגעהויבען אויסלייטערן נאָך אַ סך רעגענדיגע טעג, זענען זיי ווידער געזעסן אויפ'ן באַלקאָן, און פלוצלונג, אָהן אַ שום צוזאַמענהאַנג מיט דעם פריהערדיגען שמועס, האָט זיך פעליקס אָבגערופען:

— עס געהען אייגענטליך אַרום אויף דר'ערד נאָר צום טוידט פערארורטיילטע.

מאַריאַ האָט אויפגעהויבען די אויגען פון איהר אַרבייט.

— נו יאָ, — האָט ער ווייטער גערעדט — שטעל דיר, צום ביישפיעל, פאָר, אַז אימיצער זאָגט דיר: האָכגעשעצטעס פרויליין, איהר וועט שטאַרבען דעם ערשטען מאַי אין יאָהר 1970. דו וועסט דאַמאָלס דיין גאַנצען קומענדיגען לעבען פערברענגען אין איין אַנגסט פאַר דעם ערשטען מאַי פון יאָהר 1970, האָטש איצט קען דיר גאָרנישט איינפאַלען צו גלויבען, אַז דו וועסט לעבען הונדערט יאָהר.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט.

ער האָט ווייטער גערעדט, קוקענדיג אויפ'ן טייך, אויף וועלכען עס האָבען זיך אָנגעהויבען אָבשלאָגען די דורכברעכענדע זונען־שטראַהלען.

— אַנדערע ווידער געהען היינט אַרום שטאָלץ און געזונד, און וועלכער ס'איז נאַרעשער צופאַל קען זיי אין עטליכע וואָכען אַוועקפיהרען ווער־ווייס וואוהין. זיי קלערען גאָרנישט וועגען שטאַרבען, נייןְ?

— יעה, — האָט מאַריע געזאָגט — וואַרף שוין אַוועק די דאָזיגע נאַרעשע געדאַנקען. דו דאַרפסט דאָך שוין איצט אַליין אויך זיכער זיין אין דעם, אַז דו וועסט צוריק געזונד.

ער האָט געשמייכעלט.

— נו יאָ, גראַדע דו געהערסט צו יענע, וועלכע ווערען געזונד.

ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט אויפ'ן קול.

— גוטעס קינד, דו מיינסט אין דער אמת'ן, אַז איך וועל בייקומען דעם שיקזאַל? דו מיינסט, אַז מיך פערבלענדעט אין דער אמת'ן אָט די כלומר'שטע פערבעסערונג, מיט וועלכער די נאַטור בעגליקט מיך איצט? נאָר צופעליג האָב איך זיך דערוואוסט, וואו עס האַלט מיט מיר, און דער געדאַנק וועגען דעם נאָהנטען טוידט מאַכט מיך, ווי אַנדערע גרויסע מענשען, פאַר אַ פילאָזאָף.

— אָבער הער שוין אויף אַמאָל!

— אָ־אָ־ה, מיין פרוילַיין, איך זאָל שטאַרבען און איהר זאָלט אפילו איין מאָל נישט איבערטראָגען די קליינע אונאַנגענעהמליכקייט פון הערען מיך רעדען וועגען דעם?

זי האָט אַוועקגעוואָרפען איהר אַרבייט און איז צוגעגאַנגען צו איהם.

— איך פיהל, — האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן פון עהרליכער איבערצייגונג — אַז דו וועסט בלייבען מיינער. דו קאָנסט דאָך אַליין גאָרנישט וויסען, אויף ווי וויַיט דו האָסט דיך ערהאַלט. דו דאַרפסט נאָר זעהן איצט נישט טראַכטען וועגען קיין זאַך, און דאַן איז יעדער בייזער שאָטען פערשוואונדען פון אונזער לעבען.

ער האָט זי לאַנג אָנגעקוקט.

— דו ביזט, ווי ס'ווייזט אויס, אַבסאָלוט נישט פעהיג דאָס צו פערשטעהן. מ'מוז עס דיר דייטליך ערקלערען. קוק נאָר אַהער. — ער האָט גענומען אין האַנד אַ צייטונג — וואָס שטעהט דאָ?

— דעם צוועלפטען יוני 1890.

— יאָ, פון 1890־טען יאָהר. און איצט שטעל דיר פאָר, אַז דאָ שטעהט אַ איינס אָנשטאָט דעם נול. דאַן איז שוין אַליץ פערביי. איצט פערשטעהסטו עס שוין?

זי האָט איהם אַרויסגענומען די צייטונג פון האַנד און מיט פערדרוס אַ וואָרף געטהון זי אָן דער ערד.

— די צייטונג איז דאָ גאָרנישט שולדיג, — האָט ער רוהיג געזאָגט.

אין פלוצלונג אויפהויבענדיג זיך האַסטיג פון אָרט און אַזוי ווי וועלענדיג די דאָזיגע אַלע געדאַנקען מיט אַ שנעלען ענטשלוס אַוועקטרייבען פון זיך, האָט ער אויסגערופען:

— זעה נאָר, ווי שען! ווי די זון ליעגט איבער'ן וואַסער...

און דאָרט... — ער האָט זיך איבערגעבויגען איבער דער זייטענוואַנט פון טעראַסע און געקוקט אין דער געגענאיבערדיגער זייט, וואו ס'איז געלעגען דאָס פלאַכע לאַנד — זעה, ווי די פעלדער בעוועגען זיך! מיר וואָלט זיך וועלען אביסעל דורכגעהן דאָרטען.

— וועט עס נישט זיין צו פייכט?

— קום, איך מוז אַרויסגעהן אויפ'ן פרייען פעלד.

זי האָט נישט געוואַגט זיך איהם ענטקעגענצושטעלען.

ביידע האָבען גענומען זייערע הוט, אַרויפגעוואָרפען די מאַנטלען אויף זיך און זיך געלאָזען געהן אין יענעם וועג, וועלכער פיהרט צו די וועלדער. דער הימעל האָט זיך כמעט אינגאַנצען אויסגעלייטערט. איבער דער ווייטער בערגער-קייט איז געווען פער־צויגען אַ פערשידענפאַרבירגער, ווייסער נעבעל. דאָס גרינס פון די לאָנקעס האָט זיך אַזוי ווי פערלאָרען אין דער גאָלדענער ווייסקייט, וועלכע האָט פערגאָסען דעם גאַנצען רוים.

זיי זענען באַלד אַרויפגעקומען אויף דעם שמאָלען וועגעל, אינמיטען, און זיי האָבען געמוזט געהן איינער הינטער'ן אַנדער'ן; וועהרענד די זאַנגען האָבען זיך געשאָקעלט אונטער דעם זוים פון זייערע מאַנטלען. אין אַ ווײַלע אַרום האָבען זיי זיך אָבגעקעהרט אָן אַ זייט, אין אַ נישט צוגעדיכטען וואַלד, אין וועלכען די וועגען זענען געווען ריין אָבגערוימט און נישט ווייט איינע פון דער אַנדערער זענען געשטאַנען בענק. דאָ זענען זיי געגאַנגען געאַרעמט.

— איז דען נישט וואונדערבאַר־שען דאָ?— האָט פעליקס אויסגעשריען. — און וואָס'רע שמעקעדיגע לופט!

— איך גלויב אָבער, אַז באַלד נאָכ'ן רעגען — האָט מאַריאַ אָנגעהויבען, נישט ענדיגענדיג די פראַזע.

ער האָט געמאַכט אַ אונגעדולדיגע בעוועגונג מיט'ן קאָפּ.

— לאָז שוין אָב, זעה. צו וואָס דאַרף מען עס? ס'איז נישט אַנגענעהם שטענדיג צו הערען די זעלביגע וואָרנונגען.

זיי זענען ווייטער געגאַנגען, און אין וואַלד איז געוואָרען אַלץ ליכטיגער און ליכטיגער. דורך די בלעטער פון די בוימער האָט זיך דורכגעלויכטען דער טייך, ביז וועלכען ס'איז שוין נישט געבליבען צוצוגעהן מעהר, ווי הונדערט טריט. אין וואַסער איז געזעהן אַריינגעשניטען אַ שמאָלער פאַס לאַנד, אויף וועלכען דער וואַלד האָט זיך געענדיגט מיט עטליכע שיטערע בוימלעך. דאָרט זענען גע־

שטאַנגען עטליכע הילצערנע בענק מיט טישלעך, און האַרט ביי׳ם ברעג האָט זיך געצויגען אַ הילצערנער צוים. ס׳האָט זיך אויפגעהויבען אַ לייכטער אָבענד-ווינד און געטריבען די וועללען צו׳ם ברעג; און אָט האָט דער ווינד אַ גלעט געטהון אויך די שיטערע בוימלעך, אַזוי אַז פון די פייכטע בלעטער האָט ווידער אָנגעהויבען צו קאַפּען. איבער׳ן וואַסער איז געווען אויסגעגאָסען דער מאַטער שיין פונ׳ם פערגעהענדען טאָג.

— איך האָב גאָר קיין אַהנונג נישט געהאַט דערפון, ווי שען דאָס אַלץ איז, — האָט פעליקס געזאָגט.

— יאָ, ס׳איז רייצענד-שען.

— דו פיהלסט עס נישט, — האָט פעליקס אויסגערופען — דו קאָנסט עס נישט פיהלען: דו דאַרפסט זיך דערמיט נישט געזעגנען.

ער איז פּאַמעליך אָבגעגאַנגען עטליכע טריט פאָראויס און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם שלאַנקען צוים, די שמאָלע שטענגלעך פון וועלכען עס זענען געווען אַריינגעזעצט אין וואַסער. ער האָט לאַנג געקוקט אויף דער שימערירענדער אויבערפלעכע פון וואַסער. דערנאָך האָט ער זיך אומגעווענדעט. מאַריע איז געשטאַנען הינטער איהם; איהר בליק איז געווען טרויעריג און זי האָט קוים איינגעהאַלטען די טרערען.

— דו זעהסט, — האָט פעליקס געזאָגט מיט אַ לאַכענדיגען טאָן, — דאָס אַלץ לאָז איך דיר איבער. יאָ, יאָ, וואָרום עס געהערט איצט מיר. דאָס איז דער גרויסער סוד פונ׳ם לעבענס-געפיהל, וועלכען איך בין ערשט דערגאַנגען; דאָס געוואַלטיגע געפיהל פון אונענדליכער עשירות. איך וואָלט געקאָנט טאָן אָט מיט די אַלע זאַכען, וואָס איך וויל. דעם גאַלען פעלז דאָ אויבען, וואָלט איך געקאָנט מיט בלומען בעפלאַנצען און די ווייסע וואָלקען וואָלט איך געקאָנט פון הימעל פערטרייבען. איך טהו עס נישט דערפאַר, וואָס דאָס אַלץ איז שען גראַדע אַזוי ווי עס איז. דו וועסט מיך, ליעב קינד מיינס, פערשטעהן ערשט דאַן, ווען דו וועסט בלייבען אַליין. יאָ, דו וועסט גאַנץ בעשטימט זיך פיהלען אַזוי, ווי ווען דאָס אַלץ וואָלט איבערגעגאַנגען צו דיר אין די הענד.

ער האָט זי אָנגענומען פאַר׳ן האַנד און צוגעצויגען צו זיך. דערנאָך האָט ער אויסגעשטרעקט זיין אַנדערען אָרעם, ווי ווען ער וואָלט איהר געוויזען די דאָזיגע אַלע שענקייטען.

— אט דאס אַלץ, דאס אַלץ — האט ער געפּליסטערט.

זי אָבער האט געשוויגען און האט נאך אַלץ געקוקט אויף איהם מיט אָפענע, טרוקענע אויגען; דאַן האט ער פּלוצלונג געביטען דעם טאָן און געזאָגט:

— נו, איצט — אַהיים!

די זון האט שוין געהאַלטען ביים אונטערגעהן, און זיי זענען געגאַנגען מיט׳ן ברעג, אום וואס גיכער אַהיים צו קומען.

— דאס איז געווען אַ שענער שפּאַציער, — האט פעליקס בעמערקט.

זי האט שטום געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— מיר וועלען שוין איצט אַלע מאָל מאַכען אזא שפּאַציער.

— יאָ, — האט זי געזאָגט.

— און — ער האט דאס צוגעגעבען מיט אַ טאָן פון פעראַכטענדער מיטלייד — קוועלען וועל איך דיך שוין אויך נישט מעהר.

---

אין איינעם פון די נעהנטסטע נאָכמיטאָגען האט ער בעשלאָסען, זיך ווידער צו נעהמען פאַר זיין אַרבייט. פּראָבירענדיג דאס ערשטע מאָל נאך אזא לאַנגער צייט פיהרען דעם בליישטיפט איבער׳ן פּאַפּיער, האט ער מיט אַ געווייסער גאַלגער נייגעריגקייט געקוקט אויף מאַריע׳ן און געוואַרט, זי זאָל איהם נעהמען אָבהאַלטען. זי האט אָבער גאָרנישט געזעהט. ער האט באַלד אַוועקגעוואָרפען דעם בליישטיפט מיט׳ן פּאַפּיער אָן אַ זייט און גענומען עפּעס אַ ביכעל אין האַנד צו׳ם לעזען. דאס וועט גיכער צושטרייען זיינע געדאַנקען; צו׳ם אַרבייטען איז ער נאך נישט פעהיג. ער מוז פריהער אינגאַנצען דורכגעדרונגען ווערען מיט אַ פאָלשטענדיגער פעראַכטונג צו׳ם לעבען, אום דערנאָך, רוהיג בעטראַכטענדיג דער שטומער איינזאַמקייט, גלייך מיט אַלע חכמים אויפצייכנען זיין לעצטען ווילען. דאס האט ער געוואָלט. און זיין לעצטער ווילען זאָל זיין נישט אזוי ווי דער פון געוועהנליכע מענשען, אין וועלכען ס׳פיהלט זיך שטענדיג די געהיימע אַנגסט פאַר׳ן טויט. ניין, אין זיין צוואה דאַרף זיך נישט רעדען וועגען אַזעלכע זאַכען, וועלכע מ׳קען אָנטאַפּען מיט׳ן האַנד און זעהן מיט די אויגען און וועלכע וועלען דאָך סוף כל סוף מוזען אַמאָל צו גרונד געהן: זיין לעצטער ווילען מוז אַ פּאַעמע זיין, אַ שטילער, שמייכלענדער אָבשייד פון דער וועלט, וועלכער

ער האט בעזיגט. מיט מאריע'ן האט ער וועגען דעם געדאנק נישט גערעדט. זי וואלט איהם נישט פערשטאנען. ער איז ביי זיך אין די אויגען געווען א סך העכער פון איהר. מיט א געוויסען שטאלץ איז ער געזעסען איהר געגענאיבער אין די לאנגע נאכמיטאגען, ווען זי איז, ווי ס'פלעגט אפט פארקומען, איינגעשלאפען איבער איהר בוך און די צופאלענע לאקען האבען זיך איהר געקייקעלט איבער'ן שטערן. זיין זעלבסט-געפיהל איז געוואקסען אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל ער האט זיך ארומגעזעהן, אז עס זענען פערהאן א סך זאכען, וועגען וועלכע ער דארף שווייגען און גארנישט רעדען מיט איהר. אזוי איינזאם איז ער דא געווארען און אזוי גרויס. —

איינמאל, אין א נאכמיטאג, ווען זי איז ווידער אנדרעמעלט געווארען, האט ער זיך שטילינקערהייד ארויסגעגנב'ט פון שטוב און איז אוועק שפאצירען אין וואלד. ארום איהם איבעראל האט געהערשט די שטילקייט פון דעם הייסען זומער-נאכמיטאג. און איצט איז עס איהם קלאר געווארען, אז היינט קאן עס געשעהען. ער האט טיעף אפגעאטעמט, און איהם איז געווארען אזוי לייכט, אזוי פריי. ער האט זיך פערקליבען טיעפער אונטער דעם געדיכטען שאטען פון די בוימער. די פערשטיקטע ליכטיגקייט פון טאג האט איהם אויפגעמונטערט. ער האט אלץ עמפפונדען ווי א גליק, אי דעם שאטען, אי די רוהיגקייט, אי די ווייכע לופט. און פון דעם אלעמען האט ער גענאסען. ס'איז קיין שום שמערץ נישט געלעגען אין דעם בעוואוסטזיין דערפון, אז ער וועט אט די אלע צערטליכקייטען פון לעבען מוזען פערליערען.

פערליערען, פערליערען, — האט ער האלב אויפ'ן קול איבערגע'חזר'ט. ער האט טיעף אפגעצויגען דעם אטעם, און פיהלענדיג, אז א ווייכע לופט האט זיך אריינגעריסען אין זיין ברוסט מיט א מילדער לייכטקייט, האט ער גארנישט געקאנט גלייך בעגרייפען, ווי אזוי דאס קאן געבען, אז ער זאל איבערהויפט קראנק זיין. ער איז אבער דאך קראנק געווען, ער איז דאך פערלוירען געוועזען. און פלוצלונג איז איהם עפעס ליכטיג געווארען אויף דער נשמה. ער האט אויפגעהערט גלויבען אין דעם. דאס איז עס געווען, און דעריבער האט ער זיך געפיהלט אזוי פריי און גוט, און דעריבער האט זיך איהם עס געדאכט, אז היינט איז די רעכטע שעה געקומען. נישט די פרייד פון לעבען האט ער בעזיגט, נאר די אנגסט פאר'ן

טוידט איז פון איהם אַוועק, ווייל ער האָט אויפגעהערט גלויבען אין טוידט. ער האָט געוואוסט, אַז ער געהער צו יענע, וועלכע ווערען ווידער געזונד. ער האָט זיך געפיהלט ריכטיג, ווי ווען עס האָלט ערגעץ אין אַ סערבאָרגענעם ווינקעל ביי איהם אין דער נשמה צוריק ערוואַכט עטוואָס אַזוינס, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געלעגען איינגעשלאָפען. ער האָט געפיהלט דאָס בעדערפעניש, בריי־טער די אויגען צו עפנען, צו געהן פאָרווערטס מיט גרעסערע טריט, טיעפער צו אָטעמען. דער טאָג איז געוואָרען העלער און דאָס לעבען לעבעדיגער. דאָס אַלזאָ איז עס געווען, דאָס איז עס געווען!? און פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט ער עס געמוזט מיט אַמאָל אַזוי פער־שכור׳ט ווערען פון האָפנונג? אַה, האָפנונג!... סאי׳ז געווען מעהר ווי דאָס. דאָס איז געווען זיכערקייט, געוויסהייט. און היינט אין דער פריה נאָך האָט עס איהם געקוועלט, האָט עס איהם דעם האַלז צוזאַמענגעצויגען און רעדען נישט געלאָזען, און איצט, איצט ער געזונד געווען, ער איז געווען געזונד. ער האָט עס אויפ׳ן קול אויסגעשריען:

— געזונד!

ער איז געשטאַנען איצט ביי׳ם אַרויסגאַנג פון וואַלד. פאַר איהם איז געלעגען דער טייך אין הונקעל־בלויער גלאַטקייט. ער האָט זיך צראָבגעלאָזען אויף אַ באַנק, און דאָ איז ער זיך געזעסען זעהר בעקוועם, דעם בליק אויפ׳ן וואַסער געריכטעט. ער האָט געטראַכט וועגען דעם, ווי מאָדנע דאָס איז פאָרגעקומען: דאָס אַנגענעהמע געפיהל פון אַ שטאָלצען אָבשיעד איז ביי איהם פערוואַנדעלט געווערען אינ׳ם געפיהל פון אַ פריידיגער גענעזונג.

ש־ש־ש, אַ לייכטער גערויש הינטער איהם, ער האָט קוים בעוויזען, זיך אומצוקעהרען. מאַריע איז עס געווען. איהרע אויגען האָבען געבלישצעט, איהר געזיכט איז געווען לייכט פעררויטהט.

— וואָס איז מיט דיר?

— צו וואָס ביזטו אַוועקגעגאַנגען? פאַר וואָס האָסטו מיך געלאָזען אַליין? איך האָב מיך שרעקליך דערשראָקען.

— ס׳איז גאָרנישט, — האָט ער געזאָגט און צוגעצויגען איהר צו זיך. ער האָט געשמייכעלט און זי געקושט. זי האָט געהאַט אַזעלכע וואַרעמע, פולע ליפען.

— קום אַהער, — האָט ער דאַן געזאָגט פאַמעליך און אַרוים־

גענומען זי בײַ זיך אויפ'ן שויס. זי האָט זיך פעסט צוגעטוליעט צו איהם און אײַנגעשלאָסען זײַן האַלז אין איהרע אָרעמס. און זי איז שען געװעזען! פון איהרע בלאָנדע האָר האָט זיך געטראָגען אַ װאַרעמער אַראָמאַט און אין זײַן ברוסט האָט זיך דערװעקט אַ אונענדליכע צערטליכקײַט צו דעם בײַזאַמען, שמעקעדיגען װעזען. די אויגען זענען איהם פול געװאָרען מיט טרערען און ער האָט אָנגעהאַפּט איהרע הענד, אום זיי צו קושען. אָ, האָט ער זי ליעב געהאַט!

פון טײַך האָט זיך געהערט אַ שװאַכעס, נישט דײַטליכעס גערויש. זיי האָבען זיך ביידע אומגעקוקט, אויפגעהויבען און געגאַנגען אָרעם אין אָרעם נעהנטער צו'ם ברעג. פון דער װײַטען האָט זיך געװיזען אַ דאַמפף-שיף. װען דאָס שיף איז שוין געװען אַזוי נאָהנט, אַז זיי האָבען געקאָנט אונטערשיידען די מענשליכע פיגורען אויפ'ן פאָרדעק, האָבען זיי זיך אומגעקעהרט צוריק און זיך געלאָזען געהן דורכ'ן װאַלד אַהיים. אָרעם אין אָרעם זענען זיי געגאַנגען, פאַמעליך, צושמײכלענדיג אײנער דעם אַנדערן. ס'האָבען זיך בײַ זיי צוריק אַלטע װערטער אָבגעפונען, װערטער פון די ערשטע ליעבעס-טעג. זיי האָבען זיך איבערגעװאָרפען מיט די זיסע פראַגען פון צװײפלענדער צערטליכקײַט און מיט די אינערליכע װערטער פון שמײכלענדער בערוהיגונג. און זיי זענען געװען פרעהליך און װיעדער זענען זיי קינדער געװען, און דאָס גליק איז דאָ געװען.

---

ס'איז אָנגעקומען אַ שװערער, גליהענדער זומער מיט היסע, ברענענדע טעג און װאַרעמע, ליידענשאַפטליכע נעכט. יעדער טאָג האָט געבראַכט מיט זיך צוריק דעם נעכטיגען, יעדע נאַכט — די נעכטיגע; די צײַט איז געשטאַנען אַזוי װי פערגליװערט. זיי זענען געװען פאָלשטענדיג אײנזאַם, און האָבען זיך אינטערעסירט נאָר אײנער מיט'ן אַנדערען; דער װאַלד, דער טײַך, דאָס קליינע שטיבעל — דאָס איז געװען זייער װעלט. אַ מילדע היץ האָט זיי אײַנגעהילט, — אַ היץ, אין װעלכער זיי האָבען פערגעסען אָן אַלע זייערע טרויעריגע געדאַנקען. זאָרגלאָזע, לאַכענדע נעכט און מידע, צערטליכע טעג זענען איבער זיי פערבײַגעפלויגען.

אין אײנער פון יענע נעכט איז עס געװען. די ליכט האָט שפּעט געברענט, און מאַריאַ, װעלכע איז געלעגען מיט אָפענע

אויגען, האָט זיך אויפגעהויבען אויפ'ן בעט און אַוועקגעזעצט. זי האָט בעטראַכט דעם געזיכט פון איהר געליעבטען, איבער וועלכען ס'איז געלעגען אויסגעגאָסען די רוהיגקייט פון אַ טיעפען שלאָף, און האָט זיך אַיינגעהערט, ווי ער אָטעמט. יאָ, איצט איז שוין קיין צווייפעל נישטאָ אין דעם: ער ווערט מיט יעדער שעה געזינדטער. איהר האָט אַרומגענומען אַ אונאויסדריקבאַרע צערטליכקייט, און זי האָט זיך אַראָבגעבויגען נעהנטער צו איהם, אום צו פיהלען אויף איהרע באַקען דעם הויך פון זיין אָטעם. אָ, ווי שען דאָס לעבען איז! און איהר גאַנצעס לעבען איז געווען ער, נאָר ער. אַה, איצט האָט זי איהם ווידער, זי האָט איהם ווידער, און אויף אייביג וועט זי איהם שוין האָבען!

איין אָטעמצוג פון שלאָפענדען, וואָס האָט געקלונגען עטוואָס אַנדערש, ווי די ביזהעריגע, האָט איהר בעאונרוהיגט. דאָס איז געווען אַ לייכטער געפּרעסטער קרעכץ. אַרום זיינע ליפּען, וועלכע האָבען זיך עטוואָס געעפענט, האָט זיך בעוויעזען אַ שאָטען פון ליידען, און מיט שרעק האָט זי בעמערקט טראָפּענס שווייס ביי איהם אויפ'ן שטערן. דעם קאָפּ האָט ער אָבגעבויגען עטוואָס אָן אַ זייט; דערנאָך אָבער האָבען זיך זיינע ליפּען ווידער פערמאַכט, דער רוהיגער אויסדריק אויפ'ן געזיכט האָט זיך צוריק בעוויעזען, און נאָך אַ פּאָר אונרוהיגע זיפצען איז דער אָטעם אויך ווידער רוהיג געוואָרען, כמעט אָהן אַ שום קלאַנג. מאַריע אָבער איז פּלוצלונג בעהערשט געוואָרען פון אַ פּייניגענדער אונרוהיגקייט. איהר האָט זיך שרעקליך געוואָלט אויפוועקען איהם, זיך צוטוליען צו איהם, שפּירען זיין וואַרעמקייט, זיין לעבען, איהם איינגאַנצען. איהר האָט אַרומגענומען אַ מאָדנע איבערצייגונג פון שולדיגקייט געגען איהם, און דער צופריעדענער גלויבען אין זיין געזונד ווערען האָט זיך איהר פּלוצלונג אויסגעוויזען פאַר אַ פערברעך, פאַר אַ פערשוועכונג. און איצט האָט זי געוואָלט איבערצייגען זיך אַליין, אַז עס איז נאָך גאָר ביי איהר קיין פעסטער גלויבען נישט געווען, ניין, נאָר אַ שוואַכע דאַנקבאַרע האָפנונג, פאַר וועלכער זי דאַרף נישט אַזוי ביטער געשטראָפט ווערען. טיעף אין האַרצען האָט זי איצט זיך פערשוואוירען, שוין קיינמאָל נישט מעהר אַזוי לייכטזיניג גליקליך צו זיין. די גאַנצע צייט פון דער פרעהליכער פערשכור'ונג איז פאַר איהר איצט פּלוצלונג געוואָרען אַ צייט פון לייכטזיניגער זינד, פאַר

הינלבער זי מוז אָבקומען. געווים! איז דאָס אָבער אין דער אמת'ן געוועזן אַזוי? אפשר איז עס גאָר אַנאַנדער זאַך געווען? אפשר גאָר די ליעבע, וואָס בעשאַפט וואונדער? און אפשר האָבען איהם גאָר גראַדע יענע לעצטע זיסע נעכט געזונד געמאַכט?

אַ שרעקליכער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון פעליקס'ס מויל. האַלבשלאָפענדיג האָט ער זיך אויפגעהויבען אין בעט און מיט ווייט פונאַנדערגעעפענטע אויגען שטאַר געקוקט אין'ם לעדיגען רוים אַזוי אַנגסטפול, אַז מאַריאַ האָט אַ געשריי געטהון און איהם איינגאַנצען אויפגעוועקט.

— וואָס איז, וואָס איז? — האָט ער געמורמעלט.

מאַריאַ האָט קיין ווערטער נישט געפונען איהם צו ענטפערן.

— דאָס האָסטו געשריען, מאַריאַ? איך האָב געהערט שרייענדיג.

ער האָט שנעל געאָטעמט.

— מיך האָט עפּעס אַזוי ווי געשטיקט... איך האָב עפּעס געזעהן אין חלום אויך, נאָר איך געדענק נישט — וואָס.

— איך האָב מיך אַזוי דערשראָקען, — האָט זי געשטאַמעלט.

— דו ווייסט, מאַריע, מיר איז קאַלט.

— נו יאָ, — האָט זי געענטפערט. — פון די בייזע חלומות, וואָס דו האָסט געהאַט.

— אַח, נישט דערפון, — און ער האָט מיט אַ צאָרניגען בליק געקוקט אין דער הויך. — מיך פיעבערט ווידער, דאָס איז עס.

זיינע ציינער האָבען זיך געטרייסעלט; ער האָט זיך איינגעוויקעלט אין דער דעקע.

זי האָט זיך פערצווייפעלט אַרומגעקוקט.

— אפשר ווילסטו, איך זאָל —

— איך וויל גאָרנישט; לעג זיך און שלאָף. איך בין מיעד, איך וועל אויך שלאָפען. דאָס ליכט לאָז ברענען.

ער האָט פערמאַכט די אויגען און זיך איבערגעדעקט מיט דער דעקע איבער'ן מויל. מאַריע האָט נישט געוואַגט מעהר, איהם צו פרעגען. זי האָט געוואוסט, ווי שלעכט עס ווירקט אויף איהם מיטלייד, ווען ער פיהלט זיך נישט גוט. ער איז גלייך איינגעשלאָפען, זי אָבער האָט שוין קיין שלאָף נישט גענומען. באַלד האָבען זיך אָנגעהויבען אַריינגנב'נען אין צימער גרויע דעמערונגס=שטראַהלען. די דאָזיגע ערשטע, בלאַסע אָנזאָגערס פון דעם נאָהענטען פריה=

מארגען זענען מאריאן זעהר אנגענעהם געוועזן. איהר האט זיך געדאכט, אז עס קומט צו איהר עטוואס פריינדליכעס, לאכענדעס, און זי האט געפיהלט א מאדנע בעדערפניש ארויסצוגעהן עמפפאנגען דעם פריהמארגען. פאמעליך און שטיל איז זי אראב פון בעט, האט גענומען אויף זיך איהר מארגענקלייד און האט זיך ארויס געגנבעט אויפ'ן טעראססע. דער הימעל, דער טייך, די בערג, — אלץ איז נאך געוועזן צוזאמענגעגאסען אין איין דונקעלער, אונבעשטימטער גרויקייט. איהר האט פערשאפט א בעזונדער פערגניגען דער פראצעס פון אנשטרענגען די אויגען, אום דייטליכער צו דערקענען די קאנטורען פון אלץ ארום. זי האט זיך געזעצט אויפ'ן לעהנ־שטוהל און געלאזען איהרע בליקען זינקען אין דער גרויער דעמערונג. זי האט געפיהלט אנ'אונבעשרייבליכע בעקוועמליכקייט פון דעם זיך־אויפהאפענדען זומער־פריהמארגען. ארום איהר איז אלץ געוועזן אזוי רוהיג, אזוי מילד און אזוי איביג. ס'איז אזוי גוט געוועזן זיך צו פיהלען אט אזוי אליין אין דער גרויסער שטילקייט — אויסער דעם ענגען, דושנעם צימער. און פלוצלונג האט איהר דורכגעשוידערט די איבערצייגונג: זי איז גערן אוועקגעגאנגען פון איהם, זי איז גערן דא געוועזן, גערן אליין!

אין דעם פערלויף פונ'ם גאנצען טאג האבען זיך איהר כסדר געפלאנטערט אין קאפ די געדאנקען פון דער פערגאנגענער נאכט. זיי זענען נישט געוועזן אזוי פייניגענד, אזוי שרעקליך, ווי אין דער ביינאכטיגער פינסטערניש, זיי זענען אבער געוועזן דייטליכער, בעשטימטער, און האבען איהר געצוואונגען אנצונעהמען וועלכען נישט איז בעשלוס. פאר אלעמען דארף מען זעהן אבקיהלען אביסעל די היץ פון זיין ליעבע. זי האט גארנישט פערשטאנען, ווי אזוי זי איז די גאנצע צייט נישט געפאלען אויף דעם, אז זי וועט זיין אזוי מילד, אזוי קלוג, אז עס וועט אויסזעהן נישט ווי אן אבקיהלונג, נאר ווי א נייע, בעסערע ליעבע.

איהר איז אבער נישט אויסגעקומען צו זיין נישט בעזונדער קלוג און נישט מילד. נאך יענער נאכט זענען אלע שטורעמס פון ליידענשאפט אזוי ווי פערלאשען געווארען אין איהם; ער אליין האט זיך בעצויגען צו איהר מיט א מיעדער צערטליכקייט, וועלכע האט זי אין אנהויב בערוהיגט און דערנאך פרעמד געמאכט. ער האט א סך געלייענט בייטאג, אדער ער האט זיך געמאכט לייענענדיג,

וואָרום גאַניץ אָפט האָט זי בעמערקט, אַז ער זיצט איבער'ן בוך, און קוקט גאָר ערגעץ־וואו ווייט. זיי האָבען גערעדט וועגען טויזענדער קלייניגקייטען און נישט וועגען קיין איין וויכטיגע זאַך, דערביי אָבער איז מאַריאַן גאָרנישט איינגעפאַלען, אַז ער האָט אויפגעהערט איהר צו ענטדעקען דעם סוד פון זיינע געדאַנקען. אַלץ איז פאַרגעקומען זעלבסטפערשטענדליך, ווי ווען די דאָזיגע אַלע האַלבע ווערטער און די דאָזיגע גלייכגילטיגקייט, וואָס האָט זיך געשפירט אין זיין גאַנצען וועזען, וואָלטען זיין נאָר די מונטערע מידקייט פון אַ מענשען, וואָס האַלט אין געזונד ווערען.

אין די פריהמאָרגענס פלעגט ער לאַנג בלייבען ליגען, און זי האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוועהנט, אַרויסצוגעהן פאַר־טאָג אַליין אויפ'ן פרייען פעלד. דאַן איז זי אָדער געבליעבען זיצען אויפ'ן טעראַסע, אָדער זי איז אַוועק צום טייך און זיצענדיג אין אַ שיפעל נישט ווייט פון ברעג, האָט זי זיך געלאָזען וויגען פון די לייכטע כוואַליעס. אָפט איז זי אַוועק אין וואַלד שפּאַצירען, און האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים געוועהנליך נאָך אַ קליינעם מאָרגענשפּאַציר, ווען זי איז אַריינגעגאַנגען אין צימער, אום איהם אויפצוּוועקען. זי האָט זיך געפרעהט מיט זיין געזונדטען שלאָף, וועלכען זי האָט בעטראַכט פאַר אַ גוטען סימפּטאָם. זי האָט נישט געוואוסט, וויפיעל מאָל ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ביינאַכט, און האָט נישט געזעהן דעם בליק פול מיט אומענדליכען טרויער, וועלכען ער האָט פון איהר נישט אַראָבגענומען, אין דער צייט ווען זי איז פערזונקען געווען אין'ם טיעפען שלאָף פון געזונדטער יוגענד.

איינמאָל אין דער פריה האָט זי זיך ווידער אַריינגעזעצט אין שיפעל, און דער מאָרגענשטערן האָט צושאָטען איבער'ן טייך זיינע ערשטע גאָלדענע פונקען. דאַן האָט איהר אַרומגענומען אַ שטאַרקע לוסט, זיך אַוועקצולאָזען ווייט, ווייט אין דאָס בליצענדע, העלע וואַסער. זי איז אָבגעפאָהרען ווייט פון ברעג, און אַזוי ווי זי איז געוועזען נישט געאיבט אים רודערען, האָט זי זיך אָנגעשטרענגט איבער די כחות, וואָס עס האָט די רייזע נאָך מעהר אַנגענעהם געמאַכט. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס עס איז נאָך אַזוי פריה געווען, האָט מען שוין נישט געקאָנט זיין אויפ'ן וואַסער אינגאַנצען איינזאַם. מאַריע האָט בעגעגענט עטליכע שיפלעך, און געגלויבט צו בעמערקען, אַז עטליכע פון זיי זענען מיט אַ פיון

נעהנטער געפאָהרען פערביי איהר. איין קליינע, עלעגאַנטע לאָרקע, אין וועלכער עס זענען געזעסען צוויי יונגע הערען, איז זעהר שנעל פערביי־געפאָהרען האַרט נעבען איהר שיפעל. די הערען האָבען אויפגעהויבען די הידערס, געצויגען די הוט און מיט אַ שמייכעל העפליך געגריסט.

מאַריע האָט דיביידע אָנגעקוקט מיט אָפענע אויגען און, נאָרנישט בעדענקענדיג זיך, געענטפערט: „גוט מאָרגען" דערנאָך האָט זי, אינגאַנצען אונבעוואוסטזיניג, זיך אומגעקוקט צו די ביידע יונגע לייט; די ווידער האָבען זיך אויך אומגעקוקט און נאָכאַמאָל געגריסט. דאַן האָט זי זיך פּלוצלונג געהאַפּט, אַז זי האָט געהאַנדעלט נישט ווי עס דאַרף צו זיין, און אַזוי שנעל, ווי זי איז נאָר אים־שטאַנד געווען, האָט זי געריודערט צוריק, צו׳ם שטוב. איהר רייזע צוריק האָט געדויערט אַ האַלבע שעה, און זי איז געקומען אַ פערשוויצטע מיט פונאַנדערגעלאָזענע האָר. גלייך פון וואַסער אַרוים־געהענדיג האָט זי פעליקס׳ן געזעהן זיצענדיג אויפ׳ן באַלקאָן, און זי איז האַסטיג צוגעלאָפען צו׳ם שטוב. עטוואָס צוטומעלט, ווי פיהלענדיג זיך שולדיג אין עפּעס, איז זי אַרויפגעלאָפען אויפ׳ן באַלקאָן, האָט אַרומגענומען פעליקס׳ן פון הינטען און איבערלוסטיג געפרעגט אין געלעכטער: ווער איז עס?

ער האָט זיך פאַמעליך בעפרייט פון איהר אומאַרמונג און זי רוהיג אָנגעקוקט פון דער זייט.

— וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס ביזטו עפּעס אַזוי לוסטיג?

— ווייל איך האָב דיר ווידער.

— וואָס ביזטו אַזוי פערשוויצט? דו גליהסט דאָך!

— אָ, גאָט מיינער! איך בין אַזוי פרעהליך! אַזוי פרעהליך! אַזוי פרעהליך!

זי האָט שפּיעלענדיג אַראָפּגענומען דעם פּלעד פון זיינע קניע און זיך אַוועקגעזעצט איהם אויפ׳ן שויס. איהר האָט געערגערט די איינענע פערלעגענהייט און זיין פערדראָסיגער פּנים און זי האָט איהם געקושט אין די ליפּען.

— פאַרוואָס ביזטו עפּעס אַזוי פרעהליך?

— האָב איך דען נישט קיין גרונד פרעהליך צו זיין? איך בין אַזוי גליקליך, וואָס — זי האָט זיך פערהיקעט און דערנאָך ווייטער גערעדט — וואָס דאָס אַלץ איז פון דיר צוגענומען געוואָרען.

— וואָס?

אין זיין פראַגע האָט זיך געהערט אַ פערבאָרגענער פערדאַכט.

זי האָט געמוזט איצט וויטער רעדען. עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען.

— נו, די שרעק.

— די שרעק פאַר'ן טוידט, מיינסטו?

— רעד עס נישט אַרויס!

— פאַרוואָס זאָגסטו עפּעס, פון מיר צוגענומען? ס'איז דאָך פון דיר אויך, ניין?

און זיין בליק האָט אָנגענומען דערביי אַ פאַרשענדען, כמעט בייזען אויסדריק. און ווען זי האָט, אָנשטאָט איהם צו ענטפערען, אַרומגעפיהרט איהרע הענד איבער זיינע האָר און צוגערוקט איהר מויל צו זיין שטערן, האָט ער אָבגעבויגען דעם קאָפּ עטוואָס אָן אַ זייט און וויטער גערעדט, אומבאַרמהערציג, קאַלט:

— יעדענפאַלס, האָסטו דאָך עס געוואָלט אַמאָל, אַז מיין שיקזאַל זאָל אויך דיינעס זיין?

— עס וועט אַזוי זיין, — איז זי איהם לעבעדיג אַריינגעפאַלען אין די רעד.

— ניין, עס וועט נישט זיין, — האָט ער איהר ערנסט געענטפערט. — צו וואָס זאָלען מיר זיך נאַרען? „דאָס אַלץ" איז פון מיר נישט צוגענומען געוואָרען. „דאָס" קומט אַלץ נעהנטער, איך שפּיר עס.

— אָבער — זי איז נישט בעמערקטערהייד אָבגעגאַנגען פון איהם און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן לעהן פון טעראַסע.

ער איז אויך אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעהויבען אַרומשפּאַצירען אַהין און צוריק.

— יאָ, איך שפּיר עס. מיין פליכט איז, דיר דאָס מיטצוטיילען. ווען דאָס וואָלט פאָרקומען פּלוצלונג, אומערוואַרטעט פאַר דיך, וואָלט עס דיך, ווי ס'שיינט, צו שטאַרק איבערגעשראָקען. דעריבער דערמאָהן איך דיר, אַז אַ פיערטעל פון מיין טערמין איז שוין באַלד אַריבער. אפשר רעד איך עס מיר נאָר איין, אַז איך מוז ס'דיר זאָגען, — און נאָר מיין שוואַכמוטיגקייט ברענגט מיך דערצו.

— דו בייזט בייז, האָט זי מיט אַנגסט געזאָגט, — וואָס איך האָב דיך געלאָזען אַליין?

— נאַרעשקייט! — האָט ער שנעל געענטפערט, — מ ו נ ט ע ר קאָן איך דיך זעהן; איך אַליין וועל, אויף וויפיעל איך קאָן מיך איצט, דעם געוויסען טאָג מונטער ערוואַרטען. דיין ל ו ס ט י ג ק יי ט אָבער קאָן איך, דעם אמת זאָגענדיג, נישט לייכט פערטראָגען. איך גיעב דיר, איבריגענס, די פרייהייט אָבצוטיילען דיין שיקזאַל פון מיינעם, אָט האָטש פון דעם מאָרגענדיגען טאָג אָן.

— פעליקס! — זי האָט פראָבירט מיטביידע הענד אָבשטעלען דעם אַהין־און אַהער־שפּאַצירענדען; ער האָט זיך אָבער ווידער פריי געמאַכט.

— ס'קומט אָן די שרעקליכסטע צייט. ביז איצט בין איך געווען אַן'אינטערעסאַנטער קראַנקער: אַביסעל בלאַס, אַביסעל צו־דוסטענדיג, אַביסעל מעלאַנכאָליש. דאָס קאָן נאָך אַ פרוי געפעלען. דאָס אָבער, מיין קינד, וואָס דאַרף איצט קומען — פערשפּאָר דיר בעסער! דאָס קאָן נאָך פערגיפטען דיינע ערֿאינערונגען וועגען מיך.

זי האָט אומזיסט געזוכט ווערטער, איהם צו ענטפערן, און האָט נישט אַראָבגענומען פון איהם איהר הילפלאָזען בליק.

— עס איז שווער, זיך אויף דעם צו בעשליעסען, מיינסטו נעווים! דאָס וואָלט זיין דערהויבער די ליעבע, דאָס וואָלט אויסזעהן זאָגאַר געמיין, ניעדריג. איך פערזיכער דיר אָבער, אַז וועגען דעם קאָן גאַר קיין רעד נישט זיין, אַז דו וועסט אַסך מעהר בעפריידיגען מיר און מיין אייגענליעבע, ווען דו וועסט מיין פאָרשלאַג יאָ אָננעהמען. וואָרום דאָס וועניגסטענס וויל איך, אַז דו זאָלסט מיט טרויער זיך דערמאָהנען אָן מיך, אַז דו זאָלסט מיך מיט אמת'ע טרערען בעוויינען. דאָס אָבער איך קאָן אין קיין פאַל נישט פערטראָגען, איז דאָס, אַז דו זאָלסט אָבזיצען טעג מיט נעכט אייננעבויגען איבער מיין בעט און טראַכטען: וואָלט שוין געקומען אַמאָל דאָס, וואָס עס מוז קומען, — און אַז דו זאָלסט דיך פיהלען, ווי אַ אויסגעלייזטע, ווען איך וועל זיך שיידען פון דיר.

זי האָט זיך נאָך אַליין געמאַטערט צו געפינען אַ וואָרט. ענדליך האָט זי אַרויסגעשריען:

— איך בלייב ביי דיר, אייביג!

ער האָט זיך אויף דעם גאָרנישט אומגעקוקט.

— מיר וועלען מעהר נישט רעדען וועגען דעם. אין אַ וואָך

ארום... קלער איך... פאהרען קיין וויען. איך מוז דאך וואס ס'איז אין ארדנונג ברענגען. איידער מיר וועלען פערלאזען דאס הויז, וועל איך דיר נאכאמאל שטעלען מיין פראגע — ניין, מיין ביטע...

— פעליקס! איך!...

ער האט איהר שארף איבערגעריסען:

— איך פערבאט דיר, נאך איין ווארט אפילו ארויסצורעדען וועגען דעם ביז צו דער פון מיר בעשטימטער צייט. ער איז אראב פון באלקאן און האט זיך געלאזען געהן אין צימער, זי האט איהם געוואלט נאכגעהן.

— לאז מיך איצט, — האט ער גאנץ מילד געזאגט, — איך וויל אביסעל אליין זיין.

זי איז געבליבען אויפ'ן באלקאן און האט זיך פערקוקט אויף דער בליצענדער אויבערפלעכע פון טייך. פעליקס איז אריין אין שלאפצימער און האט זיך דארט ארויפגעווארפען אויף זיין בעט. לאנג האט ער נישט אראבגענומען די אויגען פון סופיט. דערנאך האט ער זיך געביסען די ליפען און צוזאמענבייגענדיג די פויסטען האט ער גיפטיג געזיפצט:

— איבערגעגעבענקייט! איבערגעגעבענקייט!

---

פון דער צייט אן איז עפעס א פרעמדקייט געקומען צווישען זיי און צוזאמען דערמיט אויך א נערוועזע בעדערפניש, אסך צו רעדען איינער מיט'ן אנדערען. וועגען די מינדעסטע קלייניגקייטען פלעגען זיי אברעדער שעה'ען לאנג, און זעהר שלעכט פלעגען זיי זיך פיהלען, ווען זיי פלעגען אויפהערען צו רעדען. ביי זיי איז רעכט געווען אבצוזיצען ווי לאנג און שמועסען וועגען דעם, פון וואנען די גרויסע וואלקענס קומען, וואס'רע וועטער עס וועט זיין מארגען און פאר וואס דאס וואסער בייט דעם קאליר זיינעם אין די פערשידענע צייטען פון טאג. אין דער צייט פון שפאציערען, האבען זיי אפטער ווי ביז אהער אויסגעמידען די ענגע, שטילע וועגען ארום זייער שטוב און געגאנגען מעהר צום בעוואהנטען ברעג. דארט האבען זיי געהאט די געלעגענהייט צו מאכען פערשידענע בעמערקונגען וועגען די מענשען, וועלכע זענען זיי אנטקעגען געקומען. ווען ס'האט זיך געמאכט, אז יונגע מענשען זענען זיי אנגעגאנגען אנטקעגען, איז מאריע געווען אין איהר בענעהמונג בעזונדער צו-

ריקגעהאלטען, און ווען פעליקס האט זיך געווענדעט צו איהר מיט א בעמערקונג וועגען דעם זומער־קאסטיום פון וועלכען ס'איז הודער־ספארטסמאן אדער אלפען־טוריסט, איז זי פערגאנגען אזוי ווייט אין איהר נישט אויפריכטיגקייט, אז ביי איהר איז רעכט געווען צו זאגען, אז זי האט די מענשען קיינמאל נישט אנגעזעהן, און נאר מיט א סך מיהע איז איהם געלונגען צו פועל'ן ביי איהר, טרעפענדיג זיי א צווייטעס מאל, זי זאל זיי אויפמערקזאם בעטראכטען. זי האט נישט געקאנט פערטראגען דעם בליק, מיט וועלכען ער האט איהר דורכגענומען ביי אזא געלעגענהייט. דאן פלעגט אפט טרעפען, אז זיי פלעגען אבגעהן מעהר ווי א פיערטעל שעה און נישט ארויסרעדען איין ווארט צווישען זיך. אפטמאל זענען זיי געזעסען שווייגענדיג אויף זייער באלקאן אזוי לאנג, ביז מאריא פלעגט נישט, געשיקט גענוג, נאר נישט קענענדיג פון דעסטוועגען ־עהאלטען די כונה דערפון, פאלען אויף דעם מיטעל, איהם פארצולייענען די צייטונג. און ווען אפילו זי האט בעמערקט, אז ער הערט נישט, האט זי אויך ווייטער געלייענט, זיך פרעהענדיג דערמיט, וואס ס'איז נאר נישט אינגאנצען שטיל צווישען זיי. און דאך, נישט קוקענדיג אויף די דאזיגע אלע פייניגענדע פראבעס, זענען זיי ביידע געווען פערנומען נאר מיט זייערע אייגענע געדאנקען.

פעליקס האט אינערליך זיך אליין מודה געווען, אז ער האט דא געשפיעלט, אין דער בעציהונג צו מאריא'ן, א לעכערליכע קאמעדיע. קוים וואלט ער טאקע ערנסט טראכטען וועגען דעם, איהר צו פערשפארען די קומענדיגע ליידען, וואלט דאך אמבעסטען געווען פון זיין זייט, פראסט פערשוואונדען צו ווערען פון איהר. ס'איז דאך נישט קיין גרויסע זאך, זיך אויסצוגעפינען ערגעץ א פערווארפענעם, שטילען ווינקעל, אום דארט רוהיג צו שטארבען. ער אליין האט זיך געוואונדערט, ווי אזוי ער קאן מיט אזא גלייכגילטיגקייט קלערען וועגען אזעלכע זאכען. ווען ער האט אבער אנגעהויבען ערנסט צו קלערען וועגען דער אויספיהרונג פון דעם פלאן; ווען ער האט פראבירט אין א שרעקליך לאנגער, שלאפלאזער נאכט איבערלעבען כמעט די אלע איינצעלהייטען פון דער אויספיהרונג: ווי אזוי ער וועט אויפשטעהן מארגען פארטאג און אוועק פון דאנען, זיך נישט געזעגנענדיג, און דער איינזאמקייט אבווארטען דעם נאהנטען

טוידט, און זי וועט בלייבען דא אין דעם ווניגען, לאַכעדיגען און פאַר איהם פערלוירענעם לעבען, — ווען ער האָט זיך דאָס אַלץ לעבעדיג פאָרגעשטעלט, האָט ער געפיהלט זיין גאַנצע שוואַכקייט; האָט ער טיעף געפיהלט, אַז ער קאָן עס נישט, אַז ער וועט עס קיינמאָל נישט קאָנען. וואָס אַלזאָ, וואָס טהוט מען? מיט אַ ביטערער אונערבאַרמדיגקייט קומט אַלץ נעהנטער און נעהנטער צו דער טאָג, ווען ער וועט מוזען פון דאַנען אַוועק און איהר איבערלאָזען. זיין גאַנצעס וועזען איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער ערוואַרטונג פון דעם טאָג, מיט אַ פייניגענדער שרעק, וואָס איז נאָך ערגער, ווי דער טוידט אַליין. ווען ער וואָלט נאָך צו די צרות נישט זיין געוועהנט פון דער יוגענד אָן זיך אַליין צו בעטראַכטען! די אַלע סימפּטאָמען פון זיין קראַנקהייט וואָלט מען געקאָנט דאַן פערביינגעהן, זיך נישט זעהענדיג מאַכען אָדער קוקענדיג אויף זיי צווישען די פינגער. זיין זכרון האָט איהם אַרויסגערופען די בילדער פון מענשען, וועלכע ער האָט געקענט און וועלכע האָבען אויך געליטען פון דער זעלביגער קראַנקהייט, וואָס ער, און האָבען נאָך עטליכע וואָכען פאַר זייער טוידט מונטער און האָפנונגס־פול געקוקט דער צוקונפט אין די אויגען. ווי פערשאָלטען האָט ער איצט די שעה, ווען זיין צווייפעל האָט איהם געפיהרט צו יענעם שרעקליכען דאָקטאָר, דעם פאַלשען אויטאָריטעט פון וועלכען ער האָט זיך אונטערגעוואָרפען, ביז ס'האָט זיך נישט ענטדעקט פאַר איהם דער פולער, אונערבאַרמדיגער אמת. און אָט איז ער איצט געלעגען דאָ, אַ הונדערט־מאָל־פערשאָלטענער, נישט בעסער ווי אַ פעראורטיילטער צום טוידט, וועלכען דער תלין קאָן יעדען אין דער פריה קומען נעהמען, אום איהם אויפ'ן עשאַפאָט צו פיהרען, און ער האָט פערשטאַנען, אַז אייגענטליך האָט ער זיך נאָך קיין איין סעקונדע לאַנג נישט געקאָנט קלאָר מאַכען די גאַנצע שרעקליכקייט פון זיין לאַגע. ערגעץ אין אַ פערוואָרפענעם ווינקעל ביי איהם אין האַרצען האָט געלויערט די פאַלשע, שמייכלערישע האָפנונג, וועלכע האָט איהם קיינמאָל נישט געוואָלט אינגאַנצען פערלאָזען. זיין פערשטאַנד אָבער איז געווען שטאַרקער, און האָט איהם געגעבען אַ קלאָרע און קאַלטע עצה, האָט איהם געגעבען אַלץ ווידער און ווידער, און ער האָט עס געהערט צעהנדליגער, הונדערטער און טויזענדער מאָל, אין די דאָזיגע אונענדליכע נעכט,

וועלכע ער איז אָבגעלעגען אַ וואַכעדיגער, און אין די אייניטאָניגע טעג, וועלכע זענען אַזוי געשווינד אַריבערגעלאָפען, — אַז פאַר איהם איז נאָר איין אויסוועג, איין רעטונג פערהאַן: נישט צו וואַרטען מעהר, קיין איין סעקונדע נישט, און אַליין אַ ענדע צו מאַכען; — אַזאַ אויסגאַנג וואָלט זיין נישט אַזוי שרעקליך. און געווען איז נאָך אַ שטיקעל נחמה אין דעם, וואָס ער וועט שוין נישט זיין געצוואונגען מעהר צו וואַרטען. אין יעדען אויגענבליק, ווען ער וועט נאָר וועלען, קאָן ער נעהמען און אַ ענדע מאַכען.

אָבער זי, זי! בייטאָג בעזונדער, ווען זי איז ניט אָבגעטרעטען פון איהם אָדער ווען זי האָט איהם עפּעס פאָרגעלייענט, האָט זיך אָפּט געדאַכט, אַז איהם וואָלט גאָרנישט זיין אַזוי שווער, זיך צו שיידען מיט דעם נפש. זי איז געווען פאַר איהם נישט מעהר ווי אַ טייל פון דעם עקזיסטענץ אין אַלגעמיין. זי האָט געהערט צו דעם אַרומיגען לעבען, וועלכען ער מוז פערלאָזען, און נישט צו איהם. אין אַנדערע מאָמענטען אָבער, בעזונדער ביינאַכט, ווען זי איז געווען פערזונקען אין טיעפען שלאָף און איז געלעגען נעבען איהם מיט פערשלאָסענע ברעמען אין איהר גאַנצער יוגענדשענ־הייט — דאַן האָט ער זי געליעבט אָהן אַ גרענעץ, און וואָס רוהיגער זי איז געשלאָפען, וואָס מעהר אָבגעשיעדען פון דער וועלט איהרע חלומות זענען געווען, וואָס וויטער איהר פער׳הלום׳טע נשמה האָט אויסגעזעהן צו זיין פון די יסורים, וואָס האָבען איהם געפייניגט, אַלץ הייסער, אַלץ ווילדער האָט ער זי פערגעטערט. און איינמאָל, אין דער נאַכט איידער זיי האָבען געזאָלט אַוועקפאָהרען פון דאַנען, האָט איהם אַרומגענומען אַ אונבעשרענקטע לוסט, אויפצורייסען איהר פון דעם שענעם שלאָף, אין וועלכען ער האָט געזעהן אונ־טרייהייט, און אַריינצושרייען איהר אין אויער: „אויב דו האָסט מיך ליעב, טאָ שטאַרב צוזאַמען מיט מיר, שטאַרב איצט!“ ער האָט איהר אָבער געלאָזען וויטער שלאָפען, מאָרגען וועט ער עס איהר זאָגען, מאָרגען — אפשר...

אָפּטער, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, האָט זי געפיהלט אין יענע נעכט זיין בליק. אָפּטער, ווי ער האָט געגלויבט, האָט זי זיך אין יענע נעכט געמאַכט שלאָפענדיג, וויל אַ פערגליווערנדע אַנגסט האָט איהר אָבגעהאַלטען דערפון, צו עפנען אינגאַנצען די ברעמען, דורך די שפאַלטען פון וועלכע זי האָט אַלע מאָל גע־

ווארפען א קוק אין דער האלבער דונקעלהייט פון שלאפצימער אין אויף זיין געשטאלט, וואס איז אונבעוועגליך געזעסען אין בעט. יענער לעצטער, ערנסטער שמועס האט איהר פון זינען נישט געקאנט ארויס, און זי האט געציטערט פאר דעם טאג, ווען ער וועט זיך נאכאמאל ווענדען צו איהר מיט דער פראגע. פארוואס האט זי אזוי געציטערט דערפאר? דער ענטפער איז דאך געלעגען ביי איהר פון אויבען אויף: זיין מיט איהם ביז דער לעצטער סעקונדע, נישט אבטרעטען פון איהם, יעדען זיפץ פון זיינע ליפען פערטויבען מיט קושען, יעדען טרער פון זיינע אויגען מיט די ליפען אבווישען! ער האט הייסט עס, געצווייפעלט אין איהר? איז דען מעגליך געווען אן אנדער ענטפער? ווי? וועלכער? דער אפשר: „גוט, דו האסט רעכט, איך וועל דיך איבערלאזען. איך וויל מיטנעהמען מיט זיך די ערינערונגען וועגען א אינטערעסאנטען קראנקען. איך וועל דיך דעריבער לאזען איצט אליין, אום שטארקער צו קאנען ליעבען די ערינערונג וועגען דיר?" און דערנאך? עס האט איהר געטריעבען, אלץ אויסצורעכנען, וואס עס מוז קומען נאך דעם ענטפער. זי האט איהם געזעהן פאר זיך, קיהל, שמייכלענדיג. ער שטרעקט איהר אויס די האנד אנטקעגען און זאגט: איך דאנק דיר. דערנאך ווענדעט ער זיך אב פון איהר, און זי אנטלויפט פון דאנען. ס'איז א זומער פריה-מארגען, וואס גלאנצט און וועקט אויף טויזענדער פריידען. און זי טראגט זיך אלץ ווייטער און ווייטער אין דער גאלדענער לופט, אבי נאר ווי מעגליך געשווינדער זיך צו דערווייטערען פון איהם, און מיט איין מאל זיך בעפרייען פון אלץ, וואס האט איהר געקוועלט און געמאטערט. אט איז זי ווידער אליין, קיין מיטליידסגעפיהל דריקט איהר נישט, זי שפירט נישט מעהר אויף זיך דעם טרויעריגען, דעם פרעגענדען, דעם שטארבענדען בליק, וואס האט איהר אין דעם פערלויף פון די גאנצע לעצטע מאנאטען אזוי שרעקליך געפייניגט. זי געהערט דער פרעהליכקייט, דעם לעבען, זי דארף ווידער יונג זיין. זי לויפט אלץ ווייטער און ווייטער אין דער מארגענווינט פלאטערט איהר לאכענדיג נאך.

און ווי דאפעלט עלענד האט זי זיך אליין אויסגעזעהן, ווען דאס דאזיגע בילד פון איהר ווילדען חלום איז ווידער ארויסגעשוואומען אין איהר פארשטעלונג! זי האט געליטען שוין דערפון

אַלײן, װאָס אַזאַ פאָרשטעלונג האָט זיך איבערהויפּט גאָר געקענט װײַזען בײַ איהר.

און דאָס מיטלײַד מיט איהם האָט איהר גענאָגט דאָס האַרץ און װי האָט זי עס געשװידערט, טראַכטענדיג װעגען זײַן װיסען, װעגען זײַן האָפנונגסלאָזיגקײַט! אָ, װי זי האָט איהם געליעבט, װי זי האָט איהם אַלץ שטאַרקער, אַלץ הײסער געליעבט, װאָס נעהנטער ס'איז צוגעקומען דער טאָג, װען זי װעט איהם מוזען פערליערען. אַה, עס קען גאָר קײן צװײפעל נישט זײַן אין דעם, װאָס'רע ענטפער זי װעט איהם געבען! איהם בײַן זײַט װעט זי שטעהן, מיט איהם לײַדען, — װי װעניג איז עס געװען! זעהען, װי ער ערװאַרט דעם טוידט, דורכלעבען איבערלעבען מיט איהם צוזאַמען מאָנאַטענלאַנג דעם אַנגסט פאַרן טוידט, — דאָס איז נאָך אַלץ װעניג. זי װיל פאַר איהם מעהר טאָן, דאָס בעסטע, דאָס העכסטע. װען זי װעט איהם צוזאָגען זיך דעם לעבען צו נעהמען אויף זײַן קבר, װעט ער שטאַרבען מיט דעם צװײפעל, צי זי װעט עס טאַקע טאָן. מיט איהם, נײן — פאַר איהם װיל זי שטאַרבען. אויב ער װעט זיך נאָכאַמאָל װענדען צו איהר מיט דער פראַגע, װעט זי די קראַפט האָבען, איהם צו זאָגען: לאָזען מיר מאַכען אַ סוף צו דעם פײַן! קום, לאָמיר שטאַרבען צוזאַמען, לאָמיר שטאַרבען שוין!...

און פער'שכור'ט װערענדיג פון דער אידעע, האָט איהר אויסגעזעהן יענע פרוי, דעם בילד פון װעלכער זי האָט נאָר װאָס געזעהן; יענע פרוי, װעלכע פליהט איבער פעלדער, הערט דעם געזאַנג פון מאָרגענװינט, לויפט אַנטקעגען דאָס לעבען און דער פרעהליכקײַט, און װעלכע איז געװען זי אַלײן, — נאַרעש און געמײן.

---

ס'איז אָנגעקומען דער טאָג פון זײער אָפּפאָהרען. דער פריהמאָרגען איז געװען אַ װאונדערבאַר מילדער, װי װען דער פריהלינג װאָלט זיך צוריק אומגעקעהרט. מאַריאַ איז שוין געזעסען אויפ'ן טעראַסע, און דאָס פריהשטיק איז שוין געװען געגרײט, װען פעליקס איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער. ער האָט טיעף אָפּגעאָטעמט.

— אַה, ס'אַראַ שענער טאָג!

— נישט אמת?

— איך װיל דיר עפּעס זאָגען, מאַריע!

— וואָס ? — און אַזוי ווי העלנדיג אַרויסהאַפּען איהם דעם ענטפער פון מויל, האָט זי שנעל אַרויסגערעדט: — מיר בלייבען נאָך דאָ ?

— ניין, נישט דאָס; נאָר מיר וועלן זיך נישט אומקעהרען גלייך צוריק קיין ווין. איך פיהל מיך היינט נישט שלעכט, גאָר נישט שלעכט. מיר וועלן זיך אָבשטעלן וואו ס'איז אויפ'ן וועג.

— ווי דו ווילסט, מיין טייערער.

איהר איז מיט אַמאָל געוואָרען אַזוי פרעהליך אויפ'ן האַרצען, ווי ס'איז איהר שוין נישט געווען אַ לאַנגע צייט. אַזוי פריי האָט ער שוין די גאַנצע וואָך מיט איהר נישט גערעדט.

— איך רעכען, קינד טייערע, זיך אָבצושטעלען אין זאַלצבורג.

— זאָל זיין אַזוי ווי דו ווילסט.

— קיין ווין וועלן מיר נאָך בעווייזען צו קומען אין דער צייט, ניין ? און פאָהרען אַזוי לאַנג מיט דער באַהן טויג פאַר מיר אויך נישט.

— נו יאָ, — האָט איהם מאַריע לעבהאַפט אונטערגעהאַלטען. — מיר האָבען זיך דאָך נישט, וואָס צו יאָגען.

— ס'איז דאָך שוין אַלץ איינגעפּאַקט, יאָ, מערי ?

— שוין לאַנג; מיר קענען שוין פאָהרען.

— איך גלויב, אַז אונז וועט בעסער זיין צו פאָהרען אין אַ עקיפּאַזש. פאָהרען פיער-פינף שעה מיט אַ עקיפּאַזש איז אַ סך אַנגענעהמער, ווי מיט דער באַהן. אין די קופּעס איז היים און דושנע.

— ווי דיר געפעלט, מיין טייערער.

זי האָט איהם געגעבען אויסצוטרינקען אַ גלאָז מילך, און דערנאָך האָט זי איהם אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם שענעם, זילבערנעם גלאַנץ, מיט וועלכען עס זענען פערגאָסען די קאַמען פון די וועללען. זי האָט גערעדט אַ סך און איבערלוסטיג. ער האָט איהר געענטפערט פריינדליך און רוהיג. אַם ענדע האָט זי זיך אַנגעבאָטען, צו געהן בעשטעלען דעם עקיפּאַזש, אויף צו פאָהרען מיט איהם נאָכמיטאָג קיין זאַלצבורג. ער האָט מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען איינגעשטימט, און זי האָט שנעל אַרויפגעהאַפּט אויפ'ן קאָפּ דעם גרויסען שטרוי-הוט, האָט עטליכע מאָל געקושט פעליקס'ן אין די ליפּען און איז אַרויסגעגאַנגען.

ער האָט נישט געפרעגט... און וועט נישט פרעגען. דאָס

האט מען געקענט לייכט איבערלייענען אויף זיין אויסגעלייטערטען געזיכט. אין זיין פריינדליכען טאן האט זיך היינט אויך ניט געפיהלט קיין לויערנדעס, שטעכעדיגעס, ווי עס פלעגט אפט פארקומען פריהער, ווען ער האט א גאנץ רוהיגען שמועס איבערגעשניטען מיט א בייזען ווארט. ווען עטוואס אזוינס פלעגט דארפען פארקומען, האט זי עס שטענדיג פריהער געוואוסט, און איצט האט זי זיך געפיהלט ריכטיג, ווי ווען ער וואלט איהר א גרויסען חסד בעוויזען. אין זיין מילדקייט איז געלעגען עטוואס שענקענדעס, פערצייהענדעס.

ווען זי איז צוריקגעקומען אויפ'ן באלקאן, האט זי איהם געפונען, לעזענדיג די צייטונג, וואס איז אנגעקומען אין דער צייט, וואס זי איז נישט געווען.

— מאריע, — האט ער אויסגערופען, צורופענדיג איהר מיט א וואונק פון די אויגען, — זעה, עטוואס וואונדערבארעס, מערקווירדיגעס!

— וואס איז?

— נא, לייען!... דער מענש... נו, דער פראפעסאר בערנארד איז געשטארבען.

— ווער?

— דער... נו דער, ביי וועמען איך... אה דער, דער, וואס האט מיר אזעלכע טרויעריגע אויסזיכטען פארגעשילדערט.

זי האט איהם ארויסגענומען פון האנד די צייטונג. „ווי, פראפעסאר בערנארד? גערעכט אויף איהם!" — האט זיך איהר שיער נישט ארויסגעריסען פון מויל, זי האט עס אבער נישט ארויסגערעדט. ביידע האבען זיך געפיהלט ריכטיג, ווי ווען די געשעהעניש וואלט האבען פאר זיי א וויכטיגע בעדייטונג. יא, ער, וועלכער האט אוועקגערויבט יעדע האפנונג ביי א מענשען, וואס האט זיך געווענדעט צו איהם נאך הילף, ער אליין, מיט זיין בערימטער חכמה און מיט זיין פאלשטענדיגער געזונדקייט, ווערט אין א פאר טעג ארום ליגען א בעגראבענער! אין דער מינוט ערשט האט פעליקס געפיהלט, ווי ער האט דעם מענשען געהאסט, — און אין דעם, וואס דאס שיקזאל האט זיך אן איהם נוקם געווען, האט דער קראנקער געזעהען א גוטען סמן. ער האט זיך געפיהלט ריכטיג, ווי ווען א מורא'דיגער, שלעכטער גייסט וואלט פערשוואונדען ווערן פון זיין האריזאנט.

מאַריע האָט אוועקגעוואָרפען דעם בלאַט און געזאָגט:

— יאָ, וואָס ווייסען מיר, מענשען, פון דער צוקונפט? ער האָט זיך מיט פרייד אַ וואָרף געטאָן אויף די ווערטער.

— וואָס ווייסען מיר וועגען דעם מאָרגענדיגען טאָג! מיר ווייסען גאָרנישט, גאָרנישט!

נאָך אַ קורצער פויזע איז ער פלוצלונג איבערגעשפרונגען אויף אַנ׳אַנדער געגענשטאַנד:

— דו האָסט בעשטעלט דעם עקיפּאַזש?

— יאָ, אויף עלף דעם זייגער.

— ווי רעכענסטו, מיר וועלן דאָך נאָך קענען זיך הורכפּאָהרען אַביסל אויפ׳ן וואַסער?

זי האָט אָנגענומען זיין אָרעם, און ביידע האָבען זיך געלאָזען געהן צום ברעג. ביידע האָבען זיי זיך געפיהלט אַזוי, ווי וועןן זיי וואָלטען קריעגען אַ פערדיענטע בעפריידיגונג.

———

שפּעט נאָכמיטאָג זענען זיי אַריינגעפאָהרען אין זאַלצבורג. צו זייער גרויסער פערוואונדערונג האָבען זיי געפונען די מעהרסטע הייזער פון שטאָדט בעפּוצט מיט פלאַגען; די מענשען, וועלכע זיי האָבען בעגעגענט, זענען געווען יום־טוב׳דיג אויסגעפּוצט, און איינצעלנע פון זיי האָבען געהאַט אויף זיך קאָקאַרדעס. אינ׳ם האָטעל, וואו זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט און פערנומען איין צימער מיט אַ פענסטער צו׳ם מענכסבערג, האָט מען זיי ערקלערט, אַז אין שטאָדט ווערט היינט געפייערט אַ גרויסער זינגער־יום טוב, און מ׳האָט זיי פאָרגעלעגט בילעטען אויף דעם קאָנצערט, וואָס וועט פאָרקומען אַכט דעם זייגער אינ׳ם קור־פּאַרק ביי אַ גרויסאַרטיגער בעלויכטונג. זייער צימער איז געווען אין ערשטען שטאָק, און אונטער זייער פענסטער האָט זיך געצויגען דער זאַלצאַך. אין עקיפּאַזש, פאָהרענדיג, האָבען זיי זיך ביידע גוט אויסגעשלאָפען און איצט האָבען זיי זיך געפיהלט אַזוי פריש, אַז זי זענען נאָר אַ קורצע צייט געזעסען אין שטוב און באַלד פאַרנאַכט זיך ווידער אַרויסגעלאָזען אויפ׳ן שפּאַציער.

אין גאַנצען שטאָדט איז געווען לעבעדיג און פרעהליך. די איינוואָהנער זענען כמעט אַלע אויפ׳ן גאַס געווען, און די זינגער׳ס, מיט בעזונדערע סמנים בעפּוצט, האָבען פרעהליך אַרומגעשפּאַצירט

גרופּעסהייז צווישען זיי. צווישען די שפּאַציערענדע האָבּען זיך גע־פונען אַ מאַסע אָנגעפּאָהרענע, אונטער וועלכע מ'האָט געקענט בּעמערקען אויך די אָנגעפּאָהרענע פויערן פון די אַרומיגע דערפער אין זייערע יום־טוב'דיגע קליידער. פון אונטער די דעכער אַרויס האָבּען געפלאַטערט די שטאָדטישע פלאַגען, אין דער הויפּטגאַס זענען געווען אויסגעשטעלט טריאומפ־טויערן מיט בּלומען בּעפּוצט. דורך אַלע גאַסען אַהין און צוריק האָט זיך געטראָגען דער מענשען־שטראָם, און איבּער איהם האָט זיך געפיהלט די בּעקוועמע מילדקייט פון אַ שמעקעדיגען זומער־אָבּענד.

פון בּרעג זאַלצטאַך, וואו ס'האָט געהערשט אַ אַנגענעהמע שטילקייט, זענען מאַריע און פעליקס אַרויסגעגאַנגען אין די בּעלעבּטע טיילען פון שטאָדט און נאָכדעם ווי זיי האָבּען אַזאַ לאַנגע איינפאָרמיגע צייט געהאַט אָבּגעלעבּט אין זייער שטילען דערפעל בּיים טייך, האָט זיי דער אונגעוועהנליכער טומעל פון שטאָדט כמעט פער'שכורט. בּאַלד אָבּער האָט זיך צו זיי אומגעקעהרט די ערפאַהרענע גלייכגילטיגקייט פון גרויסשטעטיגע איינוואָהנער צו אַזעלכע ערשיינונגען, און זיי האָבּען אויפגעהערט נתפּעל צו ווערן פון דעם גאַנצען געדויש. ווי אין די פריהערדיגע צייטען, האָט די איצטיגע פרעהליכקייט פון דער מאַסע אויך נישט איבּריג אַנגענעהם געווירקט אויף פעליקס'ן. מאַריאַ אָבּער האָט זיך דאָ גלייך געפיהלט זעהר גוט, און ווי אַ קינד, האָט זי זיך אָבּגעשטעלט קוקען דאָ אויף אַ פּאָר ווייבּער אין זאַלצבּורגער קאָסטיומען און דאָ אויף עטליכע הויכגעוואַקסענע, מיט שלייפען בּעפּוצטע זינגער, וועלכע זענען זיי פערבּייגעגאַנגען. אָפּטמאָל האָט זי זיך אָבּגעשטעלט קוקען אין דערהויך און בּעוואונדערט די בּעזונדער שענע דעקאָראַציע פון וועלכער ס'איז געבּיידע.

— זעה נאָר, ווי שען! — האָט זי זיך פרעהליך געווענדעט צו פעליקס'ן; ער אָבּער האָט גלייכגילטיג אַ קוק געטאָן אין איהר זייט און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— נו, זאָג דעם אמת, — האָט זי איהם נאָך אַ קורצע ווײַלע ווידער געפרעגט, — האָבּען מיר דען נישט דאָ ריכטיג גוט געטראָפען?

ער האָט אַ וואָרף געטאָן אויף איהר אַ בּליק, אין וועלכען זי האָט גאָרנישט געקענט לייענען. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— דיר וואָלט זיך געוויס שטאַרק העלן איצט אַוועקגעהן אין קור=פּאַרק אויפ'ן קאָנצערט?

זי האָט נאָר געשמייכעלט. דערנאָך האָט זי געענטפערט:

— נו, מיר דאַרפען נישט אַזוי געשווינד אָנהויבען צו הולטייעווען.

איהר שמייכעל האָט איהר געקרענקט.

— דו וואָלסט, ווייזט אויס, אין דער אמת'ן אימשטאַנד זיין, דאָס פון מיר צו פערלאַנגען?

— וואָס פאַלט דיר איין! — האָט זי דערשראָקען אַרויסגערעדט; גלייך אָבער האָט זי אומגעדרעהט דעם קאָפּ צו יענער זייט גאַס, וואו ס'איז נאָר וואָס דורכגעגאַנגען אַ שען=און עלעגאַנט פאָרפאָלק, וואָס האָט זיך געפונען, ווי ס'האָט אויסגעזעהן, אויף דער חתונה=רייזע, און געפיהרט אַ פרעהליכען שמועס. מאַריע איז געגאַנגען מיט פעליקס'ן, נישט געהמענדיג זיין אָרעם. אָפט האָט זיי דער לעבעדיגער מענשענשטראָם פונאַנדערגעשיידט אויף עטליכע סעקונדען, און דערנאָך האָט זי איהם ווידער געפונען, שפּאַרענדיג זיך האַרט ביי די ווענט פון די הייזער, און דערביי האָט מען אויף זיין געזיכט דייטליך געקענט איבערלייענען, אַז איהם איז נישט אַנגענעהם צו קומען אין אַ נעהנטערער בערירונג מיט די אַלע מענשען. דערווייל איז געוואָרען פינסטערער; די גאַסענלאַמטערנעס האָבען אָנגעהויבען ברענען, און אין עטליכע ערטער, בעזונדער ביי די טריאומפ=טויערן, זענען געוועזען אויסגעהאַנגען פאַרביגע לעמפּלעך. דער גרעסטער טייל פונ'ם מענשענשטראָם האָט זיך געצויגען אין דער ריכטונג צום פּאַרק, וואו ס'האָט זיך שוין געדאַרפט אָנהויבען באַלד דער קאָנצערט. אין אָנהויב זענען פעליקס מיט מאַריאַ'ן מיטגעצויגען געוואָרען מיט'ן שטראָם, דערנאָך אָבער האָט ער זי פלוצלונג אָנגענומען פאַר'ן האַנד, און זיך אָפּקעהרענדיג אין אַ שמאָלער הינטערגעסעל, זענען זיי באַלד אַריין אין דעם שטילען, און אויך נישט אַזוי העל בעלויכטענעם טייל פון שטאָדט. נאָך צוויי־דריי מינוטען געהן שווייגעדיגערהייד האָבען זיי זיך געפונען אין אַ גאַנץ אָפּגעזונדערטען, שטילען ווינקעל פון זאַלצאַך=ברעג, וואו ס'האָט זיך געהערט נאָר דאָס איינטאָניגע רוישען פון טייך.

— וואָס דאַרפען מיר דאָ? — האָט זי געפרעגט.

— רוהיגקייט — האט ער כמעט בעפעהלענדיג געזאגט.

און ווען זי האט אויף דעם גארנישט געענטפערט, האט ער ווייטער גערעדט מיט א טאן פון נערוועזער אויפגערייצטקייט:

— מיר האבען דארטען נישט וואס צו טאן. נישט פאר אונז זענען די פערשידענפארביגע לעמפלעך, די זינגענדע פרעהליכקייטען און די יונגע, פרעהליכע מענשען. דא איז אונזער ארט, וואו מ'הערט נישט קיין קלינגעריי, וואו מיר זענען איינזאם; דא געהערען מיר, — און דאן האט ער, איבערגעהענדיג פון דעם געפרעסטען טאן צו דעם טאן פון א גיפטיגען שמייכעל, צוגעגעבען: — ווענינגסטענס איך.

ווען ער האט דאס גערעדט, האט זי געפיהלט, אז די ווערטער מאכען נישט אויף איהר אזא שטארקען איינדריק, ווי אלע מאל. זי האט זיך דאס אבער ערקלערט: זי האט עס שוין א סך מאל געהערט פון איהם און דערצו נאך האט ער אזוי שטארק איבערטריעבען. — און זי האט איהם געענטפערט מיט א טאן פון פערגעבענדער מילדקייט:

— איך האב דאס נישט פערדיענט, ניין.

ער האט אויף דעם, ווי ס'איז שוין עטליכע מאל פארגעקומען, איראניש בעמערקט:

— ענטשולדיג.

זי האט ווייטער גערעדט, אננעהמענדיג איהם פאר א האנד און צודריקענדיג זי כמעט צו זיך:

— און מיר ביידע געהערען שוין נישט מעהר צו יענער וועלט.

— דו יא, — האט ער כמעט אויסגעשריען.

— ניין, — האט זי ווייך געענטפערט. — מיר ווילט זיך אויך נישט געהן צוריק אהין אין דעם מענשליכען טומעל. איך קען עס אויך נישט פערטראגען אזוי גוט, ווי דו. וואס'רע גרונד אבער האבען מיר צו אנטלויפען פון דארטין? וואס זענען מיר, פערשטויסענע, וואס?

אין דער מינוט האבען זיך אין דער שטילער, ריינער לופט דערהערט די טענער פון א פולען ארקעסטער. מ'האט געקענט הערען דייטליך יעדען טאן. דאס איז געוועזען די יום־טוב'דיגע אוווערטורע, מיט וועלכער ס'האט זיך געזאלט, מסתמא, אנהויבען דאס קאנצערט.

— קום, — האָט פּלוצלונג זיך אָפּגערופען פעליקס, נאָכדעם ווי ער איז אַ ווײַלע מיט איהר שטעהן געבליבען און האָט זיך אײַנגעהערט. — קײן זאַך אין דער וועלט מאַכט מיך נישט אַזוי טרויריג, ווי מוזיק פון דער ווײַטען.

— יאָ, — האָט זי אײַנגעשטימט, — עס קלינגט זעהר מעלאַנכאָליש.

זיי האָבען זיך שנעל געלאָזען געהן צום שטאָדט. דאָ האָט מען געהערט די מוזיק נישט אַזוי קלאָר, ווי בײַם ברעג פון טײַך, און ווען זיי זענען ווידער אַרויף אויף די בעלויכטענע גאַסען, האָט מאַריאַ געפיהלט, אַז אין איהר דערוועקט זיך צוריק די אַלטע צערטליכקײַט, דאָס אַלטע געפיהל פון מיטלײַד מיט דעם געליעבטען מענשען. זי האָט איהם ווידער פערשטאַנען און אַלץ מוחל געווען.

— מיר וועלן אפשר געהן אַהיים? — האָט זי געפרעגט.

— ניין, פאַרוואָס עפּעס? דו ביזט דען שלעפריג?

— אָה ניין.

— טאָ וועלן מיר בעסער זײַן נאָך אַביסל אויפ'ן פרײַען לופט, גוט?

— מיט פערגניגען... ווי דו ווילסט... אויב ס'איז נאָר נישט צו קיהל?

— ס'איז דאָך הײַנע, ס'איז היים זאָגאַר, — האָט ער נערוועז געענטפערט, — די ווייסט, מיר וועלן הײַנט עסען אָבענדברויט אין פאַרק.

— גוט.

זיי זענען צוגעגאַנגען צום פאַרק. דער אָרקעסטער האָט געענדיגט דעם ערשטען נומער, און איצט האָט זיך פון דעם העל־בעלויכטענעם פאַרק געהערט דאָס גערויש פון אַ פלוידערנדער, פרעהליכער מאַסע. צום פאַרק זענען צוגעגאַנגען נאָך עטליכע מענשען, וועלכע האָבען זיך געיאָגט אויפ'ן קאָנצערט, און צוויי פערשפּעטיגטע זינגער, זענען אויך זעהר האַסטיג דורכגעלאָפען פערבײַ זיי. מאַריאַ האָט זיי נאָכגעקוקט, באַלד אָבער האָט זי זיך געהאַפּט און נישט אָהן אַנגסט, אַזוי ווי זי וואָלט וועלן צוריק גוט מאַכען עפּעס אַ פערברעך, האָט זי אַ קוק געטאָן אויף פעליקס'ן. ער האָט זיך געביסען די ליפּען און אויף זײַן שטערן איז געלעגען אַ שלעכט בעהאַלטענער צאָרן. זי האָט געמיינט, אַז ער וועט

איהר איצט עפּעס זאָגען, ער האָט אָבער געשוויגען, און פון איהר האָט זיך זיין בעטריבטער בליק ווידער אָבגעווענדעט צו יענע צוויי יונגע לייט, וועלכע זענען נאָר וואָס פערשוואונדען געוואָרען הינטער דעם אַריינגאַנג פון פּאַרק. ער האָט געוואוסט, וואָס ער פיהלט. דאָ פאַר איהם איז איצט געגאַנגען דאָס, וואָס ער האָט ווי דעם טוידט: אַ שטיק דערפון, וואָס עס וועט נאָך דאָ זיין, ווען ער וועט שוין נישט זיין; עטוואָס אַזוינס, וואָס וועט נאָך יונג און לעבעדיג זיין און לאַכען דאַמאָלס, ווען ער וועט שוין נישט קענען לאַכען און וויינען. און אויך דאָ נעבען איהם, האַלטענדיג זיין אָרעם צוגעפּרעסט צו זיך נאָך שטאַרקער ווי פריהער, ווי וועלענדיג דערמיט פערגלעטען איהר אייגענע שולד, — אויך דאָ נעבען איהם איז געגאַנגען אַזאַ שטיק לאַכעדיגע, לעבעדיגע יוגענד, וואָס פיהלט אין זיך אונבעוואוסטזיניג די דאָזיגע פערוואַנדשאַפט. און ער האָט עס געוואוסט, און עס האָט געקאָכט אין איהם אַ ברענענדע פּיין. לאַנג האָבען זיי ביידע געשוויגען. ענדליך, האָט זיך פון זיין ברוסט אַרויסגעריסען אַ טיעפער זיפץ. זי האָט איהם געוואָלט אַ קוק טאָן אין געזיכט, ער האָט זיך אָבער אָבגעקעהרט אָן אַ זייט.

פּלוצלונג האָט ער זיך אָבגערופען:

— דאָ וועט זיין זעהר גוט.

זי האָט נישט פערשטאַנען אין אָנהויב, וואָס ער מיינט:

— וואָס?

זיי זענען געשטאַנען פאַר׳ן רעסטאָראַן פון פּאַרק; אונטער די בלעטעריגע צווייגען פון די הויכע בוימער זענען געשטאַנען טישלעך געדעקט מיט ווייסע טישטוכער און שוואַך בעלויכטען מיט קליינע לעמפּלעך. בענוצענדיג זיך דערמיט, וואָס די פּלעצער זענען איצט אַלע געווען נישט פערנומען, האָבען זיי זיך ענדליך אָבגעזוכט אַ בעקוועמען ווינקעל אין גאָרטען און זיך דאָרטין אַוועקגעזעצט. אינים גאַנצען רעסטאָראַן האָבען זיך איצט געפינען אַרום צוואַנציג פּערזאָן, און גאַנץ נאָהנט פון זיי איז געזעסען דאָס זעלביגע יונגע, עלעגאַנטע פּאָר, וועלכער זיי האָבען שוין היינט איינמאָל בעגעגענט. מאַריאַ האָט זיי גלייך דערקענט. אים פּאַרק אויבען האָט געזונגען דער כאָר. די שטימען זענען צוגעקומען צו זיי נישט בעזונדער הויך, אָבער דייטליך, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די בלעטער פון די

בוימער בעוועגען זיך אונטער דעם מעכטיגען שטראם פון די פרעהליכע טענער. פעליקס האט געהייסען געבען א גוטע פלאש וויין און איצט איז ער געזעסען מיט האלב-פערמאכטע ברעמען, האט געלאזען צוגעהן די קליינע ביסלעך וויין אויפ'ן צונג, און זיך אינגאנצען איבערגעגעבען דעם צויבער פון דער מוזיק, גאר נישט קלערנדיג וועגען דעם, פון וואנען זי קומט. מאריא איז געזעסען נאהנט צוגערוקט צו איהם, און ער האט געשפירט די ווארעמקייט פון איהרע קניע. נאך דער שרעקליכער אויפרעגונג פון די לעצטע מינוטען, האט איהם איצט ארומגענומען א מאדנע אנגענעהמע גלייכגילטיגקייט, און ער האט זיך געפרעהט דערמיט, וואס איהם האט זיך איינגעגעבען צו בעהערשען זיין ווילען און אזוי גלייכגילטיג צו ווערן. ווארום גלייך, ווי זיי האבען זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, האט ער ביי זיך פעסט בעשלאסען, זיין שטעכעדיגען וועהטאג צו בעהאלטען. ער איז געווען צו שוואך, אום גענוי צו אונטערזוכען, ווי גרויס ס'איז געווען דער אנטייל פון זיין ווילען אין דעם דאזיגען נצחון. איצט האבען איהם אבער נאך א סך איינפאלען געהאלפען זיך בערוהיגען: געוועהנליך, האט ער צוגעגעבען מאריא'ס בליק א בעדייטונג אביסל א ערגערע, ווי ער האט פערדיענט, און זי, קען זיין, וואלט אויף וועמען ס'איז אויך אזוי געקוקט; אט קוקט זי איצט אויף דעם אונבעקאנטען פאר-פאלק ביי דעם דערבייאיגען טישעל מיט דעם זעלביגען בליק, וואס פריהער אויף די זינגער.

דער וויין איז געווען גוט, די מוזיק האט געקלונגען, דער זומער-אבענד איז געווען פער'שכור'נד-מילד, און ווען פעליקס האט א קוק געטאן אויף מאריא'ן, האט ער אין איהרע אויגען געזעהען א שטראהלענדען שיין פון אונענדליכער גוטסקייט און ליעבע. און איהם האט זיך געוואלט פערזינקען מיט זיין גאנצען וועזען אין דער איבערלעבונג פון דעם איצטיגען מאמענט. ער האט געמאכט די לעצטע אנשטרענגונגען איבער זיין ווילען, אום זיך צו בעפרייען פון אלין, וואס געהער צו דער פערגאנגענהייט און צו דער צוקונפט. ער האט געוואלט גליקליך זיין אדער וועניגסטענס שכור. און פלוצלונג, גאר אונערווארטעט, האט איהם בעהערשט א נייעס געפיהל, וואס האט איהם געבראכט א אונגעוועהנליכע פרייד; אין דער מינוט איז איהם איינגעפאלען, אז איהם וואלט גארנישט שווער זיין איצט זיך צו נעהמען דאס לעבען. יא, געוויס, אט שוין,

גלייך. און דאָס ליגט דאָך שטענדיג ביי איהם אין די הענד; אַזאַ שטימונג, ווי די איצטיגע, וועט ער זיך שטענדיג קענען שאַפען: מוזיק און אַביסל שכור׳לעך, און אַזאַ וואַרעמע מעדעל ביי׳ם זייט... אַה, יאָ, דאָס איז — מאַריאַ... ער האָט אָנגעשטרענגט אַביסל זיינע געדאַנקען. אַנדערע אויף איהר אָרט וואָלט איהם אפשר איצט אויך אַזוי ליעב געווען. זי האָט אויך מיט אַ שטאַרקער צופריעדענהייט געטרונקען דעם וויין, און פעליקס׳ן איז אויסגעקומען צו בעשטעלען אַ נייע פלאַש. ער איז געווען אַזוי צופריעדען, ווי שוין אַ לאַנגע צייט נישט, און ער האָט זיך אַליין ערקלערט, אַז אי׳ם גרונד געקומען איז די דאָזיגע שטימונג נאָר אַ רעזולטאַט פונ׳ם ביסעל אַלקאָהאָל, וואָס ער האָט איצט אויסגעטרונקען מעהר, וויפיעל ער איז געוועהנט צו טרינקען. וואָס מאַכט עס אָבער אויס? ווען שכרות וואָלט איבערהויפּט נאָר געקאָנט שאַפען אַזאַ שטימונג! אין דער אמת׳ן, דער טוידט שרעקט איהם שוין איצט גאָרנישט. אַה, אַליך איז געווען אַזוי נאַרעש...

— נו וואָס, טייערע? — האָט ער זיך געווענדעט צו איהר.

זי האָט זיך צוגעבויגען צו איהם.

— וואָס ווילסטו וויסען?

— אַליך איז מאָדנע נאַרעש! ניין?

— יאָ, אַליך, — האָט זי געענטפערט, — אויסער דאָס, אַז איך האָב דיך ליעב און וועל דיך אייביג, אייביג ליעב האָבען.

איהם איז פאָרגעקומען זעהר וואונדערבאַר דער ערנסטער טאָן, מיט וועלכען זי האָט עס געזאָגט. איהר פערזענליכקייט האָט נישט געהאַט פאַר איהם כמעט קיין שום אינטערעסע. זי איז געווען ביי איהם צוזאַמענגעגאָסען מיט דעם אַלעם אַנדערן. יאָ, אַזוי איז עס גוט געווען, אַזוי מוז מען איבערהויפּט בעהאַנדלען די זאַכען. אַה ניין, ס׳איז נישט דער וויין, נישט דער וויין האָט עס איהם אַזוי פרעהליך געמאַכט, דער וויין נעהמט נאָר אַראָב פון אונז דאָס, וואָס מאַכט אונז שווער און שרעקענדיג; ער נעהמט אַראָב די וויכטיגקייט פון זאַכען און מענשען. אָט דאָ, איצט, אַ קליין ביסעל הייסען פּילווער.. אין גלאָז אַריינשיטען — ווי איינפאַך וואָלט דאָס זיין!... און דערביי האָט ער געשפירט, ווי אַ פּאָר טרערען קומען איהם אין די אויגען. ער האָט אויף זיך אַליין אַביסעל רחמנות געקריגען.

דער כאר אויבען איז שטיל געווארען. איצט האט מען געהערט פון דארטען די אפלאדיסמענטען און בראווא-פאטשעריען, דערנאך א טויבען ליארם, און באלד האט דאס ארקעסטער ווידער אנגעהויבען קלאפען מיט דער יום-טוב'דיגער פרעהליכקייט אלעבעדיג פאלאנעז. פעליקס האט צוגעקלאפט מיט'ן האנד צו'ם טאקט. אין קאפ האט איהם אבליץ געטהון דער געדאנק: „אה, דאס ביסעל לעבען נאך, לאמיך עס פערברענגען, ווי איך קאן“... און אין דער אידעע איז געלעגען נישט קיין שרעקליכעס און שוידערהאפטעס, נאר, פערקעהרט, עטוואס שטאלצעס, קעניגליכעס. ווי? מיט אנגסט ערווארטען דעם לעצטען אטעם-צוג, וועלכער שטעהט דאך פאר, אין דער אמת'ן יעדערען? פערגיפטען זיך די טעג און די נעכט מיט בעזע חלומות, דאן, ווען ער פיהלט ביי זיך טיעף אין הארצען, אז ער איז נאך געניג שטארק און קרעפטיג, אום צו געניסען פון אלע פערגעניגענס; ווען ער פיהלט, אז די מוזיק בעגייסטערט איהם, אז דער וויין שמעקט איהם אויסגעצייכענט און אז ער וואלט זעהר גערן געהמען אט דעם בליהענדען מיידעל אויפ'ן שויס און אויסגעקושט איהר יעדעס גליעד?... ניין, ס'איז נאך אביסעל צו פריה, זיך צו פערביטערען די שטימונג! און אויב די שעה וועט אנקומען, ווען ער וועט שוין נישט פעהיג זיין מעהר צו קיינע בעגייסטערונגען, ווען ער וועט שוין נישט האבען מעהר קיינע פערלאנגען, — א גיכער סוף מיט'ן איגענעם ווילען, שטאלץ און קעניגליך! ער האט גענומען מאריא'ס האנד און זי לאנג געהאלטען אין זיינער, פאמעליך ווארמענדיג זי מיט זיין אטעם.

— טייערער, — האט מאריא געפליסטערט מיט דעם אויסדריק פון גליק.

ער האט איהר בעטראכט מיט א לאנגען בליק. און שען איז זי געווען... שען!...

— קום — האט ער דאן געזאגט.

— לאמיר אפשר הערען נאך איין נומער? — האט זי מיט א אונגעצוואונגענעם טאן געפרעגט.

— א יא, — האט ער געזאגט. — מיר וועלען עפנען אונזער פענסטער און דער ווינט וועט אונז אריינברענגען דעם ליעד אין צימער.

— דו ביזט שוין מיעד? — האט זי עטוואס אונרוהיג געפרעגט.

ער האָט איהר צערטליך געגלעט די האָר און געלאַכט:

— יאָ.

— טאָ קום.

זיי זענען אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען פון גאָרטען. זי האָט גענומען זיין אָרעם, האָט זיך פעסט אָנגעהאַלטען אָן איהם און אָנגעשפּאַרט איהר באַק אָן זיין אַקסעל. זיי זענען געגאַנגען, און דער כאָר האָט זיי בעגלייט, קלינגענדיג אין דער לופט אַליין ווייטער און ווייטער. פרעהליך, איבערלוסטיג האָט געקלונגען דער מאָטיוו פון וואַלס, און אונטער זיינע טענער האָבען זיך געהויבען די פיס לייכטער און פרייער. זיי זענען צוגעקומען צום האָטעל אין אַ פּאָר מינוט, און ווען זיי זענען אַרויף אויף די טרעפּ האָט מען פון דער מוזיק גאָרנישט געהערט. ווי זיי זענען אָבער אַריין אין צימער, האָט זיי ווידער אַנטקעגען געשאַלט דער לעבעדיגער וואַלס־מאָטיוו מיט זיין גאַנצער אויסגעלאַסענקייט.

זיי האָבען געפונען די פענסטער אָפען איינגאַנצען, און די בלויע לבנה־נאַכט האָט זיך מיט ווייכע שטראָמען אַריינגעגאָסען אין צימער. געגענאיבער האָט זיך געזעהן דער מענכסבערג מיט די שאַרפע קאָנטורען פון שלאָס. מ'האָט נישט געדאַרפט אָנצינדען קיין פייער: איבער'ן פּאָדלאָגע האָט זיך געצויגען אַ ברייטער פּאַס פון זילבערנעם לבנה־גלאַנץ, און נאָר דיווינקלען פון צימער זענען געבליבען פינסטער. אין איינעם פון זיי, האַרט ביים פענסטער, איז געשטאַנען אַ לעהנשטוהל, פעליקס האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין איהם און מיטגעצויגען מאַריאַ'ן מיט זיך. ער האָט זי געקושט און זי האָט איהם אָבגעקושט צוריק. אים פּאַרק אויבען האָט זיך דאָס ליעד געענדיגט, די אַפּלאָדיסמענטען האָבען זיך אָבער געצויגען אַזוי לאַנג, אַז מ'האָט עס געמוזט נאָכאַמאָל פון אָנהויב איבער־זינגען. פּלוצלונג האָט זיך מאַריאַ אַ הויב געטהון און איז צוגע־לאָפען צום פענסטער.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט פעליקס געפרעגט.

— ניין, ניין!...

ער האָט געטופּעט מיט די פיס אָן דר'ערד.

— פאַרוואָס — ניין?

— פעליקס! — זי האָט בעטענדיג צוזאַמענגעלעגט די הענד.

— ניין? — האָט ער געפרעגט מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ציה=

נער, — ניין? איך זאָל מיך בעסער, הייסט עס, אַנשטענדיג פאַר־בערייטען צו'ם טוידט?

— אָ, פעליקס! — און אין דער מינוט איז זי שוין געלעגען פאַר איהם און האָט זיינע קניע איינגעשלאָסען.

ער האָט זי צוגעצויגען צו זיך.

— דו ביזט נאָך אַ קינד, — האָט ער געפליסטערט, דער־נאָך האָט ער איהר אין אויער אַריינגערוימט: איך האָב דיך ליעב, דו ווייסט עס? און מיר וועלען גליקליך זיין אַזוי לאַנג, ביז דאָס ביסעל לעבען וועט זיך ציהען. איך זאָג זיך אָב פון אַ גאַנץ יאָהר לעבען אין אַנגסט און פיין, — איך וויל בעסער אַ פּאָר וואָכען, אַ פּאָר טעג און נעכט. די פּאָר טעג וועל איך אָבער לעבען, איך וויל מיר קיין זאַך נישט אָבזאָגען, קיין זאַך נישט, און דערנאָך — דאָ אַראָב, אויב דו ווילסט, — און אַרומנעהמענדיג איהר מיט איין האַנד, האָט ער מיט דער צווייטער אָנגעוויזען אַהין, וואו ס'האָט זיך געצויגען דער טייך. די זינגער האָבען זייער ליעד געענדיגט, און מ'האָט געקאָנט איצט הערען דעם שטילען גערויש פון וואַסער.

מאַריאַ האָט גאָרנישט געענטפערט. זי האָט מיט בײדע הענד פעסט אַרומגענומען זיין האַלז. פעליקס האָט געטרונקען דעם אַראָמאַט פון איהרע האָר. ווי האָט ער עס איהר פערגעטערט! יאָ, נאָך אַ פּאָר טעג גליק און דערנאָך—

---

אַרום איז אַלץ שטיל געוואָרען, און מאַריאַ איז געשלאָפען איהם ביי זייט. דאָס קאָנצערט האָט זיך שוין לאַנג געענדיגט, און אונטער'ן פענסטער האָט זיך אַלע מאָל געהערט אַ הויכער שמועס און אַ געלעכטער — דאָס האָבען זיך אומגעקעהרט אַהיים די לעצטע אַנטיילנעהמער פון דעם יום־טוב. און פעליקס האָט געטראַכט, ווי מאָדנע דאָס איז, וואָס די דאָזיגע פרעהליכע מענשען, זענען אפשר די זעלביגע, וועלכע האָבען מיט זייער זינגען גע־מאַכט אויף איהם אַזאַ שטאַרקען איינדריק. ענדליך, איז אויך דער לעצטער קול אַנטשוויגען געוואָרען, און איצט האָט ער געהערט נאָר דאָס קלאָגענדע רוישען פון וואַסער. — יאָ, נאָך אַ פּאָר טעג און נעכט און דערנאָך — זי האָט דאָך אַזוי ליעב געהאַט דאָס לעבען! וועט זי עס וואַגען? זי דאַרף אָבער גאָרנישט אָנהויבען צו וואַגען, זי דאַרף פון קיין זאַך נישט וויסען. ווען ס'איז וועט זי

אײַנשלאָפען אין זײַנע אָרעמס, אַזוי ווי איצט — און זיך שוין מעהר נישט אויפהאַפּען. און ווען ער וועט שוין אין דעם גאַנץ זיכער זײַן, — יאָ, דאַמאָלס, קאָן ער אויך אַוועקגעהן. ער וועט איהר אָבער גאָרנישט זאָגען: צו־ליעב האָט זי דאָס לעבען! זי וועט זיך אָנהויבען שרעקען פאַר איהם, און ער וועט מוזען אַם ענדע אַליין... אָ שרעקליך! דאָס בעסטע וואָלט זײַן אָט איצט גלײַך — — זי שלאָפט אַזוי געשמאַק! איין פּעסטער דריק דאָ בײַ'ם האַלז, און ס'איז פערטיג. ניין, דאָס וואָלט זײַן נאַרעש! איהם שטעהען נאָך פאָר אַ סך גליקליכע שעה'ען; ער וועט שוין וויסען, וועלכע ס'איז די לעצטע. ער האָט בעטראַכט מאַריאַ'ן, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער האַלט זײַן שלאָפענדער שקלאַפין אין די אָרעמס. —

דער ענטשלוס, בײַ וועלכען ער איז ענדליך געבליעבען, האָט איהם בערוהיגט. אַ גיפטיגעס שמייכעלע האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אויף זײַנע ליפּען, ווען ער האָט אין עטליכע טעג אַרום אַרומגע־שפּאַציערט מיט מאַריאַ'ן איבער די גאַסען און בעמערקט, אַז וועלכער ס'איז מאַנספּערזאָן קוקט אויף איהר מיט בעוואונדערונג. און ווען זיי זענען צוזאַמען געפאָהרען שפּאַצירען, ווען זיי זענען געזעסען פאַרנאַכט אין גאָרטען, און בײַנאַכט, ווען ער האָט זי געהאַלטען אַרומגענומען, — האָט ער איבערגעלעבט אַ בעזונדער שטאָלצען געפיהל פון בעזיצען, אַזעלכען, וועלכען ער האָט נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט. נאָר איין זאַך האָט איהם אָפט געשטערט: דאָס, וואָס זי וויל 'נישט געהן מיט איהם פרייוויליג. ער האָט אָבער געהאַט בעווייזען אויף דעם, אַז דאָס וועט איהם אויך געלינגען. זי האָט שוין נישט געוואַגט, זיך אַנטקעגענצושטעלען זײַנע שטור־מישע בעגעהרונגען און בעגעהרען, זי איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי טרוימעריש איבערגעגעבען, ווי אין די לעצטע נעכט, און מיט אַ ציטערדיגער פרייד האָט ער געזעהן אָנקומענדיג יענעם מאָמענט, ווען ער וועט זיך ענטשליסען איהר צו זאָגען: „הײַנט שטאַרבען מיר". ער האָט אָבער דעם מאָמענט כסדר אָבגעלעגט. אַמאָל האָט ער זיך פאָרגעשטעלט די ראָמאַנטישע אײַנצעלהײַטען פון יענער מינוט: ווי ער זעצט איהר אַרײַן דעם מעסער אין האַרצען, און ווי זי, אַרויסלאָזענדיג דעם לעצטען אָטעם־צוג, וועט קושען זײַן געליעבטע האַנד. ער האָט זיך אַלע מאָל געפרעגט, צי זי איז שוין גרייט דערצו. ער האָט אָבער געמוזט צווייפלען אין דעם.

אײנמאָל אין דער פריה, ווען מאַריאַ האָט זיך אויפגעהאַפּט, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקען: פעליקס איז נישט געווען — נעבען איהר. זי האָט זיך אויפגעהויבען אויפ'ן בעט, און ערשט דאַן האָט זי איהם געזעהן זיצענדיג אין לעהנשטוהל בײַ'ם פענסטער, טויט בלאַס, דעם קאָפּ אַראָבגעזונקען און דאָס העמד איבער דער ברוסט אָפען. דורכגענומען מיט אַ שוידערנדער אַנגסט האָט זי זיך אַ וואָרף געטהון צו איהם מיט אַ געשריי:

— פעליקס!

ער האָט אויפגעמאַכט די אויגען.

— וואָס? ווי?

ער האָט זיך אַ האַפּ געטהון בײַ'ם ברוסט און געזיפצט.

— פאַרוואָס האָסטו מיך נישט אויפגעוועקט? — האָט זי אויסגעשריען מיט פערבראָכענע הענד.

— איצט איז מיר בעסער, — האָט ער געזאָגט.

זי איז צוגעלאָפען צו'ם בעט, האָט אַ האַפּ געטהון די דעקע און אַוועקגעלעגט זי איהם איבער די קניע.

— זאָג מיר, אום גאָטעס ווילען, ווי אַזוי קומסטו אַהער?

— איך ווייס נישט... מסתמא אין שלאָף. אימיצער האָט מיך אָנגענומען פאַר'ן האַלז. איך האָב נישט געקאָנט אָטעמען. איך האָב גאָרנישט געטראַכט וועגען דיך. דאָ, בײַ'ם פענסטער, איז געוואָרען בעסער.

מאַריאַ האָט שנעל אַרויפגעהאַפּט אויף זיך אַ קלייד און פערמאַכט דעם פענסטער. ס'האָט געבלאָזען אַ אונאַנגענעהמער ווינט, און איצט האָט אָנגעהויבען צו קאַפּען פון גרויען הימעל אַ פײַנער רעגען, וועלכער האָט אַרײַנגעיאָגט אין צימער אַ פײַכטע לופט. דאָס צימער האָט דערײַבער גלײַך פערלאָרען די גאַנצע בעקוועמליכקײַט פון דער זומער-נאַכט און איז געוואָרען גרוי און פרעמד. מיט איין מאָל האָט זיך אַ ווײַז געטהון אַ אומעטיגער הערבסט-פריהמאָרגען, און האָט פערטריבען דעם גאַנצען צויבער, וועלכען זיי האָבען זיך דאָ געהאַט איבערגעגעבען.

פעליקס איז געווען פאָלקאָם רוהיג.

— פאַרוואָס שטעלסטו אָן אַזעלכע דערשראָקענע אויגען? וואָס איז דאָ אַזוי? בייזע חלומות האָב איך אין געזונטע טעג אויך געהאַט.

זי האט זיך נישט געלאזען בערוהיגען.

— איך בעט דיך, פעליקס, לאמיר פאהרען צוריק, לאמיר פאהרען קיין ווין.

— אבער...

— דער זומער איז דאך שוין סיי־ווי־סיי אריבער. זעה נאר, ס'רא אומעט, ס'רא עלענדקייט! ס'וועט ווערען קאלט, און דאס איז געפעהרליך אויך.

ער האט איהר אויפמערקזאם אויסגעהערט. צו זיין איינגענער ערשטיינונג האט איהם גראדע איצט בעהערשט א בעזונדער אנגענעהמעס געפיהל, עהנליך צו דער מידקייט פון א מענשען, וואס האלט אין געזונד ווערען. דער אטעם איז איהם לייכט געווען, און אין דער שוואכקייט, וואס האט איהם ארומגענומען, איז געלעגען עטוואס זיסעס, איינשלעפערנדעס. דאס, אז זיי דארפען אוועקפאהרען פון דאנען, האט פאלקאם געשטימט מיט זיין פערלאנג. דער געדאנק וועגען דער ענדערונג פון ארט, האט נאך, פערקעהרט, געהאט אין זיך א סך סימפאטישעס פאר איהם. איהם איז זעהר אנגענעהם געווען, צו ליעגען אינ'ם קיהלען רעגען־טאג אין קופע, דעם קאפ אנגעשפארט אן מאריא'ס ברוסט.

— גוט, — האט ער געזאגט, — מיר פאהרען אוועק.

— היינט נאך?

— , היינט נאך. אויב דו ווילסט, וועלען מיר פאהרען מיט דעם נאכמיטאגס־שנעל־צוג.

— דו וועסט אבער נישט מיעד זיין?

— אה, וואס פעלט דיר איין! איז דען דאס פאהרען אזוי אנשטרענגענד!? ווי? און דערצו וועסטו דאך אויך זעהען מיך פער־זארגען מיט אלעם נויטיגען, ניין?

---

זי איז געווען אונענדליך צופריעדען דערפון, וואס זי האט איהם אזוי לייכט איבערגערעדט צום פאהרען. גלייך האט זי אנגעהויבען אליך צו צוגרייטען צו דער רייזע, האט בעצאהלט דעם רעכנונג, בעשטעלט א עקיפאזש און געלאזען אויף די באהן צוגרייטען פאר זיי א בעזונדער קופע. פעליקס האט זיך באלד אנגעטהון, ער איז אבער נישט ארויסגעגאנגען פון צימער און געלעגען דעם גאנצען פארמיטאג אויפ'ן דיואן. ער האט זיך איינגעקוקט, ווי

מאַריאַ איז אַרומגעלאָפען בעשעפטיגט איבער'ן צימער אַהין און אַהער, און געשמייכעלט צו זיך. אַממעהרסטען אָבער האָט ער געדרעמעלט. ער איז געווען אַזוי מיעד, אַזוי מיעד, און אַ קוקשווענדיג אויף איהר, האָט איהם אינערליך אַ סך פערגניגען פערשאַפט דער געדאַנק, אַז זי וועט בלייבען מיט איהם, אומעטום, און האַלבשלאָפענדיג האָט ער געה'לומ'ט וועגען דעם, ווי זיי וועלען צוזאַמען רוהען, צוזאַמען טוידט זיין. „באַלד, באַלד“, — האָט ער געטראַכט. און אין דער אמת'ן איז עס איהם נאָך קיינמאָל אַזוי ווייט נישט פאָרגעקומען.

און ריכטיג אַזוי, ווי ער האָט זיך עס אין דער פריה פאָרגעשטעלט, איז פעליקס איצט, נאָכמיטאָג, געלעגען אי'ם קופּע פון צוג, בעקוועם אין דער לענג אויסגעצויגען, דעם קאָפּ אָן מאַריאַ'ס ברוסט אָנגעשפאַרט און איינגעוויקעלט אין פלעד. דורך די פערמאַכטע פענסטער האָט ער אַרויסגעקוקט אי'ם גרויען טאָג, געזעהן, ווי ס'קאַפּעט דער רעגען און פערזונקען זיין בליק אי'ם נעבעל, פון וועלכען ס'האָבען זיך פון צייט צו צייט אַרויסגעזעהן בערגלעך און הייזער. פערביי זיי זענען געפלויגען די טעלעגראַפען־סלופּעס, און די דראָטהען האָבען געטאַנצט אַרויף און אַראָב; אַלע מאָל האָט זיך דער צוג אָבגעשטעלט אויף אַ קליינער סטאַנציע, אין זיין פּאַוזע אָבער, ווי ער איז געלעגען, האָט פעליקס די מענשען, וועלכע האָבען אַרומגעשפּאַצירט איבער'ן וואָקזאַל־פּלאַץ, נישט געקאָנט זעהן. ער האָט נאָר געהערט טויבע טריט, שטימען און דערנאָך אַ קלונג מיט אַ פייף. אין אָנהויב האָט איהם מאַריע פאָרגעליינט די צייטונג, זי האָט אָבער איהר שטימע געמוזט צופיעל אָנשטרענגען, און באַלד האָבען זיי עס אויפגעהערט. ביידע זענען געווען פרעהליך, צופריעדען דערפון, וואָס זיי פאָהרען אַהיים.

ס'איז געוואָרען פאַרנאַכט, און דער רעגען האָט נאָך אַלץ געקאַפּעט. פעליקס האָט געפיהלט דאָס בעדערפניש צו טראַכטען וועגען עפּעס, זיינע געדאַנקען אָבער זענען אַזוי ווי צושוואָמען געוואָרען, און איהם האָט זיך נישט איינגעגעבען, זיך אָבצושטעלען אויף איין זאַך. ער האָט געטראַכט: אָט ליגט דאָ אַ שווער קראַנקער מענש... ער איז געווען ביז אַהער אין די בערג, ווייל די שווער־קראַנקע מענשען פאָהרען דאָרטען זומער... און דאָ איז זיין געליעבטע... זי האָט איהם טריי געפלעגט און איצט איז

זי מיעד דערפון... זי זעהט אויס אזוי בלאס, און אפשר מאכט דאס נאר די בעלייכטונג?... אח יא, אויבען ברענט שוין דער לאמפּ. אבער אין דרויסען איז נאך נישט גאנץ פינסטער... און איצט קומט דער הערבסט... דער הערבסט איז אזוי טרויריג און שטיל... היינט אין אבענד וועלען מיר ווידער זיין אין וויען, אין אונזער צימער... דארט וועט זיך מיר דאכטען, אז איך בין גאר קיינמאל פון דארטען נישט אוועקגעפאהרען... אח, ווי גוט ס'איז, וואס מאריא שלאפט, איך וואלט איצט נישט וועלען הערען איהר שטימע... איז דא פערהאן אין צוג עפּעס נאך ווער פון דעם זינגער־יום־טוב?... איך בין נאר מיעד, איך בין גארנישט קראנק... אין צוג זענען פערהאן א סך געפעהרליכערע קראנקע, פון מיר... אח, ווי גוט ס'איז איינזאם צו זיין... ווי מאדנע האב איך היינט פערבראכט דעם גאנצען טאג!... איז עס דען ווירקליך היינט געוועזען, ווען איך בין עס אין זאלצבורג געלעגען אויפ'ן דיוואן?... דאס איז שוין אזוי לאנג... יא, צייט און ארט, וואס ווייסען מיר דערפון?... דאס רעטעניש פון דער וועלט, — ווען מיר שטארבען, לעזען מיר עס אפשר... און איצט האט איהם געקלונגען עפּעס א מעלאדיע אין אויער. ער האט געוואוסט, אז דאס איז געוועזען נאר דאס גערויש פונ'ם פאהרענדען צוג... און דאך איז עס געוועזען א מעלאדיע... א פאלקסליעד... א רוסישעס... איינטאניג... זעהר שען.

— פעליקס, פעליקס!

— וואס איז?

מאריא איז געשטאנען פאר איהם און געגלעט איהם די באקען.

— דו ביזט גוט געשלאפען, פעליקס?

— וואס אזוינס איז פארגעקומען?

— אין א פיערטעל שעה ארום וועלען מיר זיין אין וויען.

— אח, ס'קאן נישט זיין.

— דאס איז געוועזען א געזונדטער שלאף; ער וועט דיר שטארקען.

זי האט צוזאמענגענומען די זאכען און דער צוג איז געלאפען אלץ ווייטער, ווייטער דורך דער בייננאכטיגער פינסטערניש. פון מינוט צו מינוט האט זיך געהערט א שארפער, אויסגעצויגענער פייף, און דורך די שויבען האבען פון דרויסען שנעל פערביינגעבליצט פינקלענדע פייערלעך. זיי זענען שוין געוועזען נאהנט פון וויען.

פעליקס האָט זיך אַניִדערגעזעצט.

— איך בין זעהר מיִעד פון ליִעגען אַזוי לאַנג, — האָט ער געזאָגט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין ווינקעל און אַרויסגעקוקט הינטער'ן פענסטער. פון דער ווייטען האָבען זיך שוין געזעהען די בליִשצענדע גאַסען פון שטאָדט. דער צוג איז געפאָהרען לאַנגזאַמער. מאַריע האָט אויפגעעפענט דעם פענסטער פון קופע און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. דער צוג איז צוגעפאָהרען צו'ם וואָקזאַל.

— ער איז דאָ, ער איז דאָ!

— ווער?

— אַלפרעד!

— אַלפרעד?

זי האָט נאָך אַלץ געוואונקען מיט'ן האַנד. פעליקס איז אויפגעשטאַנען און געקוקט אין פענסטער איבער איהרע אַקסלען. אַלפרעד איז שנעל צוגעלאָפען צו'ם קופע און אַרויסגערלאַנגט מאַריא'ן די האַנד.

— וואָס מאַכט איהר! פעליקס, סערוואוס!

— ווי קומסטו אַהער?

— איך האָב זיי טעלעגראַפירט, — האָט מאַריע שנעל געזאָגט, — אַז מיר קומען אָן.

— דו ביזט מיר שוין איין מאָל אַ אַרענטליכער מענש, — האָט אַלפרעד בעמערקט, — ס'איז נישט דאָ וועגען דיר וואָס צו רעדען. שרייבען אַ בריעף איז פאַר דיר, ווייזט אויס, אַ אונבעקאַנטע ערפינדונג. נו, קום-שוין!

— איך בין אַזוי פיעל געשלאָפען, — האָט פעליקס געזאָגט, — אַז איך קאָן נאָך איצט אויך נישט אינגאַנצען צו זיך קומען.

ער האָט געשמייכעלט, אַראָבגעהענדיג אויף די טרעפּלעך פון וואַגאָן און זיך וואַקלענדיג עטוואָס.

אַלפרעד האָט איהם גענומען אונטער'ן אָרעם, און מאַריא, ווי וועלענדיג זיך אָנהענגען, האָט שנעל אָנגענומען זיין אַנדערן אָרעם.

— איהר מוזט מסתמא ביידע גענוג מיִעד זיין, וואָס?

— איך בין אינגאַנצען אַ דערשלאָגענע; — האָט מאַריא געזאָגט. נאָך אַזאַ מין אייזענבאַהן-רייזע פיהלט מען זיך, ווי נאָך אַ שווערער אָבקומעניש, ניין, פעליקס?

זיי זענען פאמעליך אראבגעגאנגען פון די טרעפלעך. מאריא האט געזוכט אלפרעד'ס בליק, ער האט אבער איהרען אויסגעמיידען. אונטען האט ער צוגערופען א עקיפאזש.

— איך פרעה מיך אזוי, וואס איך זעה דיך, ליעבער פעליקס, — האט ער דאן געזאגט. — מארגען אין דער פריה קום איך צו דיר און מיר וועלען אביסעל לענגער פלוידערן.

— איך בין נאך אלץ פערשלאפען, — האט פעליקס נאכאמאל איבערגע'חזר'ט.

אלפרעד האט איהם געוואלט העלפען זיך אריינזעצען אין עקיפאזש.

— אה, אזוי שלעכט האלט עס נאך נישט, א ניין!

ער איז אליין אריין אין עקיפאזש און האט דערלאנגט מאריא'ן די האנד.

— נו, דו זעהסט?

מאריא איז אויך אריינגעשטיגען.

— אלזא, אויפ'ס ווידערזעהן מארגען פריה, — האט זי געזאגט, ארויסדערלאנגענדיג אלפרעד'ן די האנד צום אבשייד; און איהר פרעגענדען בליק איז געלעגען אזוי פיעל אנגסט, אז אלפרעד האט זיך כמעט געצוואונגען א שמייכעל צו טהון.

— יא, מארגען פריה, איך וועל פריהשטיקען מיט אייך! — האט ער אויסגעשריען.

דער עקיפאזש האט זיך גערירט. אלפרעד איז נאך עטליכע סעקונדען געשטאנען און אויף זיין געזיכט איז געלעגען אויסגעגאסען א טיעפע ערנסטקייט.

— מיין ארעמער פריינד! — האט ער געפליסטערט אין דער שטיל צו זיך אליין.

---

אויף צומארגענס איז אלפרעד געקומען זעהר פריה, און מאריא האט איהם עמפפאנגען ביי'ם טהיר.

— איך מוז מיט אייך רעדען, — האט זי געזאגט.

— לאזט מיך בעסער צו צו איהם. ווען איך וועל איהם שוין האבען אונטערזוכט, וועט אלץ, וואס מיר וועלען האבען צו רעדען, מעהר זיין האבען.

— איך וויל אייך נאר איין זאך בעטען, אלפרעד! איך

בעט אייך: ווי איהר זאָלט איהם נישט געפינען, — זאָגט איהם קיין זאַך נישט!

— וואָס פאַלט אייך עפּעס איין! איך גלויב גאָרנישט, עס זאָל אַזוי שלעכט זיין. ער שלאָפט נאָך?

— ניין, ער איז אויף.

— ווי האָט ער פערבראַכט די נאַכט?

— ביז פיער אין דערפריה איז ער גוט געשלאָפען, דערנאָך איז ער אַביסעל אונרוהיג געוואָרען.

— לאָזט מיך פריהער אַליין אַריין צו איהם. איהר מוזט זעהן צוגעבען אָט דעם קליינעם, בלאַסען פּנים'ל אַביסעל מעהר רוהיג-קייט. אַזוי, ווי איהר זעהט איצט, דאַרפט איהר צו איהם נישט אַריינגעהן.

ער האָט איהר שמייכלענדיג געדריקט די האַנד און איז אַליין אַריין אין'ס שלאָפצימער.

פעליקס האָט זיך איינגעוויקעלט אין דער דעקע ביז די אויערן און געשאָקעלט צו זיין פריינד מיט'ן קאָפּ. דער האָט זיך געזעצט ביי איהם אויפ'ן בעט.

— נו, אָט זעהען מיר זיך ווידער גליקליך אין דערהיים. — האָט ער געזאָגט. — דו האָסט דיך גלענצענד ערהאָלט, און דיין מעלאַנכאָליע, ווי איך גלויב, אָפּגעשטעלט אין די בערג.

— אָ יאָ! — האָט פעליקס געענטפערט, נישט ענדערענדיג דעם אויסדריק פון געזיכט.

— זעץ דיך אַביסעל אַ ניעדער. אַזעלכע פריהע וויזיטען מאַך איך אויסשליסליך נאָר אַלס דאָקטאָר.

— ביטע, — האָט פעליקס געזאָגט גאַנץ גלייכגילטיג.

אַלפרעד האָט דעם קראַנקען אונטערזוכט, געשטעלט איהם עטליכע פראַגען, אויף וועלכע יענער האָט קורץ געענטפערט, און ענדליך געזאָגט:

— נו, יעדענפאַלס קענען מיר צופריעדען זיין.

— הער שוין אויף אַמאָל, מיך צו פיהרען פאַר'ן נאָז, — האָט פעליקס מיט פערדרוס געענטפערט.

— הער דו בעסער אויף זיך נאַרעש מאַכען. מיר דאַרפען זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל די זאַך קלאָר מאַכען. דו מוזט וועלען געזונד ווערען, און נישט אונטערגעבען זיך דעם שפּיעל פון שיקזאַל.

דערפון קומט דיר קיין געזונד נישט צו.

— וואס אלזא האב איך צו טהון?

— פאר אלעמען מוזטו א פאר טעג ליגען אי'ם בעט, פערשטאנען?

— איך האב סיי ווי סיי קיין לוסט נישט אויפצושטעהן.

— איז נאך בעסער.

פעליקס איז געווארען לעבהאפטער.

— איין זאך נאר וואלט איך וועלען וויסען. וואס עס איז אייגענטליך נעכטען געוועזען מיט מיר. איך מיין אהן שפאס, אלפרעד, דו מוזט עס מיר ערקלערען. עפעס האב איך מיר געפיהלט, ווי אין א טויבען חלום, אי ווען איך בין אין וואגאן געזעסען, אי ווען איך בין געקומען, אי ווען איך האב מיך געלעגט—

— וואס איז דא פערהאן צו ערקלערען? קיין ריעז בינסטו דאך נישט. דאס זעלבע קומט פאר מיט יעדען מענשען, ווען ער איז זעהר מיעד.

— ניין אלפרעד. אזא שוואכקייט, ווי די, וואס איז מיר בעפאלען נעכטען, איז פאר מיר א גאנץ נייע ערשיינונג. היינט בין איך אויך נאך מיעד. דער פערשטאנד מיינער איז אבער קלאר. נעכטען איז עס זאגאר גארנישט אזוי שלעכט געוועזען, די ערשיינונג אבער וועגען דעם איז פאר מיר שרעקליך. ווען איך דערמאהן מיך איצט וועגען דעם, אז עס קאן אזוינס מיט מיר נאכאמאל פארקומען —

אין דער מינוט איז מאריא אריין אין צימער.

— דו קאנסט דאנקען אלפרעד'ן, — האט זיך פעליקס אבגערופען צו איהר. — ער האט דיך געקרוינט מיט דעם טיטול קראנקען-ווארטארין. איך מוז בלייבען פון היינט אן בלייבען ליגען און אט האב איך די עהרע, דיך צו בעקאנען מיט מיין טוידטענבעט.

מאריא'ס געזיכט האט זיך פערקרימט פון שרעק.

— לאזט זיך פון דעם נאר דעם קאפ נישט פערדרעהען. — האט אלפרעד געזאגט. — ער דארף עטליכע טאג ליגען אין בעט, און איהר וועט אזוי גוט זיין אכטונג געבען אויף איהם.

— אה, דו קאנסט, אלפרעד, גאר קיין אהנונג נישט האבען דערפון, — האט פעליקס אויסגערופען מיט איראנירענדער בעגייסטע-

רונג, — וואָס'רע מלאך איך האָב ביי'ם זייט!

אַלפרעד האָט געגעבען מאַריאַ'ן וויטערדיגע אָנווייזונגען וועגען דעם, ווי אַרומצוגעהן אַרום קראַנקען, דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו פעליקס'ן:

— איך ערקלער דיר, מיין ליעבער פעליקס, אַז מיין באַזוך אַלס דאָקטאָר וועל איך דיר מאַכען נאָר יעדען צווייטען טאָג. מעהר אָפטע באַזוכען זענען נישט נויטיג. אינ'ם אַנדערן טאָג וועט וועגען דיין קראַנקהייט קיין איין וואָרט נישט גערעדט ווערען. אויב איך וועל קומען אַלע טאָג, וועט עס נאָר זיין, אום צו פּלוידערען מיט דיר, ווי איך בין געוואָהנט.

— אַ גאָט מיינער! — האָט פעליקס אויסגעשריגען, — וואָס'רע גרויסער פּסיכאָלאָג דער מענש איז. האַלט דיר בעסער די דאָזיגע נאַרעשקייטען פאַר דיינע אַנדערע פּאַציענטען, באַזונדער פאַר די גאַנץ פּרימיטיווע.

— מיין ליעבער פעליקס, איך רעד צו דיר, ווי אַ מאַנסביל צו אַ מאַנסביל; הער מיך האָטש איינמאָל אויס. ס'איז אמת, דו ביזט קראַנק. ס'איז אָבער דאָס אויך אמת, אַז אי'ם פאַל, אויב מ'וועט דיך גוט פּפלעגען, וועסטו געזונד ווערען. דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב דיר צו זאָגען.

מיט די ווערטער איז ער אויפגעשטאַנען.

פעליקס האָט איהם נאָכגעקוקט מיט אַ אונצוטרוילּיכען בליק.

— מ'וואָלט איהם שוין געקאָנט באַלד גלויבען.

— דאָס איז דיין זאַך, ליעבער פעליקס, — האָט דער דאָקטאָר קורץ געענטפערט.

— נו, אַלפרעד, איצט האָסטו צוריק אַלץ קאַליע געמאַכט, — האָט געזאָגט דער קראַנקער. — אָט דער גראָבער טאָן אין דער באַציהונג צו אַ שווער קראַנקען, איז אַנ'אַלטער, באַקאַנטער שווינדעל.

— אויפ'ס ווידערזעהן מאָרגען, — האָט אַלפרעד געזאָגט, און זיך צוגעווענדעט צו'ם טהיר. מאַריאַ איז איהם נאָכגעגאַנגען, האָט איהם געוואָלט אַרויסבעגלייטען; פעליקס אָבער האָט באַפעהלעריש געפּליסטערט:

— געה נישט! און זי האָט פערמאַכט די טהיר הינטער דעם אַוועקגעהענדען.

— קום אַהער צו מיר, קליינע! — האָט פעליקס געזאָגט,

נאָכדעם ווי זי, אַרויסבּרענגענדיג אַ שמייכעל אויף איהר געזיכט, האָט זיך געקליעבען אַוועקצוזעצען נעהען.

— אָט אַהער, אַזוי. דו בּיזט אַ וואויל, זעהר וואויל מעדעל.

די דאָזיגע צערטליכע ווערטער האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ האַרבּען, שאַרפען טאָן.

---

אין די קומענדיגע טעג איז מאַריאַ נישט אָבּגעטראָטען פון זיין בּעט און איז געווען פול מיט גוטסקייט און איבּערגעגעבּענקייט; דערבּיי איז איהר גאַנצעס וועזען געווען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ רוהיגקייט און מונטערקייט, וואָס האָט זעהר גוט געדאַרפט ווירקען אויפ'ן קראַנקען און האָט טאַקע אָפט ווירקליך גוט געווירקט אויף איהם. אַ סך מאָל אָבּער האָט איהם גערייצט די מילדע פרעהליכקייט, מיט וועלכער מאַריאַ האָט איהם געוואָלט אַרומנעהמען, און ווען זי האָט אָנגעהויבּען צו פּלוידערן וועגען וועלכער ס'איז נייעס, וואָס זי האָט איצט אָקאָרשט געלייענט אין צייטונג, וועגען זיין בּעסערען אויסזעהן, אָדער וועגען דעם, ווי זיי וועלען זיך איצט איינאָרדנען זייער לעבּען, ווען ער וועט אינגאַנצען געזונד ווערען, — האָט ער זי איבּערגעשלאָגען אין מיטען און געבּעטען, זי זאָל רחמנות האָבּען אויף איהם און אויפהערען. אַלפרעד איז געקומען אַלע טאָג, אָפט אויך צוויי מאָל אַ טאָג, ווי ס'האָט אויסגעזעהן, האָט איהם אָבּער גאַנץ ווייניג געקימערט דער קערפּערליכער צושטאַנד פון זיין פריינד. ער האָט גערעדט פון געמיינזאַמע בּעקאַנטע, דערצעהלט מעשיות פון שפּיטאָל און זיך זאָגאַר אַריינגעלאָזען אין ליטעראַרישע און קינסטלערישע געשפּרעכען; ער פלעגט אָבּער די דאָזיגע שמועסען זיינע אַזוי קונציג אַוועקשטעלען, אַז פעליקס'ן פלעגט נישט אויסקומען צו פיעל צו רעדען דערבּיי. בּיידע, די געליעבּטע און דער פריינד, האָבּען זיך געהאַלטען אַזוי נישט געצוואונגען, אַזוי פריי, אַז אָפט פלעגט איהם אָנקומען שווער צו פערטרייבּען פון זיך די דרייסטע האָפנונגען, וועלכע זענען צודרינגליך צוגעשטאַנען צו איהם. ער האָט זיך געזאָגט, אַז דאָס איז נאָר די פפליכט פון זיי בּיידען, צו שפּיעלען פאַר איהם די קאָמעדיע, וועלכע ווערט געוועהנליך געשפּיעלט פאַר שווערקראַנקע מיט נישט קיין גלייכען ערפאָלג. קוים אָבּער איז בּיי איהם געבּליעבּען, זיך צוצוקוקען צו זייער קאָמעדיע און אַליין

אויך מיטצושפּילען, האָט ער זיך גלייך געהאַפּט און אַרומגעזעהן, אַז ער פּלוידערט וועגען דער וועלט און וועגען מענשען אַזוי ווי ווען איהם וואָלט זיין בעשטימט נאָך אַ סך יאָהרען אַרומצוּוואַנדערען צווישען די לעבעדיגע אונטער דעם שיין פון דער זון. און דאַן האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז גראַדע דאָס דאָזיגע מאָדנע גוט פיהלען זיך ביי אַזעלכע קראַנקע, ווי ער איז, דיענט אָפט אַלס אָנזאָגער פון דעם נאָהנטען טוידט, און, אַ פערביטערטער, אָבגעטריעבען פון זיך אַלע האָפנונגען. און ס'איז געקומען זאָגאַר אַזוי ווייט, אַז אין אונבעשטימטע אַנגסטגעפיהלען און טרויעריגע שטימונגען האָט ער אָנגעהויבען צו זעהן גוטע סמנים, און זיך שיער נישט געפרעהט מיט זיי. דערנאָך ווידער האָט ער איינגעזעהן, ווי נאַרעש דער דאָזיגער אַרט דענקען איז, און איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָ איז איבערהויפּט נישט פערהאַן קיין וויסען און קיין זיכערקייט. ער האָט צוריק אָנגעהויבען לייענען; די ראָמאַנען אָבער זענען איהם נישט געפעלען געוואָרען. ער האָט זיי געפונען פאַר לאַנגווייליג, און אַנדערע פון זיי, בעזונדער אַזעלכע, אין וועלכע ס'ווערט מיט רייכע פאַרבען געמאָלט אַ בליהענדעס, געשעהעניש=רייכעס לעבען, — האָבען איהם אַריינגעבראַכט אין אַ שלעכטער שטימונג. ער האָט זיך גענומען צו די פילאָזאָפען און האָט געהייסען מאַריאַ'ן, זי זאָל איהם דערלאַנגען פון שאַנק שאָפּענהויער'ן מיט ניעטשע'ן. די דאָזיגע חכמה אָבער האָט אַ גאַנץ קורצע צייט נאָר געווירקט אויף איהם בערוהיגענד.

איינמאָל אין אַ אָבענד האָט איהם אַלפרעד געטראָפען דערביי, ווי אַ באַנד פון שאָפּענהויער'ס שריפטען איז איהם אַרויסגעפאַלען פון די הענד אויפ'ן דעקע און ער האָט געקוקט מיט אַ טריבען געזיכט פאַר זיך אין'ם הלל פון צימער. מאַריאַ איז געזעסען נעבען איהם בעשעפטיגט מיט אַ האַנד=אַרבייט.

— איך וועל דיר עפּעס זאָגען, אַלפרעד, — האָט ער זיך געווענדעט צום אַריינקומענדען מיט כמעט אַ אויפגערעגטער שטימע, — איך הויב ווידער אָן לייענען ראָמאַנען!

— וואָס איז דען?

— דאָס איז האָטש ווייניגסטענס אַ אויפריכטיגע מעשה. גוט אָדער שלעכט, פון אַ קינסטלער אָדער פון אַ פּאַפּיער=שמירער — אַ מעשה. די דאָזיגע הערען אָבער, — דערביי האָט ער אָנגעוויזען

מיט די אויגען אויף דעם באַנד, וואָס איז געלעגען אויף דער דעקע, — זענען ניעדערטרעכטיגע ליגנער.

— אָהאָ!

פעליקס האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט.

— פערראַכטען דאָס לעבען, ווען מ'איז געזונד ווי אַ גאָט, און דעם טוידט רוהיג אין די אויגען קוקען, ווען מ'פאָהרט אין איטאַליען שפּאַציערען און די וועלט אַרום איז פערשאָטען מיט די פערשיעדענפאַרביגסטע בלומען, דאָס רוף איך גאַנץ איינפאַך פּאָזע. פראָביר נאָר פערשליעסען אַזאַ מין העלד אין אַ קאַמער; פאָר-אורטייל איהם צו'ם פיעבער'ן און נישט צו קאָנען אָטעמען; זאָג איהם, אַז צווישען דעם ערשטען יאַנואַר און דעם ערשטען פעברואַר פונ'ם קומענדיגען יאָהר וועט ער אין קבר ליעגען, און דאַן זאָל ער דיר עטוואָס אַזוינס פילאָזאָפירען.

— לאָז אָב! — האָט אַלפרעד געזאָגט. — וואָס זענען עס פאַר'אַ פּאַראַדאָקסען!

— דו פערשטעהסט עס נישט. דו קאָנסט עס נישט פערשטעהן! און מיך עקעלט'ס איינפאַך, איך קאָן עס נישט פערטראָגען. זיי זענען אַלע פּראַזיאָרען.

— און סאָקראַט?

— איז געווען אַ קאָמעדיאַנט. ווען מ'איז אַ נאַטירליכער מענש, מוז מען פיהלען אַ אַנגסט פאַר דאָס אונבעקאַנטע; אין בעסטען פאַל קאָן מען זי נאָר בעהאַלטען. איך וועל דיר עס גאַנץ עהרליך זאָגען: מ'פעלשט די פּסיכאָלאָגיע פון די שטאַרבענדע, ווייל די אַלע גרויסע מענשען אין דער וועלט-געשיכטע, וואָס מיר ווייסען פון זייער טוידט, האָבען זיך געפיהלט פערפליכטעט, צו שפּיעלען אַ קאָמעדיע פאַר די קומענדע דורות. און איך! וואָס טהו איך דען? וואָס? ווען איך רעד מיט אייך רוהיג וועגען די אַלע פערשיע-דענע זאַכען, וואָס הויבען מיך נישט אָן צו אינטערעסירען, וואָס טהו איך דען?

— הער, רעד נישט אַזוי פיעל, אין בעזונדער — אַזעלכע נאַרעשקייטען.

— אויך איך פיהל מיך פערפליכטעט, מיך צו פערשטעלען, און אין דער ווירקליכקייט בין איך דאָך דורכגעדרונגען מיט אַזאַ אונבעגרענצטער, וואוטענדער אַנגסט, פון וועלכער קיין געזונד-

טער מענש קאן זיך גאר קיין פארשטעלונג נישט מאכען; און אזא אנגסט פאר'ן טוידט האבען זיי אלע איבערגעלעבט, די אלע העלדען און די אלע פילאזאפען, נאר זיי זענען — אויסגעצייכענטע קאמעדיאנטען געווען.

— בערוהיג דיך, פעליקס, — האט מאריא געבעטען.

— איהר זענט אויך ביידע פעסט איבערצייגט אין דעם, — האט דער קראנקער ווייטער גערעדט, — אז איהר קאנט קוקען דער אייביגקייט גלייך אין די אויגען, ווייל איהר האט נאך פון איהר קיין בעגריף נישט. מ'מוז פערזארטיילט זיין, ווי א פערברעכער — אדער ווי איך, אום צו קאנען רעדען וועגען דעם. אי דער עלענדער רויבער, וועלכער געהט מונטער צו'ם עשאפאט, אי דער גרויסער דענקער, דער פערפאסער פון קלוגע אפאריזמען, נאכדעם, ווי ער האט אויסגעלעדיגט דעם גיפט־בעכער, אי דער געפאנגענער פריי־הייטס־העלד, וועלכער קוקט מיט א שמייכעל אויף דער ביקס, וואס איז געריכטעט געגען זיין ברוסט, — זיי אלע נארען אב, איך ווייס עס; זייער מוט און זייער שמייכלען — אלץ איז נישט מעהר, ווי א פאזע, ווארום אלע זיי זענען פול מיט אנגסט, מיט דער שרעקליכסטער אנגסט פאר'ן טוידט, וועלכע איז אזוי נאטירליך, ווי דער טוידט אליין!

אלפרעד האט זיך רוהיג אוועקגעזעצט אויפ'ן בעט, און ווען פעליקס האט געענדיגט האט ער איהם געענטפערט:

— ווי דאס זאל נישט זיין, איז עס נישט קלוג פון דיין זייט, אזוי פיעל און אזוי הויך צו רעדען. און צווייטענס, ביזטו נארעש, ווי עס קאן נאר זיין און דערצו נאך א איינגע'עקשנ'טער היפאכאנדער!

— עס געהט דאך דיר איצט אזוי גוט, — האט מאריא אויסגערופען.

— זי גלויבט טאקעווירקליך אין דעם? — האט זיך פעליקס געווענדעט צו אלפרעד'ן. — פארוואס זאלסטו איהר איינמאל פאר אלע מאל נישט ערקלערען אלץ, ווי עס איז?

— ליעבער פריינד, — האט דער דאקטאר געענטפערט, — אויב אימיצער נויטיגט זיך דא יא אין א ערקלערונג, איז עס נישט קיין אנדערער, ווי דו. היינט אבער ביזטו בעזונדער איינגע'עקשנ'ט, און איך מוז מיך אבזאגען פון יעדע ערקלערונג. אין צוויי־דריי טעג ארום,

אויב דו וועסט נאָר אין מיטען נישט האַלטען קיין לאַנגע רעדעס, וועסטו בעשטימט קאָנען אויפשטעהן, און דאַן וועלען מיר אָבהאַלטען אַ לענגערע בעראַטונג אויף וועגען דיין גייסטיגען צושטאַנד.

— ווען איך וואָלט נאָר דיך אַזוי גוט נישט קאָנען, — האָט פעליקס געזאָגט.

— נו נו, עס וועט שוין גוט זיין, — האָט אַלפרעד געענטפערט. — און איהר מאַכט נישט אַזאַ קלאָגעדיגע מינע, — האָט ער זיך געווענדעט צו מאַריאַ'ן, — דער העררו וועט נאָך אויך אַמאָל קליגער ווערען. איצט זאָגט מיר אָבער, פאַרוואָס איז עס ביי אייך קיין פענסטער נישט אָפען? היינט איז דאָך דער שענסטער הערבסט-טאָג, וואָס מ'קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען.

מאַריאַ איז אויפגעשטאַנען און האָט געעפענט אַ פענסטער. עס האָט אָנגעהויבען דונקעל ווערען, און די לופט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסען אין צימער, איז געווען אַזוי ערקוויקענד, אַז מאַריאַ האָט געפיהלט דעם פערלאַנג, זיך וואָס לענגער צו לאָזען גלעטען פון איהר. זי איז געבליבען שטעהן ביי'ם פענסטער און האָט אַרויסגעבויגען דעם קאָפּ. זי האָט זיך געפיהלט פלוצלונג, ווי ווען זי וואָלט דעם צימער אַליין האָבען פערלאָזען. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז אויף דער פרייהייט, און אַ סך טעג שוין האָט זי נישט איבערגעלעבט אַזעלכע אַנגענעמע עמפפינדונגען. איצט, ווען זי האָט דעם קאָפּ צוריק אין צימער אַריינגענומען, האָט איהר אַנטקעגענ-געשטראָמט די גאַנצע פערשטיקטקייט פון דעם צימער מיט'ן קראַנקען, און איהר פערקוועטשט די ברוסט. זי האָט געזעהן, ווי פעליקס מיט אַלבערט'ן רעדען צווישען זיך, און האָט די ווערטער נישט געקאָנט הערען דייטליך; זי האָט אָבער אויך קיין לוסט נישט אָנגעהויבען שפירען, זיך צו בעטייליגען אין דעם שמועס. זי האָט זיך אָנגעשפאַרט אָן פענסטער און אַרויס-געשטעקט דעם קאָפּ. אין גאַס איז געווען גענוג שטיל און פוסט, און נאָר פון דער דערביי'איגער הויפּט-גאַס האָט זיך געהערט אַ פערטויבטעס גערויש פון רעדער. אַ פּאָר שפּאַציר-געהערס זענען זיך בעקוועם געגאַנגען אויפ'ן טראָטואַר. פאַר'ן טויער פונ'ם שטיב געגענאיבער זענען געשטאַנען עטליכע דיענסטמעדלעך, וועלכע האָבען געפלוידערט און געלאַכט. איין יונגע פרוי אין דעם הויז געגענ-איבער האָט אויך, אַזוי ווי מאַריאַ, אַרויסגעקוקט דורכ'ן פענ-

סטער, און מאַריאַ האָט אין דער מינוט נישט געקאָנט בעגרייפען, פאַרוואָס די דאָזיגע פרוי געהט בעסער נישט שפּאַציערען. זי האָט אַלע מענשען מקנא געווען, — אַלע זענען געווען גליקליכער פון איהר.

---

ס'זענען אָנגעקומען וואָכע, בעקוועמע סעפּטעמבער־טעג. די אָבענדען האָבען זיך געשטעלט פריה, זיי זענען אָבער געבליבען וואַרעם און נישט־ווינטיג.

מאַריאַ האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוועהנט, אָבצורוקען איהר שטוהל פון קראַנקען'ס בעט, אַזוי אָפט, ווי דאָס איז נאָר מעגליך געווען, און זיך אַוועקצוזעצען ביי'ם אָפענעם פענסטער. דאָרט איז זי אָבגעזעסען שעה'ען־לאַנג, בעזונדער דאַן, ווען פעליקס האָט געדרעמעלט. אַ טיפע מידקייט האָט איהר אַרומגענומען איהר גאַנצען וועזען; זי האָט אינגאַנצען פערלוירען די פעהיגקייט, זיך צו מאַכען אַ קלאָרע פאָרשטעלונג פון דער לאַגע, און אין אַלגעמיין דעם חשק, צו טראַכטען. ס'זענען אַריבערגעגאַנגען גאַנצע שעה'ען, און אין איהר בעוואוסטזיין איז נישט אַריינגעקומען נישט קיין ערוואַרטונג, און נישט קיין געדאַנק וועגען דער צוקונפט. מיט אָפענע אויגען איז זי געזעסען און גע'חלומ'ט און איז געווען צופריעדען שוין דערמיט אַליין, וואָס פון גאַס האָט אַביסעל פרישע לופט איהר געבלאָזען אין געזיכט. דאַן ווידער, ווען צו איהר אויער האָט זיך דערטראָגען אַ לייכטער זיפץ פון קראַנקען'ס בעט, איז זי אַ דערשראָקענע אויפגעשפּרונגען פון אָרט. זי האָט בעמערקט, אַז דאָס געפיהל פון מיטלייד איז ביי איהר וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער און פרעמדער געוואָרען. איהר מיטלייד איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ נערוועזע אויפרעגונג און איהר שמערץ — אין אַ מישמאַש פון אַנגסט און גלייכגילטיגקייט. זי האָט זיך געווי'ס נישט געהאַט וואָס פאָרצוואַרפען, און ווען דער דאָקטאָר האָט דאָ נישט לאַנג גאַנץ ערנסט איהר אָנגערופען „מלאך", האָט זי זיך נישט געפיהלט אַזוי שטאַרק פערשעמט. זי איז אָבער געווען מיעד, שרעקליך מיעד. איצט איז זי שוין באַלד צעהן אָדער צוועלף טאָג פון שטוב נישט אַרויסגעטרעטען. פאַרוואָס? פאַרוואָס? וועגען דעם וואָלט נישט געשאַדט אַ קלער צו טהון. ס'פערשטעהט זיך, דערפאַר, — האָט עס איהר פלוצלונג אַ בליץ געטהון אין קאָפּ, — וואָס דאָס

וואָלט פעליקס'ן זעהר געקרענקט! און זי איז דאָך גערן געבליבען בײַ איהם, געוויס. זי האָט איהם איצט ליעב נישט וועניגער, ווי פריהער. נאָר מיעד איז זי געווען, און דאָס איז דאָך גאַנץ נאַטירליך. און איהר בענקשאַפט נאָך אַ פּאָר שעה זיך דורכגעהן אויפ'ן פרײַען לופט איז געוואָרען אַלץ דרינגענדער. איז דאָס נישט אַ קינדערײַ — זיך אָבצוזאָגען דערפון? ער מוז דאָך עס, ענדליך, אויך אײַנזעהן. און איצט איז איהר ווידער קלאָר געוואָרען, ווי אומבעגרענעצט עס מוז זײַן איהר ליעבע צו איהם, ווען זי אַלײַן זוכט איהם צו פערהיטען פון אַ צווייפעלהאַפטען שאָטען זאָגאַר, פון אַ צווייפעלהאַפטער קרענקונג. זי האָט איהר נעה־אַרבײַט געלאָזען אַרויסגליטשען זיך פון איהרע הענד און געוואָרפען אַ בליק אויפ'ן בעט, האַרט בײַ'ם וואַנד, וואָס איז שוין אינגאַנצען געווען אײַנגעהילט אין דער דונקעלהײַט. ס'איז געווען פאַרנאַכט, און דער קראַנקער, פערברענגענדיג רוהיג דעם טאָג, איז אײַנגעשלאָפען. איצט וואָלט זי געקאָנט אַוועקגעהן, און ער וואָלט זאָגאַר גאָרנישט אָנהויבען וויסען דערפון. אַה יאָ, דאָ אַראָב, און דאָרט אַרום ווינקעל, און ווידער אַמאָל אין מיטען גאַס צווישען מענשען און אים שטאָדט־פּאַרק און דערנאָך אויפ'ן רינג און דעם אָפּערן־טעאַטער פערבײַגעהן, וואו די עלעקטרישע לעמפּלעך ברענען, אינמיטען אין דעם מענשליכען טומעל, און נאָך דעם טומעל בענקט זיך דאָך אַזוי שטאַרק. ווען אָבער וואָלט דאָס געקאָנט זײַן? דאָס וואָלט געקאָנט פאַרקומען דאַן, ווען פעליקס ווערט ווידער געזונד; און וואָס זענען פאַר איהר די גאַס און דער פּאַרק און די מענשען! וואָס איז פאַר איהר דאָס גאַנצע לעבען אָהן איהם!

זי איז געבליבען אין שטוב, און האָט צוגערוקט איהר שטוהל נאָהנט צו זײַן בעט. זי האָט גענומען די האַנד פונ'ם שלאָפענדען און געווײַנט מיט שטילע, טרויעריגע טרערען; און אויך דאַן זאָגאַר, ווען איהרע געדאַנקען האָבען איהר פערטראָגען ווײַט פון דעם מענשען, אויף וועמענס האַנד עס זענען געפאַלען איהרע טרערען, האָט זי נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו וויינען.

---

ווען אַלפרעד האָט בעזוכט פעליקס'ן נאָך מיטאָג, האָט ער איהם געפונען פרישער, ווי אין די לעצטע טעג.

— ווען עס וועט אַזוי געהן ווײַטער, — האָט ער צו איהם געזאָגט, —

וועל איך דיך אין א פּאר טעג ארום לאזען אויפשטעהן.

ווי צו אלין, וואס מ'האט צו איהם גערעדט, האט זיך דער קראנקער בעצויגען מיט אונצוטרוי אויך צו די דאזיגע ווערטער און האט געענטפערט אויף זיי מיט א פערדראסיגען:

— יא יא.

אלפרעד אבער האט זיך אומגעווענדעט צו מאריא'ן, וועלכע איז געזעסען ביי'ם טיש, און געזאגט:

— איהר האט אייגענטליך אויך געקאנט אביסעל בעסער אויסזעהן.

אויך פעליקס'ן, וועלכער האט ביי די ווערטער זיך נעהנטער צוגעקוקט צו מאריא'ס געזיכט, איז איצט שטארק אויפגעפאלען איהר בעזונדער בלאסקייט. ער איז געוועהנט געווען, די געדאנקען וועגען איהר זעלבסטאפּפּערנדער גוטסקייט, וואס פלעגען איהם אריינקומען אין זינען, גלייך צו פערטרייבען פון זיך. אפטמאל האט איהם די דאזיגע מערטירערי אויסגעזעהן נישט אינגאנצען עהרליך און איהם האט געקרענקט די געדולדיגע מינע, וואס זי טראגט אויף איהר געזיכט. ער האט א סך מאל געוואלט, זי זאל אונגעדולדיג ווערען. ער האט געבענקט נאך דעם מאמענט, ווען זי וועט זיך ארויסגעבען מיט איין ווארט, מיט איין בליק און ער וועט עס איהר קאנען אין פנים א שליידער טהון מיט גיפטיגע ווערטער, און ערקלערען דערביי, אז ער האט קיין איין מינוט זיך נישט געלאזען אפּנארען, אז איהר פאלשקייט האט איהם געעקעלט און אז זי מעג איהם לאזען שטארבען רוהיג.

איצט, ווען אלפרעד האט גערעדט וועגען איהר אויסזעהן, איז זי עטוואס רויט געווארען און האט געשמייכעלט.

— איך פיהל מיך גאנץ גוט, — האט זי געזאגט.

אלפרעד איז צוגעגאנגען נעהנטער צו איהר.

— ניין, דאס איז נישט אזוי איינפאך. אייער פעליקס וועט גאנץ ווייניג האבען פון זיין געזונד ווערען, ווען איהר וועט זיך דאן אוועקלעגען.

— אבער איך בין ווירקליך פאלקאם געזונד.

— הערט, זאגט מיר נאר, איהר געהט גאר קיינמאל נישט ארויס אויף דער פרייער לופט?

— איך פיהל נישט קיין בעדערפעניש דערצו.

— זאָג נאָר דו, פעליִקס, ווי איז דאָס, זי טראָגט טאַקע גאָרנישט אָב פון דיר?

— דו ווייסט דאָך, — האָט פעליִקס געענטפערט — זי איז אַ מלאך.

— אָבער ענטשולדיגט, מאַריאַ, דאָס איז גאַנץ איינפאַך נאַרעש. ס'איז נוצלאָז און קינדעריש, זיך אַזוי צו פערדאַרבען. איהר מוזט פרישע לופט אָטעמען. איך זאָג אייך, אַז דאָס איז נויטיג.

— אָבער וואָס ווילט איהר פון מיר? — האָט מאַריאַ געזאָגט מיט אַ שוואַכען-שמייכעל. — איך בענק נישט נאָך קיין פרישער לופט.

— דאָס איז נישט וויכטיג. דאָס אַליין, וואָס איהר ציהט נישט צום שפּאַצירען, איז שוין אַ שלעכטער סימפּטאָם. זיצט אונטער אַ שעה אים שטאָדטפּאַרק; אָדער, ווען דאָס איז אייך אונאַנגענעהם, נעהמט אַ עקיפּאַזש און פאָהרט זיך דורך אַביסעל, אין פּראַטער, צום ביישפּיעל. דאָרט אונטען איז איצט זעהר שען.

— אָבער...

— ס'איז נישטאָ קיין „אָבער". ווען איהר וועט זיך אַזוי ווייטער פיהרען און איננאַנצען אַ מלאך זיין, וועט איהר זיך איבער-פיהרען. יאָ, טהוט נאָר אַ קוק אויף זיך אין שפּיעגעל. איהר וועט זיך איבערפיהרען, זאָג איך אייך.

ביי די לעצטע ווערטער אַלפרעד'ס, האָט פעליִקס דערשפּירט אַ שטעכעדיגען וועהטאָג אין האַרצען. אַ פערביסענער צאָרן האָט געקאָכט אין איהם. אין די שטריכען פון מאַריאַ'ס געזיכט האָט ער געזעהן דעם אויסדריק פון בעקאַנטע ליידען, וואָס פערדיענען מיט-לייד, און אין קאָפּ איז איהם דורכגעפלויגען דער געדאַנק, וועגען וועלכען ער האָט זיך נאָך נישט ערלויבט צו טראַכטען, — דער געדאַנק, אַז אָט די פרוי איז פערפליכטעט מיט איהם מיטצולײַדען, מיט איהם צו שטאַרבען. זי פיהרט זיך איבער; נו יאָ, דאָס פערשטעהט זיך אַליין. וואָס, זי וואָלט אֶפשר השק האָבען צו בלייבען מיט רויטע באַקען און גליהענדע אויגען דאַן, ווען זיין לעבען ענדיגט זיך באַלד? און גלויבט דען אַלפרעד אין דער אמת'ן, אַז אָט די פרויענצימער, וועלכע איז זיין געליעבטע, האָט דאָס רעכט אַריבערצוטראַכטען די שעה, וועלכע וועט פאַר איהם די לעצטע זיין?

און אפשר צווייפעלט זי אליין —

מיט נייגיעריגקייט און מיט א בעהאלטענעם צארן, האט פעליקס שטודירט דעם אויסדריק פון מאריא'ס געזיכט אין דער צייט, ווען דער דאקטאר האט, נישט ושאלעווענדיג קיין ווערטער, אליץ נאכאמאל און נאכאמאל איבערגע'חזר'ט דאס פריהער געזאגטע.

ענדליך האט אלפרעד געצוואונגען מאריא'ן, זי זאל איהם צוזאגען, אז זי וועט נאך היינט ארויסגעהן אויף דער פרישער לופט, און איהר ערקלערט, אז די ערפילונג פון דעם צוזאג געהערט אויך צו די פליכטען פון א ווארטארין אזוי גוט, ווי אלעם אנדערעס.

„ווייל איך קום שוין אין אלגעמיין נישט אריין אין רעכנונג, — האט פעליקס געטראכט. — ווייל דעם, וואס איז שוין סיי ווי סיי פערלוירען, לאזט מען אינגאנצען איבער".

ווען אלפרעד איז אוועקגעגאנגען, האט ער איהם נאכלעסיג דערלאנגט די האנד. ער האט איהם געהאסט.

מאריא האט בעגלייט דעם דאקטאר נאר ביז'ן טהיר, און איז גלייך צוגעקומען צוריק צו פעליקס'ן. ער איז געלעגען מיט צוזאמענגעפרעסטע ליפען, און אויפ'ן שטערען ביי איהם האט זיך געזעהן א טיעפער קנייטש פון צארן. מאריא האט איהם פערשטאנען; זי האט איהם שטענדיג גוט פערשטאנען. זי האט זיך צוגעבויגען צו איהם און געשמייכעלט. ער האט געאטעמט; ער האט געוואלט רעדען, געוואלט איהר עפעס א ביטערע בעליידיגונג אין פנים א שלייערן טהון. איהם האט זיך געדאכט, אז זי האט עס פערדיענט. זי אבער, גלעטענדיג מיט איהר האנד זיינע האר און נאך אלץ מיט דעם זעלביגען מיעדען, געדולדיגען שמייכעל אין די שטריכען פון געזיכט, האט צערטליך געשעפטשעט, גאנץ נאהנט פון זיינע ליפען:

— איך וועל דאך נישט געהן.

ער האט גארנישט געענטפערט. דעם גאנצען לאנגען אבענד ביז טיעף אין דער נאכט, איז זי געבליעבען זיצען ביי זיין בעט און איז ענדליך אזוי איינגעשלאפען אויף איהר שטוהל.

---

ווען אלפרעד איז געקומען אויף צומארגענס, האט מאריא אפען געזוכט אויסצומיידען וועלכען ס'איז שמועס מיט איהם; פון דעסט-

וועגען האָט ער אויסגעזעהן אַזוי, ווי ער וואָלט זיך היינט גאַנץ וועניג אינטערעסירען מיט איהר אויסזעהן, און זיך בעשעפטיגט נאָר מיט פעליקסין. ער האָט אָבער קיין זאַך נישט דערמאָהנט וועגען אויפשטעהן באַלד, און דער קראַנקער האָט זיך געשראָקען, איהם צו פרעגען וועגען דעם. ער האָט זיך היינט געפיהלט שוואַכער, ווי אין די פריהערדיגע טעג. איהם האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי שטאַרק נישט געוואָלט נישט רעדען, ווי היינט, און ער האָט זיך געפרעהט, ווען דער דאָקטאָר איז אַוועקגעגאַנגען. אויך אויף מאַריאַ'ס פראַגען האָט ער געענטפערט קורץ און נישט גערן. און ווען זי האָט איהם שפּעט פאַרנאַכט געפרעגט נאָך עטליכע שעה שוויַיגען: „ווי איז דיר איצט?" — האָט ער געענטפערט: ס'איז דאָך אַלץ איינס. ער האָט אַריבערגענומען די אָרעמס איבער'ן קאָפּ, פערמאַכט די אויגען און איז באַלד איינגעשלאָפען. מאַריאַ איז געזעסען אַ ווײַלע נעבען איהם און איהם בעטראַכט, דערנאָך זענען איהרע געדאַנקען פערשוואומען געוואָרען און זי האָט אויך אָנגעהויבען חלומ'ען. ווען זי איז, אין אַ קורצע ווײַלע אַרום, צו זיך געקומען, האָט זי געשפּירט, ווי עפּעס אַ מאָדנע אַנגענעהמע זיסקייט צוגיעסט זיך איהר איבער די גלידער, אַזוי ווי ווען זי וואָלט זיך אויפהאַפען פון אַ געזונדטען, טיפען שלאָף. זי האָט זיך אויפגעהויבען און אַרויסגעצויגען די פאָרהאַנגען פון די פענסטער, וועלכע זענען געווען אַראָבגעלאָזען. זי האָט זיך געפיהלט ריכטיג, ווי ווען דורך דער ענגער גאַס וואָלט זיך דערטראָגען צו איהר פון פאַרק דער ריח פון פערשפּעטיגטע בלומען. אַזוי שוין האָט איהר נאָך די לופט, וואָס האָט איצט אַרײַנגעשטראָמט אין צימער, קיינמאָל נישט אויסגעזעהען. זי האָט זיך אומגעקוקט צו פעליקסין, וועלכער איז נאָך אַלץ געלעגען דאָרטין אַ שלאָפעדיגער און האָט רוהיג געאָטעמט. געוועהנליך אין אַזעלכע מינוטען פלעגט זי זיך פיהלען זעהר גערירט; דאָס דאָזיגע געפיהל פלעגט איהר אָבהאַלטען אין צימער און אויסגיעסען איבער איהר גאַנצען וועזען אַ פוילע שווערקייט. היינט אָבער איז זי געבליבען רוהיג, האָט זיך געפרעהט, וואָס פעליקס איז איינגעשלאָפען, און האָט אָנגענומען גאָר אָהן אַ שום אינערליכען קאַמפּף דעם בעשלוס, אַרויסצוגעהן אויף אַ שעה שפּאַצירען, אַזוי זעלבסטפערשטענדליך, ווי ווען דאָס וואָלט פאָרגעקומען אַלע טאָג, ווי ווען אין דעם וואָלט

קיין שום אומגעוועהנליכעס נישט זיין. אויף די שפּיץ פינגער האָט זי זיך אַרײַנגעגנבע'ט אין קיך, האָט אָנגעזאָגט דער דינסט, זי זאָל אונטערזיצען אין צימער פון קראַנקען, און נעהמענדיג שנעל דעם הוט מיט'ן שירם איז זי מעהר אַראָבגעפלויגען, ווי אַראָבגעגאַנגען פון די טרעפּ. אָט איז זי אויפ'ן גאַס! און נאָכדעם ווי זי איז שנעל דורכגעגאַנגען עטליכע שטילע גאַסען, איז זי צוגעקומען צום פּאַרק און מיט פערגניגען געזעהען אַרום זיך די גראָזען און בוימלעך, נאָך וועלכע זי האָט אַזוי לאַנג געבענקט. זי האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק; נעבען איהר און אויך אויף די דערבײַאיגע בענק זענען געזעסען קינדער־מעדלעך און באָננעס. אין די אַלעען האָבען זיך געשפּיעלט קליינע קינדער. אַזוי אָבער ווי עס האָט שוין אָנגעהויבען הונקעל צו ווערען, האָבען זיך די שפּילערײַען געהאַלטען בײַ'ן ענדיגען: די מעדלעך האָבען צוזאַמענגערופען דאָס קליינוואַרג, האָבען זיי אָנגענומען פאַר די הענד און זענען אַרויס פון פּאַרק. באַלד איז מאַריאַ געבליעבען כמעט אַליין; אַ פּאָר יונגע מענשען זענען אַריבערגעגאַנגען פערבײַ איהר, און איינער פון זיי האָט זיך אומגעקעהרט און געקוקט אויף איהר.

זי איז, אַלזאָ, געוועזען דאָ, אויף דער פרײַהייט. ווי אַזוי איז דאָס אַלץ אייגענטליך געשעהען? איהר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט איצט איז אָנגעקומען די ריכטיגע מינוט, מיט אַ פרײַען בליק די געגענוואַרט צו בעטראַכטען. זי האָט געוואָלט דײַטליכע ווערטער געפינען פאַר איהרע געדאַנקען, און אינערליך אַרויסזאָגען זיי: „איך בין בײַ איהם, ווײַל איך האָב איהם ליעב. איך ברענג קיין שום אָפּפער נישט, וואָרום אַנדערש האַנדלען וואָלט איך גאָרנישט קענען. און וואָס וועט איצט זײַן? ווי לאַנג וועט עס נאָך דויערן? ס'איז קיין רעטונג נישטאָ... און דערנאָך וואָס וועט זײַן?... וואָס וועט דערנאָך זײַן?... איך האָב אַמאָל געוואָלט שטאַרבען מיט איהם... פאַרוואָס זענען מיר איצט עפּעס אַזוי פרעמד געוואָרען איינער דעם אַנדערן?... ער טראַכט נאָר וועגען זיך... וואָלט ער נאָך איצט אויך וועלן שטאַרבען מיט מיר?" און דאָ האָט איהר דורכגעדרונגען די זיכערקייט, אַז ער וואָלט עס בעשטימט וועלן. פאַר איהרע אויגען אָבער האָט נישט געשוועבט איצט. דאָס בילד פון אַ שענעם יונגען מאַן, וועלכער בעט איהר, זי זאָל זיך מיט איהם צוזאַמענגיעסען אין דער אייביגקייט. ניין, איהר איז פאָרגעקומען, אַז ער רײַסט

זי מיט מיט זיך און שלעפּט זי אַראָב אונטען ערגעץ, אײַנגעשפּאַרט, פון קנאה, ווייל זי געהערט צו איהם.

אַ יונגער הערר האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהר אויפ'ן באַנק און געמאַכט עפּעס אַ בעמערקונג. זי איז געווען אַזוי צושטרייט, אַז פריהער האָט זי געפרעגט: — וואָס? — און דערנאָך ערשט איז זי אויפגעשטאַנען און שנעל אַוועקגעגאַנגען. אין פּאַרק זענען איהר די בליקען פון די פערבייגעהער אונאַנגענעהם געוואָרען: זי איז דעריבער אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, האָט צוגערופען אַ עקיפּאַזש און האָט זיך געלאָזען פאָהרען שפּאַצירען. ס'איז פינסטער געוואָרען; זי האָט זיך בעקוועם אָנגעשפּאַרט אין ווינקעל, און געשעפּט פערגניגען פון דער אַנגענעהמער, נישט אַנשטרענגענדער בעוועגונג און פון די זיך ענדערנדע בילדער, וועלכע האָבען זיך איהר אַנטקעגענגעטראָגען, און וועלכע זענען געווען איינגעטונקט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט און אין די פלאַקערנדע גאַזפלאַמען. ס'איז געווען אַ שענער סעפּטעמבער-אָבענד און אויפ'ן גאַס האָבען געשפּאַצירט מאַסען מענשען. ווען מאַריאַ איז פערבייגעפאָהרען דעם פאָלקסגאָרטען, האָט זי געהערט די פרישע טענער פון אַ מיליטער-אָרקעסטער און נישט ווילענדיג האָט זי זיך געמוזט דערמאָהנען אָן יענעם אָבענד אין זאַלצבורג. אומזיסט האָט זי זיך געזוכט איינצורעדען, אַז דאָס דאָזיגע גאַנצע לעבען אַרום איהר איז אַ נישטיגעס, אַ פערגענגליכעס, און אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי שווער זיך צו שיידען דערמיט. זי האָט נישט געקענט פערטרייבען פון זיך די פריידיגע, אַנגענעהמע עמפּפינדונגען, וואָס האָבען איהר ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו בעהערשען. איהר איז איצט פּאַרט גוט געווען. אַלץ האָט איהר פערשאַפט פערגניגען: דאָס, וואָס דאָס שענע טעאַטער איז געשטאַנען העל בעלויכטען מיט זיינע ווייס-לייכטענדע בויגען-לאָמפּען; דאָס, וואָס פון די אַלעען פון ראָטהויז-גאָרטען האָבען זיך אַרויסגעלאָזען אַזוי פיעל שפּאַצירענדע מיט צופרידענע פנים'ער; דאָס, וואָס פאַר'ן קאַפע-הויז דאָרטין זענען געזעסען מענשען; דאָס, וואָס ס'זענען איבערהויפּט פערהאַן מענשען, פון וועמענס זאָרגען זי האָט נישט געוואוסט אָדער וועלכע האָבען אפשר טאַקע אַזעלכע גאָרנישט געהאַט; וואָס די לופט האָט איהר אַזוי מילד און וואַרעם געגלעט דעם געזיכט; וואָס זי וועט נאָך אַ סך אַזעלכע אָבענדען, נאָך טויזענדער שענע טעג און נעכט קע-

ניען זעהען און וואָס אין איהרע אָדערן פליעסט אַ געפיהל פון לעבענס־פריידיגער געזונדהייט. אַלץ, אַלץ איז איהר געפעלן געוואָרען. וואָס? זי האָט אפשר זיך פאָרצו־וואַרפען עפּעס דערפאַר, וואָס נאָך אַזוי פיעל שעה׳ען פון פיין און מיעדקייט, האָט זי זיך ערלויבט, אַזוי צו זאָגען, איין מינוט פרייער אָבאַטעמען? האָט זי דען נישט קיין פאָלשטענדיגעס רעכט אויף איהר אייגענער עקסיסטענץ? זי איז דאָך געזונד געוועזען, זי איז דאָך יונג געוועזען, און פון אַלע זייטען, ווי פון טויזענד קוואַלען פאַר אַמאָל, האָט זיך געגאָסען איבער איהר די פרייד פון לעבען. דאָס איז אַזוי נאַטירליך געוועזען, ווי איהר אָטעם און דער הימעל איבער איהר קאָפּ — פאַרוואָס זאָל זי זיך שעמען דער־מיט? זי האָט אַ טראַכט געטאָן וועגען פעליקס׳ן. ווען עס געשעהט עפּעס אַ וואונדער און ער ווערט ווידער געזונד, וועט זי בעשטימט מיט איהם ווייטער לעבען. זי האָט געטראַכט וועגען איהם מיט אַ מילדען, פערצייהענדען שמערץ. ס׳איז שוין צייט, זיך אומצוקעהרען. האָט ער דען אַ רעכט אויף דעם, וואָס זי זיצט נעבען איהם? ווייס ער דען אָבצושאַצען איהר צערטליכקייט? וויפיעל גאַל ליעגט עס אין זיינע ווערטער! און ווי גיפטיג איז זיין בליק! און זיין קוש! ווי לאַנג האָבען זיי זיך שוין נישט געקושט! זי האָט זיך פּלוצלונג דערמאָהנט אָן זיינע ליפּען, וועלכע זענען איצט שטענדיג געוועזען בלאַס און טרוקען. זי וועט איהם שוין איצט קושען נאָר אין שטערן. זיין שטערן איז קאַלט און פייכט. פוי, ווי העסליך דאָס קראַנק־זיין איז!

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן לעהן פון עקיפּאַזש, און בעוואוסטזיניג אָבגעטריבען פון זיך די געדאַנקען וועגען דעם קראַנקען. אום נישט צו טראַכטען וועגען איהם, האָט זי פלייסיג אַרומגעקוקט אין גאַס און יעדע זאַך אַזוי גענוי און פּינקטליך בעטראַכט, ווי ווען זי וואָלט מוזען אָט די אַלע זאַכען פעסט בעהאַלטען אין איהר זכרון.

---

פעליקס האָט אויפגעעפענט די אויגען. ביים בעט האָט געברענט אַ ליכט און פערשפּרייט אַ שוואַכע שיין. נעבען איהם איז געזעסען די אַלטע פרוי, די האַנד אין שויס האַלטענדיג, גלייכגילטיג.

— וואו איז זי? — האָט אויסגעשריגען דער קראַנקער.

די אַלטע האָט זיך אַ טרייסעל געטאָן און איהם ערקלערט,

אז מאריא איז אוועקגעגאנגען און וועט באלד קומען.

— איהר קענט געהן, — האט פעליקס געענטפערט, און ווען זי האט געצעגערט, האט ער נאכאמאל געזאגט: געהט, איך דארף אייך נישט.

ער איז געבליבען אליין. א אונרוהיגקייט, פייניגענד, ווי נאך קיינמאל נישט ביז אהער, איז איהם באפאלען.

וואו איז זי, וואו איז זי? ער האט קוים געקענט איינליגען אין בעט, ער האט אבער נישט געוואגט אויפצושטעהן. פלוצלונג איז איהם איינגעפאלען: זי איז ענדליך אויפגעשטאנען און אוועק! זי וויל איהם אליין לאזען, אויף שטענדיג אליין. זי קען שוין נישט פערטראגען מעהר דאס לעבען נעבען איהם. זי שרעקט זיך פאר איהם. זי האט זיינע געדאנקען געלייענט. האט ער זיך נישט אויסגערעדט ווען ס'איז אין חלום וועגען דעם, וואס ער האט די גאנצע צייט בעהאלטען אין דער טיעפעניש פון זיין בעוואוסטזיין, וואס ער אליין האט זיך נישט געקענט דייטליך פארשטעלען? און דאס איז געווים: זי וויל נישט שטארבען מיט איהם. די געדאנקען האבען זיך אריינגעריסען צו איהם אין מארך. איהם האט אנגעהויבען צו פיבערן, אזוי ווי אלע אבענד. אזוי לאנג האט ער שוין צו איהר קיין איין פריינדליכען ווארט נישט אויסגערעדט: אפשר איז דאס געוועזען די אורזאך! ער האט זי געפייניגט מיט זיין שלעכטער לוינע, מיט זיינע אונצופרידענע בליקען, מיט זיינע ביטערע ווערטער, און זי האט געדארפט דאנקבארקייט האבען!... ניין, ניין, גארנישט קיין דאנקבארקייט, — גערעכטיגקייט נאר! אה! ווען זי וואלט נאר דא געוועזען! ער מוז זי האבען! מיט א ברענענדען שמערץ האט ער עס בעגריפען: ער קען אהן איהר נישט זיין. אויב דאס איז נאר מעגליך, וועט ער ביי איהר פאר אלץ פערצייהונג אויס־בעטען. ער וועט ווידער קוקען אויף איהר מיט צערטליכע אויגען און ווערטער פול מיט אינערליכקייט פאר איהר געפינען. ער וועט מיט קיין איין זילבע נישט ארויסגעבען זיינע ליידען. ער וועט שמייכלען, ווען זיינע ליידען וועלן זיך איהם שווער אויפ'ן ברוסט לעגען. ער וועט איהר די האנד קושען, ווען — ער וועט לעכצען נאך א טראפען לופט צום אטעמען. ער וועט איהר דערצעהלען, אז איהם חלומ'ען זיך ווילדע חלומות, און דאס, וואס זי הערט איהם רעדענדיג פון שלאף, איז מעהר נישט ווי א פיבער־פאנטאזיע.

און שווערען וועט ער איהר, אז ער פערגעטערט זי, אז ער ווינשט איהר א לאנגעס, גליקליכעס לעבען; אבי נאר זי זאל בלייבען מיט איהם ביז צו דער ענדע, אבי נאר זי זאל פון זיין בעט נישט אוועקגעהן, — אליין שטארבען דארף זי איהם נישט לאזען. מיט דער רוהיגקייט פון א דענקער וועט ער דער שרעקליכער שעה אין פנים קוקען, ווען ער וועט נאר וויסען, אז זי איז מיט איהם! און די שעה קען קומען אזוי געשווינד — יעדען טאג קען זי קומען. דעריבער מוז זי שטענדיג מיט איהם זיין; ווארום ער שרעקט זיך, ווען זי איז נעבען איהם נישטא.

וואו איז זי? וואו איז זי? דאס בלוט האט איהם גערוישט אין קאפ, זיינע אויגען זענען געווארען טריב, דער אטעם איז געגאנגען שווערער, און אין צימער איז קיינער נישט געווען. אה, צו וואס האט ער נאך דער אלטער אוועקגעשיקט!? ווי ס'איז—איז דאך עס פארט געווען א לעבעדיגער נפש. איצט איז ער הילפלאז, הילפלאז... ער האט זיך אויסגעגלייכט און געפיהלט זיך שטארקער, ווי ער האט געגלויבט; נאר דער אטעם, דער אטעם. דאס איז געווען עטוואס שרעקליכעס! ער האט עס נישט אויסגעהאלטען, איז ארויסגעשפרונגען פון בעט און אזוי האלב־נאקעט ווי ער איז געווען, צוגעשפרונגען צום פענסטער. דארט איז געווען לופט, לופט! ער האט עטליכע מאל טיעף אבגעצויגען דעם אטעם, אה, ווי גוט דאס איז געווען! ער האט זיך איינגעוויקעלט אינ'ם ווייסען האלאט, וואס איז געהאנגען אויפ'ן לעהן פון בעט, און אוועקגעזעצט זיך אויפ'ן שטוהל. עטליכע סעקונדען האבען זיך זיינע געדאנקען געטומעלט, דערנאך האט דער זעלביגער פריהערדיגער געדאנק איהם ווידער א בליץ געטאן אין קאפ. וואו איז זי? וואו איז זי? האט זי איהם שוין עטליכע מאל אזוי איבערגעלאזען, ווען ער איז געשלאפען? ווער ווייס? וואו האט זי געקענט אוועקגעהן? האט זי געוואלט נאר אוועקגעהן אויף א פאר שעה פון דער שטיקענדער לופט דא אין צימער, אדער זי האט געוואלט פון א י ה ם אוועקגעהן, ווייל ער איז קראנק? איז איהר זיין קראנקהייט עקעלהאפט? שרעקט זי זיך פאר די שאטענס פון טוידט, וואס שוועבען שוין דא ארום? בענקט זי נאכ'ן לעבען? זוכט זי דאס לעבען? זעהט זי שוין מעהר אין איהם אליין קיין לעבען נישט? וואס זוכט זי? וואס וויל זי? וואו איז זי? וואו איז זי?

און די פליהענדע געדאנקען זענען פערוואנדעלט געווארען אין פליסטערנדע זילבען, אין זיפצענדע, קלארע ווערטער. און ער האט געשריען און ער האט געשטורמט: „וואו איז זי?“ און ער האט זי געזעהן פאר זיך, ווי זי איז אראבגעלאפען פון די טרעפ געשווינד, מיט דעם שמייכעל פון בעפרייאונג אויף די ליפען, און איז אוועק, ווייט-ערגעץ, וואו ס'איז נישט דא קיין קראנקהייט, קיין עקעל, קיין לאנגזאמעס שטארבען; אין א אונבעקאנטען ארט ערגעץ איז זי געפלויגען, וואו עס שמעקט, וואו עס בליהט. ער האט געזעהן, ווי זי איז פערשוואונדען געווארען, ווי זי איז איינגעהילט געווארען אין א לייכטען נעבעל, וועלכער האט זי בעהאלטען אין זיך, און פון וועלכען עס האט ארויסגעקלונגען איהר קלינגענדעס לאכען, דאס לאכען פון גליק, פון פרייד. און דער נעבעל האט זיך צוטיילט, און ער האט זי געזעהן טאנצענדיג. ווי א שטורם האט זי זיך געטראגען אליץ ווייטער און ווייטער, און זי איז פערשוואונדען געווארען. דערנאך האט זיך געהערט, א טויבעס גערויש, אליץ נעהנטער, און איז מיט אמאל שטיל געווארען. וואו איז זי? ער איז א דערשראקענער אויפגעשפרונגען. צום פענסטער איז ער צוגעלאפען. עס איז געווען דאס גערויש פון א פאהרענדען עקיפאזש; אט איז עס צוגעפאהרען צום טויער און האט זיך אבגעשטעלט. יא, געוויס, ער קען איהם זעהען. און פון דעם עקיפאזש, יא — מאריא איז עס געוועזן! זי איז עס געווען! ער מוז איהר אנטקעגען געהן... ער האט זיך א ווארף געטאן אים פאדער-צימער; דארט איז אבער אינגאנצען פינסטער געווען, און ער האט נישט געקענט געפינען די קלאמקע פון טהיר. אט האט זיך איבערגעדרעהט דער שליסעל אים שלאס, די טהיר איז אויפגעשפרונגען, מאריא איז אריינגעגאנגען און הינטער איהר האט געפינקעלט דאס שוואכע ליכטיגקייט פונים גאז-לאמפ אויף די טרעפ. זי האט זיך אנגעשטויסען אן איהם, נישט קענענדיג איהם זעהען, און האט א געשריי געטאן. ער האט זי אנגעהאפט ביי די אקסלען און אריינגעשטויסען אין צימער; ער האט געעפענט דאס מויל און נישט געקענט רעדען.

— וואס איז מיט דיר? — האט זי אין שרעק אויסגעשריען, — דו ביזט פון זינען אראב???!

זי האט זיך בעפרייט פון איהם. ער איז געבליבען שטעהן,

ווי אַ אײנגעגראָבענער. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זײַן געשטאַלט איז אויסגעוואַקסען און העכער געוואָרען. ענדליך האָט ער געפונען ווערטער.

— פון וואַנען קומסטו?... פון וואַנען?...

— אום גאָטעס ווילען, פעליקס, קום צו זיך, ווי קענסטו...? איך בעט דיך, זעץ דיך ווייניגסטענס אַנידער.

— פון וואַנען קומסטו? — ער האָט עס גערעדט שטילער, ווי פערלוירען. — פון וואַנען? פון וואַנען? — האָט ער געפליסטערט.

זי האָט איהם אָנגענומען פאַר די הענד; זיי זענען געווען הייס, זיי האָבען געברענט; ער האָט זיך געלאָזען מיט'ן גוטען ווילען, בעוואוסטלאָז כמעט, פיהרען ביז צום דיוואַן, אין'ם ווינקעל פון וועלכען זי האָט איהם פאַמעליך אַוועקגעזעצט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען, אַזוי ווי בעמיהענדיג זיך צום בעוואוסטזיין צו קומען. דערנאָך האָט ער ווידער געזאָגט, גאַנץ דײַטליך, נאָר מיט דער זעלבער אײנטאָניגער שטימע:

— פון וואַנען קומסטו?

זי האָט זיך ביסלעכווייז בערוהיגט, האָט אַראָבגעוואָרפען דעם הוט אויפ'ן שטוהל, האָט זיך געזעצט נעבען איהם אויפ'ן דיוואַן און צערטליך געזאָגט:

— מיין טייערער, איך בין נאָר אויף איין שעה אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, אום עטוואָס די לופט צו האַפּען. איך האָב מיך געשראָקען, אַליין אויך נישט קראַנק צו ווערען. וואָס וואָלסטו דאַן געטאָן? איך האָב גענומען אַ עקיפּאַזש, אום וואָס געשווינדער צוריק ביי דיר צו זיין.

ער איז געלעגען אין ווינקעל אויפ'ן דיוואַן אָבגעשוואַכט, פערשלאָפען; ער האָט איהר אָנגעקוקט פון דער זייט און גאָרנישט געענטפערט.

זי האָט ווייטער גערעדט צערטליך, גלעטענדיג איהם די הייסע באַקען:

— נישט אמת, פעליקס, דו ביזט דאָך נישט בעז אויף מיר? איך האָב דער דיענסט, איבריגענס, געהייסען זיצען נעבען דיר ביז איך וועל צוריק קומען. דו האָסט זי נישט געזעהן? וואו איז זי?

— איך האָב איהר אַוועקגעשיקט.

— פאַרוואָס, פעליקס? זי האָט דאָך געזאָלט זיצען נעבען דיר נאָר ביז מיין צוריקקומען. איך האָב דאָך אַזוי געבענקט נאָך דיר! וואָס האָט מיר געהאָלפען די פרישע לופט אין דרויסען, ווען איך האָב דיך נישט געהאַט.

— מערי, מערי! — ער האָט אַוועקגעלעגט זיין קאָפּ ביי איהר אויפ'ן ברוסט, ווי אַ קראַנקעס קינד. ווי אין די פריהערדיגע טעג, האָבען זיך איהרע ליפּען געגליטשט איבער זיינע האָר. ער האָט איהר אָנגעקוקט מיט בעטענדע אויגען.

— טייערע! — האָט ער געזאָגט, — דו וועסט אייביג זיין מיט מיר? אייביג — יאָ?

— יאָ, — האָט זי געענטפערט און געקושט זיינע פערפּלאָנטערטע פייכטע האָר, איהר האָט אַזוי געגאָגט, אַזוי ביטער געגאָגט דאָס האַרץ! זי וואָלט גערן געוויינט, אין איהר געריהרטקייט איז אָבער געווען עטוואָס פערוועלקטעס, פערטריקענטעס. אין ערגעץ האָט זיי קיין טרייסט נישט געקענט געפינען, זאָגאַר אויך נישט אין איהר אייגענער ביטערניש. און זי האָט איהם מקנא געווען, ווייל זי האָט געזעהען טרערען פליסענדיג איבער זיינע באַקען.

---

די אַלע קומענדיגע טעג און אָבענדען איז זי ווידער אָבגעזעסען נעבען איהם, האָט איהם צוגעטראָגען צום עסען, איינגעגעבען דעם מעדיצין און דערנאָך פאָרגעלייענט איהם, — ווען ער איז נאָר געווען אויפגעלעגט געגוג, אום דאָס צו פערלאַנגען, — די צייטונג אָדער אַ קאַפּיטעל פון אַ וועלכען ס'איז ראָמאַן. אויף צו מאָרגענס נאָך איהר שפּאַציערגאַנג האָט אָנגעהויבען צו רעגנען, און ס'האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער הערבסט. גאַנצע שעה'ען, אָפט אויך גאַנצע טעג האָבען נישט אויפגעהערט צו טריפען איבער די פענסטער די דינע, גרויע שטרייפען פון רעגען. אין דער לעצטער צייט האָט מאַריאַ עטליכע מאָל געהערט דעם קראַנקען באָרמאָטשענדיג פון שלאָף ווערטער אָהן אַ שום צוזאַמענהאַנג. זי האָט דאַן מעכאַניש כמעט געגלעט מיט'ן האַנד זיין שטערן און זיינע האָר און געמורמעלט, ווי איינגעהמענדיג אַ אונרוהיג קינד: שלאָף, פעליקס, שלאָף, פעליקס! ער איז געוואָרען אַלע מאָל שוואַכער, ער האָט אָבער נישט שטאַרק געליטען, און ווען עס פלעגען פערבייגעהן די קורצע אָנפאַלען פון אָטעם-נויט, וועלכע האָבען

איהם אַלע מאָל דערמאָהנט אָן זײַן קראַנקהײַט, איז ער אַממעהרסטענטײל פערזונקען געוואָרען אין אַ צושטאַנד פון אָבגעשוואַכטקײַט, איבער וועלכען ער האָט זיך אַלײַן נישט געקענט אָבגעבען קײַן רעכנונג. עס איז פאָרגעקומען אָפט, אַז ער האָט זיך אַביסל געוואונדערט: „פאַרוואָס בין איך עס אַזוי גלײַכגילטיג צו אַלץ?“ ווען ער האָט דערבײַ געזעהען אין דרויסען דעם רעגען, האָט ער געטראַכט: „אַה, יאָ, ס'איז הערבסט“ — און האָט שוין נישט געקלערט מעהר וועגען דעם צוזאַמענהאַנג צווישען די געדאַנקען, וואָס פליהען הורך בײַ איהם אין קאָפּ. ער האָט אײגענטליך נישט געטראַכט וועגען קײַן פערענדערונג, וואָס קען פאָרקומען: נישט וועגען שטאַרבען, נישט וועגען געזונד ווערען. מאַריאַ האָט אויך פערלוירען אין די טעג יעדע פאָרשטעלונג וועגען דער מעגליכקײַט פון אַנאַנדער לעבען, און אַלפרעד'ס בעזוכען זענען געוואָרען אַ גאַנץ אײַנפאַכע, געוואָהנהײַטסמעסיגע ערשײַנונג. אמת, פאַר דעם לעצטען, וועלכער איז פון דרויסען געקומען, פון דאָרטין, וואו דאָס לעבען שטעהט נישט אויף אײן אָרט, — האָט זיך אויך דאָס אויסזעהן פון דעם קראַנקען־צימער טעגליך געענדערט. פאַר איהם איז יעדע האָפנונג פערלוירען געוועזן. ער האָט גוט געזעהען, אַז פאַר פעליקס'ן, ווי פאַר מאַריאַ'ן, האָט זיך אָנגעהויבען דער פעריאָד, אין וועלכען ס'איז נישטאָ נישט קײַן האָפנונג, און נישט קײַן שרעק; ווען זאָגאַר די עמפפינדונג פון דער געגענוואַרט קומט אַרויס דומפּף און נישט קלאָר, צוליעב דעם, וואָס איהר פעהלט די פאָרשטעלונג וועגען דער צוקונפט און די ערינערונג פון דער פערגאַנגענהײַט. ער אַלײַן איז שטענדיג אַרײַנגעגאַנגען אין'ם צימער פון קראַנקען מיט אַ געפיהל פון אונבעקוועמליכקײַט און איז געווען זעהר צופריעדען, ווען ער האָט בײַדע אַזוי ווידער געפונען, ווי ער האָט זײ געלאָזען. וואָרום ענדליך האָט דאָך געמוזט אָנקומען די שעה, ווען זײ זענען געצוואונגען געוועזן צו טראַכטען וועגען דעם, וואָס דאַרף פאָרקומען.

ווען ער איז אײנמאָל ווידער מיט די זעלביגע טרויעריגע געדאַנקען אַרויף אויף די טרעפּ, האָט ער געטראָפען מאַריאַ'ן שטעהענדיג אין פאָדערצימער מיט בלײַכע באַקען און פערבראָכענע הענד.

— קומט, קומט, — האָט זי געשריען.

ער איז איהר געשווינד נאכגעגאנגען. פעליקס איז געזעסען, אויסגעגלייכט, אויפ'ן בעט; ער האט אויסגעשטעלט א פאר בייזע אויגען אויף דעם אריינגעהענדען און געשריען:

— וואס ווילט איהר אייגענטליך טאן מיט מיר?

אלפרעד איז שנעל צוגעלאפען צו איהם.

— וואס פעהלט דיר, פעליקס? — האט ער איהם געפרעגט.

— איך וויל וויסען, וואס איהר קלערט צו טאן מיט מיר?

— וואס זענען עס פארא קינדערשע פראגען?

— איהר לאזט מיך אויסגעהן, עלענד אויסגעהן לאזט איהר מיך! — האט פעליקס אויסגערופען מיט האלב א שרייענדער שטימע.

אלפרעד איז נאך נעהנטער צוגעגאנגען צו איהם און האט געוואלט אננעהמען זיין האנד. דער קראנקער אבער האט זי האסטיג ארויסגעריסען פון איהם.

— לאז מיך אב, און דו, מאריא, הער אויף פערברעכען די הענד. איך וואלט וועלען וויסען, וואס איהר טראכט. ווי דאס וועט ווייטער געהן, וויל איך וויסען.

— עס וואלט געהן פיעל בעסער ווייטער, — האט אלפרעד רו-היג געזאגט, — ווען דו וואלסט דיך נישט אויפרעגען אהן שום נוצען.

— נו יא; איך ליעג דאך שוין דא אזוי לאנג, אזוי לאנג! איהר קוקט זיך צו און לאזט מיך ליעגען. וואס ווילסטו אייגענטליך מאכען מיט מיר? — ער האט זיך פלוצלונג געווענדעט צום דאקטאר.

— הער שוין אויף צו רעדען דיינע נארעשקייטען.

— מ'טוט דאך פאר מיך קיין זאך, קיין זאך נישט. דער טוידט הענגט איבער מיך, און קיינער טוט נישט קיין ריהר מיט'ן האנד, אום עס אבצוווענדען!

— פעליקס, — האט אלפרעד אנגעהויבען מיט א ווארעמער שטימע, זיך אוועקזעצענדיג ביי איהם אויפ'ן בעט און ווידער פרא-בירענדיג נעהמען זיין האנד.

— נו יא, דיר איז פראסט אלץ איינס, וואס מיט מיר איז. דו לאזט מיך כסדר ליעגען און מארפיום נעהמען.

— דו מוזט נאך א פאר טעג געדולד האבען—

— אבער דו זעהסט דאך, אז עס נוצט מיר קיין זאך נישט!

איך פיהל דאָך, ווי מיר געהט! פאַרוואָס לאָזט איהר מיך אַזוי רעטונגסלאָז אומקומען? איהר זעהט דאָך, אַז איך געה דאָ צו גרונד. איך וועל דאָך עס נישט אויסהאַלטען! און עס מוז דאָך נאָך עפּעס אַ הילף זיין, עפּעס אַ מעגליכקייט פון אַ הילף. בעטראַכט דיך נאָר גוט, אַלפרעד, דו ביזט דאָך אַ דאָקטאָר, דאָס איז דאָך דיין פליכט.

— געוויס איז פאַרהאַן אַ הילף, — האָט אַלפרעד געזאָגט.

— און אויב נישט קיין הילף, איז אפשר אַ וואונדער מעגליך; דאָ וועט אָבער קיין וואונדער נישט געשעהן. איך מוז אַוועק, איך וויל אַוועק פון דאַנען.

— מיר רעכנען דאָך נישט אַנדערש; ווי נאָר דו וועסט עטוואָס שטאַרקער ווערן, ווי נאָר דו וועסט קענען פון בעט אַראָב.

— אַלפרעד, איך זאָג דיר: עס וועט צו שפּעט זיין. פאַרוואָס זאָל איך אין דעם שרעקליכען צימער בלייבען? איך וויל אַוועק, איך וויל פון שטאָדט אַוועקפאָהרען. איך ווייס, וואָס איך דאַרף. איך דאַרף דעם פריהלינג, איך דאַרף דעם דרום. ווען די זון וועט ווידער אָנהויבען שיינען, וועל איך געזונד זיין.

— דאָס איז טאַקע אַלץ גאַנץ ריכטיג, — האָט אַלפרעד געזאָגט, — ס'פערשטעהט זיך אַליין, אַז דו מוזט פאָהרען אין דרום ערגעץ; דו מוזט אָבער אַביסעל געדולד האָבען. היינט קענסטו נישט פאָהרען און מאָרגען אויך נישט. ווי נאָר אָבער עס וועט עטוואָס —

— איך קען היינט פאָהרען, איך פיהל עס. ווי נאָר איך וועל איבערטרעטען די שוועל פון דעם שרעקליכען טוידט-צימער, וועל איך אַן אַנדער מענש ווערען. יעדער טאָג, וואָס דו האַלטסט מיך דאָ אויף, איז אַ געפאַהר.

— ליעבער פריינד, דו דאַרפסט דאָך פערשטעהן, אַז איך אַלס דאָקטאָר —

— דו ביזט אַ דאָקטאָר און אורטיילסט לויט דער שאַבלאָנע. די קראַנקע ווייסען אַליין אַמבעסטען, וואָס פאַר זיי איז נויטיג. עס איז אַ לייכטזיניגקייט און אַ נאַרעשקייט, מיך צו לאָזען דאָ ליעגען און אונטערגעהן. אי'ם בליהענדען דרום געשעהען אָפטמאָל וואונדער. מ'דאַרף נישט זיצען מיט פערלעגטע הענד, ווען ס'איז נאָר אַ שפּור פון האָפנונג פאַרהאַן, און אַ האָפנונג איז שטענדיג פער-

האָט. עס איז אונמענשליך, איינעם איבערצוגעבען אין די הענד פון שיקזאַל, אַזוי ווי איהר טוט מיט מיר. איך וויל אינ'ם דרום, איך וויל צום פריהלינג פאָהרען.

— נו גוט, דו וועסט דאָך פאָהרען, — האָט אַלפרעד געזאָגט.

— נישט אמת, — איז מאַריאַ האַסטיג אַריינגעפאַלען אין די רעד — מיר קענען מאָרגען פאָהרען.

— ווען פעליקס זאָגט מיר צו, דריי טאָג זיך רוהיג צו האַלטען, שיק איך איהם אַוועק. היינט אָבער, איצט — דאָס וואָלט זיין אַ פער ברעך! דאָס וועל איך אין קיין פאַל נישט דערלאָזען. טוט נאָר אַ קוק, — האָט ער זיך געווענדעט צו מאַריאַ'ן, — דאָס וועטער. עס שטורמט און רעגענט; דעם געזינדסטען מענשען וואָלט איך אויך נישט ראַטען היינט אָבצופאָהרען.

— אַלזאָ מאָרגען! — האָט פעליקס אויסגערופען.

— אויב עס וועט זיך עטוואָס אויסלייטערן, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — אין צוויי אָדער דריי טעג אַרום. דאָ האָסטו מיין וואָרט אויף דעם.

דער קראַנקער האָט איהם שאַרף און פאָרשענד אָנגעקוקט. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— דיין ערענוואָרט?

— יאָ!

— נו, דו הערסט? — האָט מאַריאַ אויסגעשריען.

— דו גלויבסט נישט, — האָט דער קראַנקער געזאָגט, זיך ווענדענדיג צו אַלפרעד'ן, — אַז עס איז נאָך פערהאַן אַ רעטונג פאַר מיך? דו ווילסט, איך זאָל שטאַרבען אין דער היים? — דאָס איז פאַלשע מענשענליעבע! ווען מ'האָלט ביים שטאַרבען, איז שוין אינגאַנצען קיין היים נישט פערהאַן. קענען לעבען — דאָס איז די היים. און איך וויל נישט, איך וויל נישט אַזוי שוצלאָז שטאַרבען.

— מיין ליעבער פעליקס, דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז מיין אָבזיכט איז געווען, דיך דעם גאַנצען ווינטער צו לאָזען פערברענגען אים דרום. איך קען דיך אָבער פאָרט נישט לאָזען אָבפאָהרען ביי אַזאַ וועטער.

— מאַריאַ, — האָט דער קראַנקער געזאָגט, — מאַך אַלץ גרייט.

מאריא האט א ווארף געטאן א בליק אויפ'ן דאקטאר, און דער בליק איז געוועזן אנגסטליך=פרעגענד.

— נו יא, — האט דער בעמערקט, — דאס קאן דאך נישט שאדען.

— אלץ מאך גרייט. איך וויל אין א שעה ארום אויפשטעהן. מיר וועלן אבפאהרען גלייך דערמיט, ווי עס וועט זיך בעוויזען דער ערשטער זונענשטראהל.

---

פעליקס איז אויפגעשטאנען נאך מיטאג. ס'האט אויסגעזעהן, אז דער געדאנק וועגען דער ענדערונג פון וואוינונגס=ארט האט זעהר גוט געווירקט אויף איהם. ער איז נישט געשלאפען, נאר געלעגען די גאנצע צייט אויפ'ן דיוואן; ער האט זיך אבער שוין נישט געלאזען מעהר בעהערשען פון די פערצווייפלונגס=אנפאלען און פון דער טעמפער גלייכגילטיגקייט צו די פערגאנגענע טעג. ער האט זיך אינטערעסירט מיט די פארבערייטונגען, וואס מאריא האט געמאכט צו דער רייזע, געגעבען עצות, איינגעארדענט, בעצייכענט די ביכער פון זיין ביבליאטעק, וועלכע ער האט געוואלט מיטנעהמען מיט זיך, און האט איינמאל אליין גענומען פון זיין שרייב=טיש א גרויסען פאק פאפירען, אויך אויף אריינצוטאן אין קארב.

— איך וויל מיינע אלטע זאכען דורכזעהן, — האט ער געזאגט צו מאריא'ן, און שפעטער, ווען זי האט זיך געקליבען די דאזיגע שריפטען אים קארב איינצופאקען, האט ער ווידער אנגעהויבען רעדען וועגען דעם. — ווער ווייס, צי די דאזיגע רוהיגע צייט האט נישט גוט געווירקט אויף מיין גייסט! איך פיהל פראסט, אז איך בין צייטיג געווארען. אין געוויסע צייטען גיעסט זיך אויס עפעס א וואונדערבארע קלארקייט אויף אלץ, וואס איך האב ביז אהער איבערגעטראכט.

אויף צו מארגענס, גלייך נאך יענעם שטורם=און רעגען=וועטער איז אויף דרויסען שען געווארען. און אין דעם פערלויף פון די פאלגענדע טעג איז געווארען אזוי ווארעם, אז מ'האט געקענט די פענסטער אפען האלטען. איצט האט זיך דער גלאנץ פון א ווארעמען און פריינדליכען הערבסט=נאכמיטאג געגליטשט איבער'ן פאדלאגע, און ווען מאריא האט זיך איינגעבויגען נעבען קארב,

האָבען זיך די װוּנדערשטראַהלען געשפּיעלט אויף איהרע גאָלדענע האָר.

אַלפרעד איז געקומען ריכטיג דאַמאָלס, װען מאַריאַ האָט זאָרגזאַם בעהאַלטען די פּאַפּיערען אין קאָרב, און װען פעליקס, אויפ׳ן סאָפאַ ליעגענדיג, האָט אָנגעהויבען רעדען װעגען זײַנע פּלענער.

— דאָס זאָל איך אויך ערלויבען, — האָט אַלפרעד שמײכלענדיג געפרעגט, — נו, איך האָף, אַז דו װעסט זײַן פאָרזיכטיג גענוג, און זיך נישט צו האַפּען פאַר דער צײַט צום אַרבײַטען.

— אָה, — האָט זיך פעליקס אָבגערופען, — דאָס װעט פאַר מיך גאָר קײן אַרבײַט נישט זײַן. טויזענד נײַע און פרישע שײַנען זענען איצט אויסגעגאָסען אויף די אַלע געדאַנקען, װעלכע זענען פאַר מיר ביז אַהער דונקעל געװען.

— דאָס אַלץ איז זעהר גוט, — האָט אַלפרעד געצויגען די װערטער, בעטראַכטענדיג דעם קראַנקען, װעלכער האָט מיט שטאַרע בליקען געקוקט אינ׳ם לעדיגען רוים.

— דו פערשטעהסט מיך נישט גוט, — האָט פעליקס װײַטער גערעדט. — קײן שאַרף בעגרענעצטע אידעע האָב איך נאָך איינגענטליך נישט. איך פיהל אָבער, אַז אין מײַן מאַרך קומט פאָר עפּעס אַ מין פאָרבערײַטונג דערצו.

— אַזוי —

— דו װײסט, מיר קומט פאָר, אַז איך הער, װי אינסטרומענטען פון אַ אָרקעסטער שפּיעלען זיך אײַן. דאָס האָט אין דער װירקליכקײַט אויך זעהר שטאַרק געװירקט אויף מיך. און אין איינער פון די נעהנסטע מינוטען װעלען זיך דאָ אַרײַנרײַסען רײנע האַרמאָנישע טענער, און אַלע אינסטרומענטען װעלען ריכטיג צופאַלען... און פּלוצלונג אָבשפּרינגענדיג האָט ער געפרעגט:

— דו האָסט בעשטעלט אַ קופּע?

— יאָ, — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר.

— אַלזאָ, מאָרגען אין דער פריה, — האָט פרעהליך אויסגעשריען מאַריאַ. זי איז געװען כסדר בעשעפטיגט: געלאָפען פון קאָמאָדע צום קאָרב, פון דאָרט צום ביכער־שאַנק, דערנאָך װידער צום קאָרב, אײַנלעגענדיג און אײַנפּאַקענדיג. אַלפרעד האָט איבערגעלעבט אַ מערקװירדיגע אויפרעגונג. געפינט ער זיך דאָ בײַ

גליקליך־פרעהליכע יונגע מענשען, וועלכע קלויבען זיך אַ לוסט־רייזע צו מאַכען? אַזוי פול מיט פריידיגער האָפנונג, אַזוי פרעהליך כמעט האָט אויסגעזעהן די שטימונג, וואָס האָט היינט געהערשט אין דער שטוב. ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט איהם מאַריאַ אַרויס־בעגלייט.

— אַה, גאָט מיינער! — האָט זי אויסגעשריען, — ווי קלוג איז עס, וואָס מיר פאָהרען אַוועק. איך פרעה מיך אַזוי! און ער איז אויך אַ איבערגעבּיטענער געוואָרען פון דער צייט, וואָס מ'האָט אָנגעהויבען ערנסט רעדען וועגען דעם.

אַלפרעד האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. ער האָט איהר דערלאַנגט די האַנד און זיך געווענדעט צום טהיר. דער־נאָך אָבער, זיך צוריק אומווענדענדיג, האָט ער געזאָגט צו מאַריאַן:

— איהר מוזט מיר צוזאָגען —

— וואָס— וואָס? —

— איך מיין, אַז אַ פריינד איז שטענדיג מעהר, ווי אַ דאָקטאָר. איך בּין שטענדיג גרייט אייך צו דיענען. איהר דאַרפט נאָר טע־לעגראַפּירען.

מאַריאַ האָט זיך דערשראָקען.

— איהר גלויבּט, אַז דאָס קאָן נויטיג זיין?

— איך זאָג עס נאָר אַזוי — מאַלע וואָס עס קאָן זיך מאַכען, — און מיט די ווערטער איז ער אַוועקגעגאַנגען.

זי איז געבּליעבּען שטעהן אַ ווײַלע טראַכטענדיג; דערנאָך איז זי געשווינד אַריינגעלאָפען אין שטוב, זיך שרעקענדיג דערפאַר, פעליקס זאָל נישט אונרוהיג ווערען פון איהר אַוועקגעהן אויף אַ מינוט. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט נאָר אָבגעוואַרט איהר אַריינקומען, אום צו ענדיגען זיין פריהערדיגען שמועס.

— דו ווייסט, מאַריאַ, — האָט ער געזאָגט, — די זון האָט שטענדיג אַ גוטען איינפלוס אויף מיך. ווען עס וועט דאָרטען קעלטער ווערען, וועלען מיר אַוועק נאָך ווייטער, צו דער ריוויערא, — און דערנאָך, ווי מיינסטו — אין אַפריקאַ? יאָ? אונטערן עק־וואַטאָר וועט מיר דאָס מייסטער־ווערק בּעשטימט געלינגען.

ער האָט אַזוי נאָך ווייטער געפּלוידערט, בּיז מאַריאַ איז

צוגעגאַנגען צו איהם, האָט איהם געגלעט די באַקען און שמייכ־לענדיג געזאָגט:

— נו, זאָל דיר שוין זיין גענוג. מ'דאַרף נישט באַלד אַזוי לייכטזיניג ווערען, דו מוזט דיך איצט לעגען אין בעט, וואָרום מאָרגען וועסטו דאָך דאַרפען פריה אויפשטעהן.

זי האָט געזעהן, אַז זיינע באַקען האָבען אָנגעהויבען גליהען און די אויגען פינקלען; און ווען זי האָט אָנגענומען זיינע הענד, אום איהם צו העלפען אויפשטעהן פון דיוואַן, זענען זיי געווען ברענענד־הייס.

---

ווי עס האָבען זיך נאָר אָנגעהויבען אויף צומאָרגענס ווייזען די ערשטע גרויע שטרייפען פון טאָג, איז פעליקס שוין וואַך געווען. ער האָט זיך געפונען אין דעם צושטאַנד פון דער פריידיגער אויפרעגונג, וואָס מ'בעמערקט געוועהנליך ביי אַ שול־קינד, ווען עס ווערט בעפרייט אויף דער צייט פון די זומער־מאָנאַטען. די גאַנצע צוויי שעה, ביז זיי האָבען געזאָלט פאָהרען צום באַהן, איז ער געזעסען אויפ'ן דיוואַן פאָלשטענדיג צוגעגרייט צו דער רייזע. מאַריאַ איז שוין אויך לאַנג פערטיג געווען. אָנגעטהון אין'ם גרויען שטויב־מאַנטעל און אויפ'ן קאָפּ דעם הוט מיט'ן בלויען שלייער, איז זי געשטאַנען ביי'ם פענסטער, אום צו זעהן, ווי עס וועט צופאָהרען דער פריהצייטיג בעשטעלטער עקיפּאַזש. פע־ליקס האָט אַלע פינף מינוט געפרעגט, צי ער איז שוין צוגעפאָרען. ער האָט אָנגעהויבען אונגעדולדיג ווערען, און פאַרגעלעגט, מ'זאָל שיקען נאָך אַנ'אַנדער עקיפּאַזש, אין מיטען אָבער האָט מאַריאַ אויסגערופען.

— אָט איז ער, אָט איז ער!

— הער, — האָט זי גלייך צוגעגעבען, — אַלפרעד איז אויך דאָ.

אַלפרעד איז ווירקליך געזעסען אין עקיפּאַזש אָנגעשפּאַרט אין ווינקעל. ער האָט זיך פריינדליך געגריסט מיט זיי אויבען און איז גלייך אַריין אין צימער.

— אָ, איהר זענט שוין פיקס און פערטיג, — האָט ער אויס־געשריען, — וואָס וועט איהר אַזוי פריה טהון אויפ'ן וואָקזאַל.

און דערצו נאָך, ווען איהר האָט שוין, ווי איך זעה, געפריהשטיקט אויך?

— פעליקס האָט שרעקליך קיין געדולד ניט, — האָט מאַריאַ געזאָגט.

אַלפרעד איז צוגעגאַנגען צום קראַנקען, וועלכער האָט צו איהם מונטער געשמייכעלט.

— דאָס וועטער צום פאָהרען איז אויסגעצייכענט, — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, איהר וועט האָבען זעהר גוט צום פאָהרען, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט. דערנאָך האָט ער גענומען פון טיש אַ שטיקעל טאָרט און געפרעגט:

— מ'קאָן דאָך?

— איהר האָט נאָך גאָרנישט געמוזט פריהשטיקען? — האָט מאַריאַ אויסגעשריען אונרוהיג.

— יאָ יאָ; אַ גלאָז קאָניאַק האָב איך אויסגעטרונקען.

— וואַרט אַ סעקונדע, אינ'ם קריגעל איז נאָך פערהאַן קאַווע. ניט לאַנג קלערענדיג, האָט זי איהם אָנגעגאָסען די געבליבענע קאַווע, און איז אַרויסגעלאָפען אין פאָדערצימער, אום דער דיענסט עפּעס צו זאָגען. אַלפרעד האָט לאַנג ניט אַוועקגענומען די גלאָז פון זיינע ליפּען: איהם איז שווער געווען צו בלייבען אַליין מיט זיין פריינד, און ער האָט קיין מוט ניט געהאַט אָנצוהויבען רעדען. נאָר אָט איז מאַריאַ צוריק אַריינגעקומען און אָנגעזאָגט, אַז דאָ אין וואָהנונג איז שוין קיין זאַך ניטשטאָ צו טהון. פעליקס האָט זיך אויפגעהויבען און איז דער ערשטער צו צום טהיר. ער האָט געטראָגען אויף זיך אַ גרויסען רייזע-מאַנטעל, אַ ווייכען, דונקעלען הוט אוים'ן קאָפּ און אין האַנד האָט ער געהאַלטען אַ שטעקען. אויף די טרעפּ האָט ער אויך געוואָלט זיין דער ערשטער; ווי אָבער ער'האָט דעם לעדן מיט'ן האַנד אָנגערירט, האָט ער אָנגעהויבען זיך וואַקלען, אַלפרעד מיט מאַריאַ'ן זענען גלייך צוגעלאָפען צו איהם און איהם אונטערגעהאַלטען.

— מיר שווינדעלט אַביסעל אין קאָפּ, — האָט פעליקס געזאָגט.

— דאָס איז דאָך גאַנץ נאַטירליך, — האָט זיך אַלפרעד

אָבגערופען. — ווען מ'טרעט אַרויס פון בעט נאָך אַזוי פיעל וואָכען ליעגען.

ער האָט גענומען דעם קראַנקען פאַר איין אָרעם, מאַריאַ פאַר'ן אַנדער'ן און אַזוי האָבען זיי איהם אַראָפּגעפיהרט. דער קוטשער פון עקיפּאַזש האָט, דערזעהענדיג דעם קראַנקען, אַראָפּ־גענומען דעם הוט.

ביי די פענסטער פונ'ם שטוב געגענאיבער האָבען זיך געזעהען עטליכע מיטלייַדיגע פרויען־געזיכטער. און ווען אַלפרעד מיט מאַריע'ן האָבען דעם טויט־בלאַסען מאַנספּערזאָן אַריינגעזעצט אין עקיפּאַזש, איז אויך דער פערוואַלטער פון הויז צוגעלאָפען, אום בעהילפיג צו זיין. ווען דער עקיפּאַזש איז שוין געהאַט אָבגעפאָהרען, האָבען זיך דער הויז־פערוואַלטער מיט די מיטלייַדיגע פרויען אַי־בערגעוואָרפען מיט פערשטענדיגע געריהרטע בליקען.

ביז דעם לעצטען קלונג, האָט אַלפרעד, שטעהענדיג אויפ'ן טרעט־ברעטעל פון וואַגאָן, געפלוידערט מיט מאַריאַ'ן. פעליקס האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל און אויסגעזעהן גלייכגילטיג צו אַלץ. ערשט דאַן, ווען ס'האָט זיך דערהערט דער ערשטער פייף פון לאָקאָמאָטיוו, איז ער צוריק אויפמערקזאַם געוואָרען, און גע־שאָקעלט מיט'ן קאָפּ צו'ם צייכען פון אָבשייד. דער צוג האָט זיך אָנגעהויבען ריהרען. אַלפרעד איז נאָך אַ ווייַלע שטעהן געבליעבען אויפ'ן פעררון און האָט איהם נאָכגעקוקט. דערנאָך האָט ער זיך פּאַמעליך געלאָזען געהן צוריק.

ווי נאָר דער צוג איז אָבגעגאַנגען פון וואָקזאַל, האָט זיך מאַריאַ געזעצט גאַנץ נאָהנט פון פעליקס'ן און איהם געפרעגט, צי ער וויל נישט עפּעס: זי זאָל עפנען די פלאַש קאָניאַק, זי זאָל איהם אַבּוך דערלאַנגען, צי זי זאָל איהם וואָס ס'איז פאָרלייענען פון דער צייטונג. ער האָט אויסגעזעהן פאַר אַזוי פיעל פריינדליכקייט איהר טיעף דאַנקבאַר צו זיין און האָט איהר געדריקט די האַנד. דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— ווען וועלען מיר זיין אין מעראַן?

און אַזוי ווי זי האָט נישט געוואוסט גענוי די צייטען, ווען דער באַהן קומט אָן, האָט ער זיך געלאָזען פאָרלייענען פון רייזע־בוך די וויכטיגסטע דאַטומס. ער האָט געוואָלט וויסען, אויף וועל־כער סטאַנציע זיי וועלען זיך געפינען אין דער מיטאָגס־צייט,

אויף וועלכער סטאַנציע עס וועט נאַכט ווערען, און זיך אינטערעסירט מיט אַ מאַסע אַזעלכע אויסערליכע זאַכען, צו וועלכע ער איז שטענדיג געווען גאַנץ גלייכגילטיג. ער האָט פּראָבירט בערעכנען, וויפיעל מענשען עס קאָנען זיך געפינען אינ'ם גאַנצען צוג און נאָכגעפרעגט, צי עס געפינען זיך נישט דאָ קיין יונגע „פּאָרלעך". שפּעטער עטוואָס, האָט ער געבעטען קאָניאַק, ער האָט אָבער דערנאָך אָנגעהויבען אַזוי צו הוסטען, אַז ער האָט ערגערליך אָנגעזאָגט מאַריאַ'ן, זי זאָל איהם נאָכאַמאָל אין קיין פאַל נישט געבען דאָס, אַפילו ווען ער וועט עס בעטען. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזען פאָרלייענען דעם מעטעראָלאָגישען בעריכט פון דער צייטונג און צופריעדען געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזען עפּעס אַ גינסטיגע פּראָאויסזאָגונג. זיי זענען פערבייגעפאָהרען דעם זעמערינג. ער האָט מיט אויפמערקזאַמקייט בעטראַכט די זיך ענדערענדע בילדער, וואָס האָבען זיך דאָ געזעהן; ער האָט זיך אָבער בענוגענט נאָר מיט שטילע אויסדריקען פון צופריעדענהייט, מיט אַזעלכע, ווי: „שען, זעהר שען", וועלכע עס האָט אינגאַנצען געפעהלט די בעטאָנונג פון פרייד. צו מיטאָג האָט ער עפּעס גענומען פון די קאַלטע שפּייזען, מיט וועלכע זיי האָבען זיך פערזעהן, און איז זעהר בייז געוואָרען, ווען מאַריאַ האָט איהם נישט געוואָלט געבען קיין קאָניאַק. זי האָט זיך ענדליך געמוזט ענטשליסען, איהם צו געבען אַ ביסעל. ער האָט איהם גאַנץ גוט פערטראָגען, איז געוואָרען פרישער און האָט אָנגעהויבען צו רעדען וועגען די פערשיעדענסטע זאַכען. און פון די שמועסען וועגען די בילדער וואָס זענען פערבייגעפלויגען די פענסטער פון קופּע, און וועגען דעם, וואָס ער האָט בעמערקט אויף די סטאַנציעס, איז ער גלייך איבערגעגאַנגען צו זיך אַליין:

— איך האָב געלייענט וועגען סאָמנאַמבולען, וועלכע זעהען אין חלום אַזעלכע הייל-מיטלען, אויף וועלכע קיין דאָקטאָר קאָן נישט איינפאַלען און מיט דער הילף פון וועלכע זיי ווערען געזונד. איך זאָג, אַז דער קראַנקער דאַרף פאָלגען זיינע נייגונגען.

— געוויס, — האָט מאַריאַ געענטפערט.

— דער דרום! די לופט פון דרום! זיי מיינען, אַז דער גאַנצער אונטערשיעד בעשטעהט נאָר אין דעם, וואָס דאָרט איז וואַרעם און עס זענען פערהאַן אַ גאַנץ יאָהר בלומען און

אפשר אויך מעהר אָזאָן און ס׳זענען נישטאָ קיין שטורעמס מיט קיין שנעען. ווער ווייס, וואָס עס שוועבט אין דער לופט פונ׳ם דרום! אפשר גאָר אַזעלכע געהיימניספולע שטאָפען, וועלכע מיר קאָנען נאָך גאָרנישט.

— דו וועסט דאָרטען בעשטימט געזונד ווערען, — האָט מאַריאַ געזאָגט, נעהמענדיג דעם קראַנקענס הענד און צופיהרענדיג זיי צו איהרע ליפען.

ער האָט נאָך ווייטער גערעדט וועגען די פיעל מאַלער, וועלכע מ׳בעגעגענט אין איטאַליען, וועגען דער בענקשאַפט, וועלכע האָט אַזוי פיעל קינסטלער און מלכים געטריעבען קיין רוים, און וועגען ווענעציע, וואו ער איז שוין איינמאָל געווען, נאָך מיט אַ לאַנגע צייט פריהער, איידער ער האָט זיך מיט מאַריאַ׳ן בעקאַנט. ענדליך איז ער מיעד געוואָרען, און איהם האָט זיך פערוואָלט אויסלעגען אין דער לענג אויף די שטוהלען פון קופּע. אַזוי איז ער געבליבען, אַממעהרסטען אין אַלייכטען דרעמעל פערזונקען, ביז אין אָבענד.

זי איז געזעסען איהם געגענאיבער און האָט איהם בעטראַכט. זי האָט זיך געפיהלט רוהיג, נאָר אַ מילדעס בעדויערן האָט איהר גענאָגט דאָס האַרץ. ער איז געווען אַזוי בלייך און אַזוי אַלט איז ער געוואָרען. אַה, ווי זיין שענעס געזיכט איז עס פערענדערט געוואָרען פון פריהלינג אָן! און דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער בלאַסקייט, נישט די, וועלכע ליעגט איצט אויך אויף איהרע באַקען, און מאַכט איהר געזיכט נאָך יונגער, מעדעלשער. מיט וויפיעל איז איהר דאָס איצט בעסער פון איהם! נאָך קיינמאָל איז איהר דער געדאַנק אַזוי דייטליך ניט פאָרגעקומען. פאַרוואָס איז איהר שמערץ ניט אַזוי פייניגענד! אַה, דאָס איז געווים נישט דערפאַר, וואָס זי פיהלט נישט אין זיך קיין מיטלייד; אין דעם איז איינפאַך שולדיג די אונבעגרענעצטע מידקייט, וועלכע לאָזט איהר נישט אָב שוין אַזוי לאַנג, אפילו אויך דאַן, ווען זי פיהלט זיך פרישער. זי האָט זיך געפרעהט מיט איהר מידקייט, וואָרום זי האָט זיך גע־שראָקען פאַר די שמערצען, וואָס וועלען קומען דאַן, ווען זי וועט אויפהערען מיעד צו זיין.

מאַריאַ האָט זיך פלוצלונג אַ חאַפּ געטהון פון דעם שלאָף, אין וועלכען זי איז פערזונקען געווען. זי האָט זיך אַרומגעקוקט: ס׳איז געווען כמעט אינגאַנצען דונקעל. דער שלייער איז געווען

אַריבערגעצויגען איבער'ן לאָמפּ, וואָס איז אַראָבגעהאַנגען פון סופית, און דער גאַנצער קופּע איז געווען פערגאָסען מיט אַ מאַט־גרינליכען גלאַנץ. און אין דרויסען, הינטער די פענסטער, איז נאַכט, נאַכט! ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי פאָהרען דורך אַ לאַנגען טונעל. פאַרוואָס האָט זי זיך אַזוי האַסטיג אַ האַפּ געטהון? ס'איז דאָך געווען כמעט גאַנץ שטיל, נאָר דאָס איינטאָניגע קלאַפּען פון די רעדער האָט זיך ווייטער געהערט. בּיסלעכווייז האָט זי זיך צוגעוועהנט צו דער מאַטער ליכטיגקייט, און איצט האָט זי ווידער געקאָנט בּעמערקען די געזיכטס־ציגע פונ'ם קראַנקען. ער האָט אויסגעזעהן גאַנץ רוהיג צו שלאָפען, און איז געלעגען אין ווינקעל אונבּעוועגליך. פּלוצלונג האָט ער טיעף אָבּגעזיפצט, אונרוהיג, יאָמערדיג. איהר האָט אָנגעהויבּען קלאַפּען דאָס האַרץ. ער האָט מסתמא פריהער אויך אַזוי געזיפצט, און דאָס האָט איהר אויפגעוועקט. אָבּער וואָס איז דאָס געווען? זי האָט זיך נעהנטער צוגעקוקט צו איהם. ער איז גאָר נישט געשלאָפען. מיט ווייט, ווייט־פונאַנדערגעעפענטע אויגען איז ער דאָ געלעגען, גאַנץ דייטליך האָט זי עס געקאָנט איצט זעהן. זי האָט זיך געשראָקען פאַר די אויגען, וועלכע האָבּען שטאַר געקוקט אינ'ם פּוסטע, אינ'ם ווייטע, אינ'ם דונקעלע. און ווידער אַ זיפץ, נאָך קליינגענדער פון דעם ערשטען. ער האָט זיך אַ רודער געטהון און ווידער אָבּגעזיפצט, נישט שמערצליך, גיכער ווילד. און פּלוצלונג האָט ער זיך אויפגעזעצט, אָנגעשפּאַרט זיך מיט בּיידע הענד אָן קישען, און אַראָבּשליידערנדיג פון זיך מיט די פיס דעם גרויען פּלאַשץ, מיט וועלכען ער איז געווען צוגעדעקט, פראָבּירט אויפשטעהן. די בּעוועגונגען פון צוג אָבּער, האָבּען איהם געשטערט, און ער איז צוריק געבּליבּען ליעגען אין ווינקעל. מאַריאַ איז אויפגעשפּרונגען און האָט געוואָלט אַרויפציהען דעם גרינעם שלייער פון לאָמפּ. זי האָט זיך אָבּער מיט איין מאָל הערפיהלט איינגעשלאָסען אין זיינע אָרעמס, און איצט האָט ער אַרויפגעצויגען דער זיך־טרייסלענדער צו זיך אויף די קניע.

— מאַריאַ, מאַריאַ! — האָט ער געזאָגט מיט אַ הייזעריגער שטימע.

זי האָט זיך געוואָלט פריי מאַכען, איהר איז עס אָבּער נישט געלונגען: ס'האָט אויסגעזעהן, אַז אַלע קרעפטען האָבּען זיך צוריקגעקעהרט צו איהם, און ער האָט זי שטאַרק צוגעפּרעסט צו זיך.

— די ביזט גרייט, מאַריאַ? — האָט ער געשעפּטשעט אין דער שטיל, האַלטענדיג זיינע ליפּען גאַנץ נאָהנט פון איהר האַלז. זי האָט קיין זאך נישט פערשטאַנען און געפיהלט נאָר אַ אונבעשרייבליכע אַנגסט. זי איז געווען שטילאָ, זי האָט געוואָלט שרייען.

— די ביזט גרייט? — האָט ער נאָכאַמאָל געפרעגט, האַלטענדיג איהר שוין שוואַכער עטוואָס, אַזוי אַז זי האָט געפיהלט זיינע ליפּען, זיין אָטעם און זיין שטימע ווייטער פון זיך און געקאָנט פריי אָטעמען.

— וואָס ווילסטו? — האָט זי געפרעגט מיט אַנגסט.

— די פערשטעהסט מיך נישט? — האָט ער איבערגעפרעגט.

— לאָז מיך, לאָז מיך, — האָט זי געשריען; איהר געשריי אָבער איז פערטויבט געוואָרען אינ'ם געראַוש פונ'ם שנעל־פליהענדען צוג.

ער האָט זיך אויף איהרע געשרייען נישט אומגעקוקט. זיינע הענד האָבען זיך אַראָבגעלאָזען, זי האָט זיך שנעל אַהויב געטהון פון זיינע קניע און אַוועקגעזעצט אינ'ם ווינקעל געגענאיבער.

— פערשטעהסטו די מיך נישט? — האָט ער ווידער געפרעגט.

— וואָס ווילסטו? — האָט זי געשעפּטשעט פון איהר ווינקעל אַרויס.

— אַ ענטפער וויל איך, — האָט ער ערקלערט.

זי האָט געשוויגען, זי האָט זיך געטרייסעלט, זי האָט געבענקט נאָכ'ן טאָג.

— די שעה רוקט זיך נעהנטער, — האָט ער שטילער געזאָגט, אָנבויגענדיג זיך צו איהר, אַזוי אַז זי האָט געקאָנט דייטליך הערען זיינע ווערטער. — איך פרעג דיך, צי די ביזט גרייט?

— וועלכע שעה?

— אונזער! אונזער!

זי האָט איהם פערשטאַנען. די אַנגסט האָט איהר צוזאַמענגעפרעסט דעם האַלז.

— געדענקסטו, מאַריאַ — האָט ער ווייטער גערעדט, און אין דעם טאָן פון זיין שטימע האָט זיך געפיהלט עטוואָס מילדעס, כמעט בעטענדעס. ער האָט גענומען איהרע ביידע הענד אין זיינע.

דו האָסט מיר אַ רעכט געגעבען, דיך אַזאַ פראַגע צו שטעלען, — האָט ער ווייטער געפליסטערט, — דערמאָהנסטו דיך דאָס?

זי איז אַביסעל צו זיך געקומען, וואָרום נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די ווערטער, וועלכע ער האָט גערעדט, זענען שרעקליכע געווען, האָבען דאָך זיינע אויגען אויפגעהערט צו קוקען אַזוי שטאַר און זיין שטימע האָט פערלוירען דעם שרעקענדען טאָן. ס'האָט אויסגעזעהען איצט, אַז ער בעט איהר עפּעס. און ער האָט ווידער געפרעגט, כמעט וויינענדיג:

— דערמאָהנסטו דיך?

דאָס מאָל האָט זי שוין געפונען די קראַפט איהם צו ענטפערן האָטש איהרע ליפּען האָבען געציטערט:

— וואָס'רע קינד דו ביזט, פעליקס!

ער האָט איהר, ווי ס'האָט אויסגעזעהען, גאָרנישט געהערט. מיט גלייכע טענער, אַזוי ווי ווען האַלבפערגעסענע זאַכען וואָלטען איהם צוריק קלאָר ווערען, האָט ער געזאָגט:

— עס רוקט זיך אָן די ענדע, און מיר מוזען אַוועק פון דאַנען, מאַריאַ; ס'איז אָנגעקומען אונזער צייט.

עטוואָס טרייבענדעס, בעשטימטעס און אונפערמיידליכעס איז געלעגען אין די ווערטער, וועלכע זענען אַזוי שטיל אַרויסגערעדט געוואָרען. וואָלט ער זי בעסער שרעקען; זי וואָלט זיך דאַן בעסער געקענט וועהרען. איין מינוט, ווען ער האָט זיך צוגערוקט נעהנטער צו איהר, האָט איהר בעהערשט אַ אונגעהויערע שרעק; איהר האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער וועט זיך אַרויפוואַרפען אויף איהר און זי דערשטיקען. זי האָט שוין אַ טראַכט געטאָן וועגען דעם, אָבצושפּרינגען פון דאַנען אין'ם אַנדערן ווינקעל פון קופּע, אויסצושלאָגען דעם פענסטער און רופען צו הילף. אין דעם זעלביגען מאָמענט אָבער, האָט ער אַרויסגעלאָזען איהרע הענד פון זיינע און זיך אָנגעשפּאַרט צוריק, אַזוי ווי ווען ער וואָלט נישט האָבען מעהר וואָס צו זאָגען.

דאַן האָט זי זיך אָבגערופען:

— וואָס רעדסטו אַזוינס, פעליקס! איצט, ווען מיר פאָהרען אין דרום, וואו דו וועסט פאָלקאָם געזונד ווערן.

ער איז געזעסען אָנגעשפּאַרט אויף הינטען און אויסגעזעהען ווי פערזונקען אין זיינע געדאַנקען. זי איז אויפגעשטאַנען און האָט

שנעל אַוועקגערוקט דעם גרינגעם שלייער פון לאָמפּ. אָה, ווי גוט איהר איז געוואָרען! ס'איז מיט איין מאָל ליכטיג געוואָרען, איהר האַרץ האָט אָנגעהויבען לאַנגזאַמער צו קלאַפּען, און איהר שרעק איז פערשוואונדען געוואָרען. זי האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אין איהר ווינקעל; ער האָט געקוקט אויף דר'ערד און דערנאָך אויפגעהויבען די אויגען צו איהר.

— מאַריאַ, האָט ער לאַנגזאַם געזאָגט, מיך וועט די ליכטיגקייט שוין נישט פערבלענדען און דער דרום אויך נישט. היינט האָב איך עס פערשטאַנען.

פאַרוואָס רעדט ער איצט אַזוי רוהיג, האָט מאַריאַ געטראַכט. וויל ער מיך נישט אַמאָל איינוויעגען מיט דעם זיכערן טאָן זיינעם? שרעקט ער זיך נישט אַמאָל דערפאַר, טאָמער וועל איך פּראָבירען מיך ראַטעווען? און זי האָט בעשלאָסען ביי זיך, פאָרזיכטיג צו זיין. זי האָט נישט אויפגעהערט צו קוקען אויף איהם, זי האָט זיך נישט איינגעהערט מעהר, וואָס ער רעדט, און נאָכגעקוקט יעדען ריהר, יעדען בליק זיינעם. ער האָט געזאָגט:

— דו ביזט דאָך פריי, דיין שבועה זאָגאַר פערבינדט דיך אויך נישט. קען איך דען דיך צווינגען? — דו ווילסט מיר די האַנד נישט געבען?

זי האָט איהם געגעבען די האַנד, אָבער אַזוי, אַז איהרע איז געלעגען איבער זיינער.

— וואָלט שוין אַמאָל טאָג געוואָרען! — האָט ער געפליסטערט.

— איך וועל דיר עפּעס זאָגען, פעליקס, — האָט מאַריאַ זיך אָנגערופען, — פּראָביר נאָך אַביסעל שלאָפען! באַלד וועט טאָג ווערן; אין עטליכע שעה אַרום וועלן מיר אָנקומען אין מעראַן.

— איך קען מעהר נישט שלאָפען! — האָט ער געענטפערט און אויפגעהויבען די אויגען. אין דער סעקונדע האָבען זיך זייערע בליקען בעגעגענט. ער האָט געמערקט אין איהר בליק דאָס פערדעכטיגע, לויערנדע און אין דעם זעלביגען מאָמענט איז איהם אַלץ קלאָר געוואָרען. זי האָט איהם געוואָלט ברענגען צום שלאָפען, אום צו קענען אויף דער נעהנסטער סטאַנציע אונבעמערקט אַראָבגעהן און אַנטלויפען פון איהם.

— וואָס טראַכסטו צו טאָן? — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

איהר איז אַ שוידער דורכגעלאָפען איבער'ן לייב.

— גאָרנישט.

ער האָט פּראָבירט אויפשטעהן. ווי זי האָט דאָס בּעמערקט, איז זי אַנטלאָפען פון איהר ווינקעל אין אַנדערן, ווייט פון איהם.

— לופט! — האָט ער געשריען, — לופט!

ער האָט אויפגעעפענט דעם פענסטער און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער נאַכט־לופט. מאַריאַ האָט זיך בּערוהיגט: איהם האָט פערפעהלט לופט צום אָטעמען, און דאָס האָט איהם געטריבּען זיך אויפצוהויבען. זי איז ווידער צוגעגאַנגען צו איהם און האָט איהם פאָרזיכטיג אָבּגעצויגען פון פענסטער.

— דאָס קען דאָך נישט דיר לייכטער מאַכען, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט זיך צוריק אַראָבּגעלאָזען אין זיין ווינקעל, שווער אָטעמענדיג. זי איז געבּליבּען אַ ווײַלע שטעהן נעבּען איהם, מיט איין האַנד אָנגעשפּאַרט אָן דעם ראַנד פון פענסטער, דערנאָך האָט זי זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף איהר פריהערדיגען פּלאַץ איהם געגענאיבּער. נאָך אַ קורצע ווײַלע האָט זיך זיין אָטעם בּערוהיגט; אַ לייכטעס שמייכעלע האָט זיך אַ שפּיעל געטאָן אויף זיינע ליפּען. זי האָט איהם אָנגעקוקט, פערלעגען, מיט אַנגסט.

— איך וועל פערמאַכען דעם פענסטער, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— דער מאָנגענשטערן! דער מאָרגענשטערן! — האָט זי אויסגערופען.

אויפ'ן האָריזאָנט האָבּען זיך געוויזען גרוי־רויטליכע שטרייפען.

לאַנג זענען זיי בּיידע געזעסען שווייגענדיג איינער אַנטקעגען אַנדערן. ענדליך האָט ער אָנגעהויבען רעדען, און יענס שמייכעלע האָט זיך געשפּיעלט אַרום זיין מויל:

— דו בּיזט נישט גרייט!

זי האָט איהם געוואָלט ענטפערן וואָס ס'איז אויף איהר שטיינער, אַז ער איז אַ קינד אָדער דעסגלייכען, זי האָט אָבּער נישט געקענט. זיין שמייכעל האָט איהר נישט געלאָזען ענטפערן.

דער צוג האָט אָנגעהויבּען פאָהרען לאַנגזאַמער. אין צוויי דריי מינוט אַרום זענען זיי צוגעקומען צו דער פריהשטיק־סטאַנציע. אויפ'ן פּעררשאָן זענען אַרומגעלאָפען קעלנער מיט קאַווע און געבּעקס. אַ סך רייזענדע זענען אַרויס פון וואַגאָן; ס'איז געוואָרען אַ ליאַרם און אַ רומפעריי. מאַריאַ האָט זיך געפיהלט ריכטיג, ווי ווען זי וואָלט זיך אויפהאַפּען פון אַ שווערען חלום. דער דאָזיגער טומעל פון וואָק־

זאל איז איהר זעהר אנגענעם געווען. מיט א געפיהל פון פאלקאמענער זיכערקייט האט זי זיך אויפגעהויבען און ארויסגעקוקט אויס'ן פענסטער. ענדליך האט זי צוגעוואונקען א קעלנער און זיך געלאזען אריינדערלאנגען א טאץ קאווע. פעליקס האט געקוקט, ווי זי טרינקט די קאווע; ער האט אבער געשאקעלט מיט'ן קאפ אויף ניין, ווען זי האט איהם אויך געוואלט געבען.

באלד דערנאך האט זיך דער צוג ווידער אנגעהויבען בעוועגען, און ווען זיי זענען ארויסגעפאהרען פון דער באהן-האללע איז שוין געווען גוט ליכטיג. און שען! און דארט ווייט האבען זיך געזעהען די בערגער, בעגאסען מיט דער פריהמארגענדיגער רויטקייט! מאריא האט בעשלאסען ביי זיך, שוין קיינמאל זיך ניט צו שרעקען מעהר פאר דער נאכט. פעליקס האט געקוקט די גאנצע צייט אין פענסטער, און האט, ווי ס'האט אויסגעזעהען, געזוכט אויסצומיידען איהרע בליקען. איהר האט זיך געדאכט, אז ער מוז זיך שעמען אביסל פאר די מעשים פון דער פערגאנגענער נאכט. דער צוג האט זיך נאך עטליכע מאל אבגעשטעלט, און עס איז געווען א שענער, זומערדיג-ווארעמער פריהמארגען, ווען ער איז אריינגעפאהרען אין דער האללע פון מעראן.

— מיר זענען שוין אין מעראן! — האט מאריא אויסגערופען, — ענדליך! ענדליך!

---

זיי האבען גענומען א עקיפאזש און זענען ארומגעפאהרען, אום זיך אויסצוזוכען א פאסענדע וואוינונג.

— שפארען דארפען מיר ניט, — האט פעליקס געזאגט. — מיין פערמעגען וועט נאך גענוג זיין אויף לאנג.

ביי עטליכע וויללעס האבען זיי געהייסען דעם קוטשער זיך אבשטעלען, און ווען ער איז געבליעבען אין עקיפאזש, האט מאריא בעזעהען די וואוינונגען און די גערטנער. באלד האבען זיי זיך אויסגעפונען א פאסענדע וואוינונג. דאס איז געווען א גאנץ קליין הייזעל, א איין-עטאזשיגעס, מיט א קליינעם גארטען. מאריא האט געבעטען דער פערדינגערין פון דעם הייזיל, זי זאל ארויסגעהן מיט איהר אין דרויסען, אום צו ערקלערען דעם יונגען מאן, וואס זיצט אין עקיפאזש די פערשידענע מעלות פון דער וויללא. פעליקס האט אויך

אלין איינגעשטימט, און אין עטליכע מינוט ארום האט דאס פאר איבערגענומען די ווילא.

פעליקס, נישט נעהמענדיג קיין אנטייל אין די טענות וועגען פערשיעדענע ווירטשאפטליכע קלייניגקייטען, וואס האבען אינטערעסירט מאריא'ן, איז גלייך אריין אין שלאפצימער, און האט איהם פלינק בעטראכט. דאס איז געווען א גערוימעס און פריינדליכעס צימער, מיט זעהר ליכטיגע, גרינליכע טאפעטען און איין גרויסען פענסטער, וואס איז איצט געשטאנען אפען, אזוי אז דאס גאנצע צימער איז געווען אנגעפילט מיט דעם ריח פון גארטען. נעבען דעם פענסטער זענען געשטאנען די בעטען; פעליקס איז געווען אזוי מיעד, אז ער האט זיך גלייך אווארף געטאן אויף איינס פון זיי.

אונטער דער צייט האט זיך מאריא געלאזען ארומפיהרען פון דער פערדינגעריין און האט זיך בעזונדער געפרעהט מיט'ן גארטען, וואס איז געווען ארומגעצוימט מיט א הויכען צוים און אין וועלכען מ'האט געקענט דורך א הינטער-טהירל אריינגעהן, גארנישט דורכגעהענדיג די שטוב. הינטער דעם צוים האט זיך געצויגען א ברייטער וועג צום וואקזאל, וועלכער איז געווען גלייכער און קירצער פון דעם וועג, אויף וועלכען ס'האט זיך געפונען דער פאסאד פון שטוב.

ווען מאריא איז ווידער אריינגעקומען אין דעם צימער, אין וועלכען זי האט פעליקס'ן געלאזען, האט זי איהם געפונען ליגענדיג אויפ'ן בעט. זי האט איהם גערופען; ער האט נישט געענטפערט. זי איז צוגעגאנגען נעהנטער צו איהם: ער איז געווען נאך בלאסער, ווי ביז אהער. זי האט איהם ווידער גערופען — קיין ענטפער: — ער האט זיך נישט גערירט. א שרעקליכע אנגסט האט איהר ארומגענומען, זי האט אריינגערופען דער פרוי און געשיקט איהר נאך א דאקטאר. ווי נאר די פרוי איז ארויסגעגאנגען, האט פעליקס די אויגען געעפענט. אין דער מינוט אבער, ווען ער האט געוואלט אנהויבען עפעס צו רעדען, האט ער זיך אויפגעהויבען מיט א שמערצליך-פערקרימטען געזיכט, איז צוריק אראבגעפאלען אויפ'ן קישען און האט אנגעהויבען הארהלען מיט'ן האלז. פון זיינע ליפען האט אראבגערונען עטוואס בלוט. מאריא האט זיך איינגעבויגען איבער איהם ראטלאז, פערצווייפעלט. דערנאך איז זי צוגעלאפען צום טהיר, זעהן, צו דער דאקטאר געהט נאך נישט, איז ווידער צו צוריק

צו אִיהם און האָט אויסגעשריִען זײַן נאָמען. „אַה, ווען אַלפרעד וואָלט עס דאָ זײַן״! — האָט זי געטראַכט.

ענדליִך איז געקומען דער דאָקטאָר, אַ עלטערער מענש מיִט גרויע באַקען־בערד.

— העלפט! העלפט! — האָט אִיהם מאַריאַ אַנטקעגענגעשריִען. דערנאָך האָט זי אִיהם ערקלערט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, אויף וויפיִעל זי האָט עס געקענט בעוויַיזען אִין איהר אויפגערעגטען צושטאַנד. דער דאָקטאָר האָט בעטראַכט דעם קראַנקען, אִיהם אויסגעהערט דעם פּולס, געזאָגט, אַז איצט, גלײַך נאָך דעם בלוטשטורץ, קען ער אִיהם ניִשט אונטערזוכען, און האָט אַיינגעאָרדענט דאָס נויטיִגסטע. מאַריאַ האָט אִיהם אַרויסבעגלייִט, און געפרעגט, וואָס זי האָט צו ערוואַרטען.

— דאָס קען איך נאָך ניִשט זאָגען, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, — אַ קלייִן ביִסעלע געדולד! מיִר דאַרפען האָפען!

ער האָט צוגעזאָגט נאָך הײַנט אִין אָבענד נאָכאַמאָל צו קומען, און האָט זיִך פון עקיִפּאַזש אַרויס אַזוי פרײַנדליִך און פרײַ געזעגענט מיִט מאַריאַ׳ן, וועלכע איז געבליִבען שטעהן אויפ׳ן שוועל, ריִכטיִג ווי ווען ער וואָלט איהר דאָ האָבען געמאַכט אַ געוועהנליִכען וויזיִט.

מאַריאַ איז אַיין סעקונדע געבליִבען שטעהן דאָ ראַטלאָז; באַלד אָבער איז איהר אַיינגעפאַלען אַ געדאַנק, וועלכער האָט איהר געשײַנט אַ הילף צו ברענגען, און זי איז געשוויִנד געלאָפען אויף די פּאָסט, אום אַוועקצושיִקען אַ טעלעגראַמע צו אַלפרעד׳ן. נאָכדעם, ווי זי האָט די דעפּעשע אָבגעשיִקט, האָט זי געפּיהלט אַ פערגריִנגערונג. זי האָט געדאַנקט דער פרוי, וועלכע האָט זיִך בעמיהט נעבען קראַנקען אִין דער צײַט, וואָס זי איז ניִשט געוועזען; האָט זיִך ענטשולדיִגט פאַר דער אונאַנגענעמליִכקײַט, וואָס מ׳האָט איהר דאָ פערשאַפט גלײַך דעם ערשטען טאָג, און צוגעזאָגט, ניִשט צו פערגעסען איהר די טובה.

פעליִקס איז נאָך אַלץ געלעגען, אַ אָנגעטהוענער, אָהן בעוואוסטזײַן אויפ׳ן בעט אויסגעצויגען, זײַן אָטעם אָבער איז רוהיִג געוואָרען. ווען מאַריאַ האָט זיִך אַהעקגעזעצט אויפ׳ן בעט דעם קראַנקען צוקאָפּענס, האָט איהר די פרוי געטרייִסט; דערצעהלט פון אַ סך שווערקראַנקע, וועלכע זענען אִין מעראַן געזונד געוואָרען און וועגען דעם,

אַז זי אַליין האָט אויך אין דער יוגענד געליטען, און האָט זיך דאָ — ווי מ'קען זעהען אָן איהר — וואונדערבאַר ערהאָלט. דערביי זענען איהר איבערהויפּט אַ סך אונגליקען געשעהען. איהר מאַן איז געשטאָרבען צוויי יאָהר נאָך דער חתונה, די זיהן וואַלגערן זיך ערגעץ אַרום, — יאָ, אַלץ האָט געקענט אַנדערש זיין, נאָר איצט פיהלט זי זיך גליקליך, וואָס זי האָט געקריגען די שטעלע דאָ אין דעם הויז. אויף דעם בעזיצער פון הויז איז זיך נישטאָ וואָס צו קלאָגען; ער קומט העכסטענס צוויי מאָל אין מאָנאַט פון באָזען, אום צו זעהן, צי אַלץ איז אין אָרדנונג. אַזוי האָט זי אָבגעפּלוידערט וועגען טויזענדער פערשיעדענע זאַכען און איז געווען פול מיט פריינדליכקייט. זי האָט זיך אָנגעבאָטען, דעם קאָרב אויסצופּאַקען, און מאַריאַ האָט דעם פאָרשלאַג מיט דאַנק אָנגענומען; דערנאָך האָט זי געבראַכט דעם מיטאָג אין צימער. מילך פאַר'ן קראַנקען איז שוין געשטאַנען גרייט, אין די לייכטע בעוועגונגען, וואָס האָבען זיך געלאָזען בעמערקען ביי'ם קראַנקען, האָבען אָנגעזאָגט, אַז ער וועט באַלד צו זיך קומען.

ענדליך איז פעליקס ווידער צום בעוואוסטזיין געקומען, האָט עטליכע מאָל אומגעווענדעט דעם קאָפּ אַהין און אַהער און אָבגעשטעלט זיין בליק אויף מאַריאַ'ן, וועלכע האָט זיך אָנגעבויגען איבער איהם. ער האָט געשמייכעלט און שוואַך געדריקט איהר די האַנד.

— וואָס אַזוינס איז עס געווען מיט מיר? — האָט ער געפרעגט.

דער דאָקטאָר, וועלכער איז נאָך מיטאָג ווידער געקומען, האָט איהם געפונען פיעל בעסער און פעראָרדענט, מ'זאָל איהם אויסטאָן און אַריינלעגען אין בעט. פעליקס האָט גלייכגילטיג געלאָזען טאָן מיט זיך אַלץ.

מאַריאַ איז נישט אָבגעגאַנגען אַ טריט פון קראַנקענ'ס בעט. אַח, וואָס'רע אונענדליכער נאָכמיטאָג דאָס איז געווען! דורכ'ן פענסטער, וועלכעס איז געבליבען, אויף דעם דאָקטאָר'ס אויסדריקליכען בעפעהל, שטעהן אָפען, האָבען זיך אַריינגעריסען אין צימער די מילדע ריחות פון גאָרטען, — און אַזוי שטיל איז דאָ געווען! מאַריאַ האָט זיך מעכאַניש צוגעקוקט צו די זונענשטראַהלען, וואָס האָבען זיך געשפּיעלט אויפ'ן פּאָדלאָגע, און פעליקס האָט די גאַנצע צייט געהאַלטען איהר האַנד אַרומגענומען. זיינע הענד זענען געווען קיהל און

פייכט, און האבען ארויסגערופען ביי מאריא'ן א אונאנגענעמע עמפפינדונג. אפטמאל האט זי איבערגעריסען די שווייגעניש מיט א פאר ווערטער, צו וועלכע זי האט זיך אייגענטליך געמוזט צווינגען.

— דיר איז שוין איצט בעסער, ניין? נו, אט זעהסטו!... מ'דארף נישט רעדען!... דו טארסט נישט!... איבערמארגען וועסטו שוין קענען געהן אין גארטען!

ער האט געשאקעלט מיט'ן קאפ און געלאכט. דערנאך האט מאריא בערעכענט, ווען אלפרעד קען קומען. מארגען אין אבענד קען ער דא זיין. אלזא נאך איין נאכט און איין טאג. ווען ער וואלט עס דא זיין!

ס'האט זיך גערעכט, אז דער נאכמיטאג וועט זיך שוין קיינמאל נישט ענדיגען — אזוי לאנג האט ער זיך געצויגען. די זון איז פערשוואונדען געווארען און אין צימער אליין האט שוין אויך אנגעהויבען דונקעל צו ווערען; ווען מאריא אבער האט ארויסגעקוקט אין גארטען האט זי נאך געזעהען אויף די וייסע זאמד-וועגען און דארט אויף די שפיצען גראזעס פון צוים זיך גליטשענדיג די געלבליכע זונען-שטראהלען. פלוצלונג, ריכטיג אין דער מינוט, וואס זי האט ארויסגעקוקט אין דרויסען, האט זי דערהערט דעם קראנקענ'ס שטימע רופענדיג:

— מאריא!

זי האט זיך געשווינד אומגעווענדעט צו איהם מיט'ן קאפ.

— איצט איז מיר פיעל בעסער, — האט ער גאנץ הויך געזאגט.

— דו דארפסט נישט רעדען הויך, — האט זי איהם צערטליך געווארנט.

— פיעל בעסער, — האט ער געפליסטערט אין דער שטיל. — דאס איצטיגע מאל איז אריבער גאנץ גוט; אפשר איז עס געווען דער קריזיס.

— געוויס! — האט מאריא בעשטעטיגט.

— איך לעג א סך האפנונג אויף דער גוטער לופט. קוים אבער וועט עס נאכאמאל פארקומען — בין איך פערלוירען.

— דו זעהסט דאך אבער, אז דו פיהלסט דיך שוין ווידער פריש און מונטער.

— דו ביזט א וואוילע, מאריא; איך דאנק דיר. נאר זעה,

בּפלעג מיך גוט. גיעב אַכטונג אויף מיר, גיעב אַכטונג!

— דו דאַרפסט עס מיר דען זאָגען? — האָט זי געענטפערט מיט אַ לייכטער פּרעטענזיע.

ער אָבער האָט ווייטער געפּליסטערט:

— וואָרום קוים וועל איך מוזען שטאַרבען, וועל איך דיך מיטנעהמען.

אַטוידטליכע אַנגסט האָט איהר דורכגעשוידערט, ווען ער האָט דאָס אַרויסגערעדט. פאַרוואָס עפּעס? פון זיין זייט איז דאָך איהר איצט קיין שום געפאַהר נישט פאָרגעשטאַנען — ער איז דאָך געוועזען צו שוואַך, אום איהר צו קענען עפּעס טאָן. זי איז איצט געוועזען צעהן מאָל שטאַרקער פון איהם. וועגען וואָס האָט ער עס געקאָנט טראַכטען? וואָס האָט ער געזוכט מיט זיינע אויגען אין דער לופט, אויפ'ן וואַנט, אינ'ם לעדיגען רוים? ער האָט זיך נישט געקאָנט אַפילו אויפהויבען און האָט קיין געוועהר נישט. אָבער אפשר גיפט. ער האָט זיך געקאָנט איינשאַפען ערגעץ גיפט, אפשר טראָגט ער עס ביי זיך און האָט עס געוואָלט איהר אַריינשיטען אינ'ם גלאָז, פון וועלכען זי האָט געטרונקען. וואו אָבער האָט ער עס געקאָנט בעהאַלטען? זי אַליין האָט דאָך איהם געהאָלפען אויסטהון.

אפשר האָט ער אַמאָל דעם פּראָשעק ביי זיך אין בּריעף־קעשענע? ניין, ניין! ניין! דאָס איז געוועזען נישט מעהר, ווי גערעדט פון היץ, אָדער ער האָט איהר געוואָלט פּייניגען אַביסעל, מעהר גאָרנישט... אויב אָבער דאָס פיבער האָט געקאָנט אַרויסרופען ביי איהם אַזעלכע ווערטער און אַזעלכע געדאַנקען, פאַרוואָס־זשע זאָל דאָס איהם ניט ברענגען אויך צו טהאַטען? אפשר וועט ער זיך טאַקע בענוצען מיט דעם מאָמענט, ווען זי וועט שלאָפען, אום איהר צו דערשטיקען? דערצו דאַרף מען דאָך קיין סך כח נישט האָבען. זי קאָן גלייך בלייבען אָהן קרעפטען, און דאַן איז זי שוצלאָז. אָה! זי וועט היינט ביינאַכט נישט שלאָפען... און מאָרגען וועט שוין אַלפרעד זיין!...

דער אָבענד האָט זיך אַוועקגערוקט, ס'איז געוואָרען נאַכט. פעליקס האָט נישט גערעדט מעהר קיין וואָרט; דאָס שמייכעל אָבער איז אויך אינגאַנצען פערשוואונדען געוואָרען פון זיינע ליפּען. מיט איין און דער זעלביגער טריבער ערנסטקייט האָט ער כּסדר געקוקט

פאַר זיך אינים רוים. ווען עס איז דונקעל געוואָרען, האָט די פרוי אַריינגעבראַכט ברענענדע ליכט און האָט זיך געקליבען אויסצובעטען דאָס בעט, וואָס איז געשטאַנען נעבען דעם בעט פון קראַנקען. מאַריאַ האָט איהר אַוואונק געגעבען מיט'ן האַנד, אַז מ'דאַרף דאָס נישט. פעליקס האָט עס בעמערקט.

— פאַרוואָס נישט? — האָט ער געפרעגט. און גלייך צוגעגעבען: — דו ביזט צו גוט, מאַריאַ; נעהם און לעג דיך שלאָפען; איך פיהל מיך דאָך בעסער.

איהר האָבען געקלונגען די ווערטער, ווי אַ גיפטיגע איראָניע. זי האָט זיך נישט געלעגט שלאָפען. די דאָזיגע לאַנגע, שטומע נאַכט האָט זי פערבראַכט נעבען זיין בעט, נישט פראָבירענדיג אפילו אַ אויג צוטהון. פעליקס איז כמעט די גאַנצע צייט געלעגען רוהיג. אָפטמאָל איז איהר איינגעפאַלען אַ קלאָר צו טהון, צי ער מאַכט זיך נישט אַמאָל שלאָפענדיג, אום איהר אָבצונאַרען. זי האָט זיך נעהנטער צוגעקוקט צו איהם; צוליעב דעם פינקלענדען פייער פון די ליכט, האָבען זיך אָבער אויסגעוויזען אַזעלכע צוקענדיגע בעוועגונגען ביי'ם קראַנקען אַרום די ליפען און אַרום די אויגען, וועלכע האָבען איהר צוטומעלט. איינמאָל איז זי צוגעגאַנגען צו'ם פענסטער און אַרויסגעקוקט אין גאָרטען, וועלכער איז געווען פערצויגען מיט אַ מאַט-בלויער גרויקייט. און ווען זי האָט אַביסעל אַרויסגעשטעקט דעם קאָפ און אַרויפגעקוקט אין דער הויך, האָט זי געקאָנט זעהן דער לבנה, וועלכע האָט אויסגעזעהן איצט, ווי זי וואָלט שוועבען גלייך איבער די בוימער. אין דער לופט האָט זיך קיין זאַך נישט גערירט, און אין דער אונענדליכער שטילקייט און אונבעוועגליכקייט, וועלכע האָט איהר אַרומגעהילט, האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז די גראַטעס פונ'ם צוים, וועלכע זי האָט געקאָנט גאַנץ דייטליך בעמערקען, האָבען זיך פאַמעליך בעוועגען פאָראויס און זענען דערנאָך ווידער שטעהן געבליבען. נאָך אַ האַלבע נאַכט האָט זיך פעליקס אויפגעהאַפט. מאַריאַ האָט איהם צורעכט געמאַכט די קישענס און אין דער זעלביגער צייט, ווי אונטערגעבענדיג זיך עפעס אַ פלוצלונגען איינפאַל, האָט זי געזוכט מיט די פינגער און געקוקט, צי ער האָט נישט אַמאָל בעהאַלטען, וואָס ס'איז אונטער'ן קישען. איהר האָט געקלונגען אין די אויערן: „איך וועל דיך מיטנעהמען מיט זיך!" אין דער אמת'ן אָבער,

וואָלט ער עס האָן געזאָגט, ווען ער וואָלט טאַקע מיינען ערנסט דאָס צו טהון? ווען ער וואָלט איבערהויפּט נאָך פעהיג זיין, זיך מיט אַזעלכע פּלענער צו בעשעפטיגען? פאַר אַלעמען וואָלט איהם דאָן דאָך איינגעפאַלען, זיך ניט אַרויסצוגעבען. ס'פערשטעהט זיך, דאָס איז טאַקע געווען פון איהר זייט נישט מעהר, ווי אַ קינדעריי, אַריינצופאַלען אין אַ שטענדיגען פחד פאַר אַזעלכע צופּלאָנטערטע פאַנטאַזיעס פון אַ קראַנקען. איהר האָט זיך פערוואָלט שלאָפען און זי האָט אָבגערוקט איהר שטוהל ווייט פון בעט — פאַר יעדען פאַל. זי האָט אָבער נישט געוואָלט אַנטשלאָפען ווערען! איהרע געדאַנקען נאָר האָבען אָנגעהויבען צו פערלירען זייער קלאָרקייט, און פון דעם ליכטיגען בעוואוסטזיין פון טאָג, האָבען זיי זיך איבערגעטראָגען אין דער הונקעלקייט פון גרויע הלומות. ס'זענען אַרויפגעשוואומען פערשידענע ערּאינערונגען, — ערּאינערונגען וועגען די טעג און די נעכט פון דעם בליהענדען גליק; וועגען יענע צייטען, ווען ער האָט איהר געהאַלטען איינגעשלאָסען אין זיינע אָרעמס, וועהרענד זייער צימער איז פול געווען מיט דעם הויך פון יונגען פריהלינג. זי האָט געהאַט די נישט־קלאָרע עמפּפינדונג, אַז דער שמעקעדיגער ריח וואַגט נישט זיך אַריינצורייסען אַהער. אום זיך אָנצוטרינקען מיט דעם ריח, מוז זי ווידער צום פענסטער צוגעהן; פונ'ם קראַנקענ'ס פּייכטע האָר האָט אויסגעזעהן זיך צו ציהען אַ זיסליכער, שלעכטער ריח מיט וועלכען ס'איז דורכגעדרונגען געוואָרען די גאַנצע לופט פון צימער. וואָס איז?... אַה, ווען דאָס וואָלט שוין אַריבער! יאָ, אַריבער! זי האָט זיך איצט נישט דערשראָקען פאַר דעם געדאַנק, און זי האָט איהם אויסגעדריקט מיט די נאַהעשע ווערטער, וועלכע פערוואַנדלען דעם שטאַרקסטען פערלאַנג אין פאַלשען מיטלייד: „ווען ער וואָלט שוין אויסגעלייזט ווערען דערפון!"... און דאַן וואָס? זי האָט זיך געזעהן זיצענדיג אויף באַנק אונטער אַ הויכען בוים דאָ אים גאָרטען, בלאַס און פערוויינט. די דאָזיגע צייכענס פון טרויער זענען אָבער נאָר ביי איהר אויפ'ן פנים געלעגען. איבער איהר נשמה איז אויסגעגאָסען געוואָרען אַזאַ פריידיגע רוהיגקייט, וועלכע זי האָט שוין לאַנג, לאַנג נישט געשפּירט. און דערנאָך האָט זי געזעהן, ווי די געשטאַלט, וועלכע איז געווען זי אַליין, הויבט זיך אויף, געהט אַרום אין גאַס און לאָזט זיך אַוועק פאַמעליך ערגעץ־וואו ווייט. ווארום איצט האָט

זי דאָך שוין געקאָנט געהן, וואוהין זי האָט געוואָלט.

ניִשט קוקענדיג אָבער אויף די דאָזיגע הלומות, איז זי דאָך געווען וואַכענדיג געווג, אום נאָכצושפּירען דעם אָטעם פון קראַנקען, וועלכער האָט זיך אָפּט געהערט, ווי אַ זיפץ. ענדליך האָט זיך פּאַמעליך דערנעהנטערט דער פריהמאָרגען. גלייך ביי די ערשטע גרויע שטרייפען האָט זיך געוויזען אין טהיר די פרוי און פריינדליך פאַרגעלעגט, אומצובייטען מאַריאַ'ן אויף עטליכע שעה.

דעם פאָרשלאַג האָט מאַריאַ אָנגענומען מיט אַ אמת'ער שמחה. וואַרפענדיג אַ פלינקען בליק אויף פעליקס'ן האָט זי פערלאָזען דעם צימער און איז אַריין אין נעבען־צימער, וואו מ'האָט זיך געקאָנט בעקוועם אויסרוהען אויפ'ן דיוואַן, וואָס איז דאָרט געשטאַנען. אַה! ווי גוט איהר איז דאָ געווען! אַ אָנגעטהוענע האָט זי זיך אַרויפגעוואָרפען אויפ'ן דיוואַן און פערמאַכט די אויגען.

---

זי האָט זיך אויפגעהאַפּט ערשט אין עטליכע שעה אַרום אַ אַנגענעמע האַלבע דונקעלהייט האָט איהר איינגעהילט. דורך די שפּאַלטען פון די פערמאַכטע פענסטער־לאָדען האָבען זיך אַריינגעריסען נאָר עטליכע לאַנגע זונענשטראַהלען. זי האָט זיך שנעל אויפגעהויבען און זיך גלייך דערמאָהנט, וואָס ס'איז פאָרגעקומען. היינט דאַרף אַלפרעד קומען! דאָס האָט איהר צוגעגעבען מונטערקייט און געלאָזען קוקען גלייך אין די אויגען דער טריבער שטימונג פון די קומענדיגע שעה'ן. ניִשט קלערענדיג איז זי אַריין אין שלאָפצימער, און ווען זי האָט אַ עפען געטאָן די טהיר, איז זי איין סעקונדע געבליבען שטעהן אַ פערבלענדעטע פון דער ווייסער דעקע, וועלכע איז געלעגען אויסגעשפּרייט איבער'ן קראַנקענס געלעגער. דערנאָך אָבער האָט זי בעמערקט דער פרוי, וועלכע האָט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל און איז, צולעגענדיג אַ פינגער צום מויל, איהר אַנטקעגען געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער.

— ער שלאָפט פעסט, — האָט זי געפליסטערט און דערנאָך ווייטער דערצעהלט, אַז ביז פאַר אַ שעה צוריק איז ער געלעגען אַ וואַכעדיגער אין אַ שטאַרקען פיעבער און האָט עטליכע מאָל זיך געפרעגט אויף דער „גנעדיגער פרוי". גלייך אין דער פריה איז

דער דאָקטאָר דאָ געוועזען און האָט געפונען דעם קראַנקען אין דער זעלביגער לאַגע, וואָס נעכטין. זי האָט דעריבער געוואָלט דאַמאָלס דער גנעדיגער פרוי אויפוועקען, נאָר דער דאָקטאָר אַליין האָט עס נישט צוגעלאָזען; ער האָט, איבריגענס, צוגעזאָגט, צו זיין דאָ ביי טאָג נאָכאַמאָל.

מאַריאַ האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט דער גוטער אַלטער פרוי, האָט איהר געדאַנקט פאַר איהר מיה און איבערגענומען איהר פלאַץ.

ס'איז געוועזען אַ וואַרעמער, כמעט הייסער טאָג. די מיטאָגס־שעה איז שוין געוועזען נאָהנט. דער גאָרטען איז געוועזען פערגאָסען מיט אַ שטילען און שווערען זונענגלאַנץ. וואַרפענדיג אַ בליק אויפ'ן בעט, האָט זי פאַר אַלעמען בעמערקט דעם קראַנקען'ס ביידע שמאָלע הענד, וועלכע זענען, לייכט ציטערנדיג, געלעגען אויפ'ן דעק. דער גיידער איז אַראָבגעהאַנגען, דער פנים איז געוועזען טויט־בלאַס און די ליפען לייכט געעפענט. זיין אָטעם איז אַלע מאָל איבערגעריסען געוואָרען אויף עטליכע סעקונדען; דערנאָך האָבען זיך ווידער געהערט אויבערפלעכליכע, הייזעריגע קרעכצען. „ער וועט שטאַרבען, נאָך איידער אַלפרעד וועט קומען“ — איז איהר דורכגעפלויגען אַ געדאַנק אין קאָפ. אַזוי ליעגענדיג דאָ, האָט זיין געזיכט ווידער אָנגענומען דעם אויסדריק פון ליידענדער יוגענדליכקייט, אויף איהם איז געלעגען אויסגעגאָסען די שוואַכקייט, וואָס ווייזט זיך געוועהנליך נאָך אונבעשרייבליכע שמערצען, און דאָס געפיהל פון אונטערגעבען זיך נאָך אַ האָפנונגסלאָזען קאַמפף. מאַריאַ'ן איז פלוצלונג קלאָר געוואָרען דאָס, וואָס האָט אין דער לעצטער צייט אַזוי שרעקליך פערענדערט די דאָזיגע געזיכטס־שטריכען און וואָס ס'האָט אין זיי גראָד געפעהלט איצט. דאָס איז געוועזען די ביטערקייט, וועלכע האָט זיך איינגעפרעסט אין זיי, ווען ער האָט א י ה ר בעטראַכט. איצט איז אין זיינע חלומות געוויס קיין האַס נישט געוועזען, און זיין געזיכט איז ווידער שען געוואָרען. איהר האָט זיך געוואָלט ער זאָל זיך אויפהאָפען. אַזוי קוקענדיג איצט אויף איהם, האָט זי געפיהלט, אַז איהר גאַנצעס וועזען ווערט פול מיט אַ אונבעשרייבליכען וועהטאָג, אַז זי ווערט געפייניגט פון אַ ביטערער אַנגסט פאַר זיין טויט. דאָס איז ווידער געוואָרען איהר געליעבטער, וועלכען זי האָט דאָ געזעהען שטאַרבענדיג. זי האָט מיט איין מאָל פערשטאַנען, וואָס דאָס

בעדייטעט אייגענטליך. דער גאנצער וועהטאג פון דער דאזיגער אונפערמיידליכער און שרעקליכער געשעהעניש, האט איהר איצט ארומגענומען, און זי האט איצט ווידער אלץ, אלץ פערשטאנען. זי האט פערשטאנען, אז ער איז געוועזען איהר גליק און איהר לעבען, אז זי האט געוואלט שטארבען מיט איהם צוזאמען און אז אט קומט אן דער שרעקליכער מאמענט, ווען אלץ מוז אויף אייביג פערשוואונדען ווערען. און די שטארקע קאלטקייט, וואס האט די גאנצע צייט געהאלטען איהר הארץ, אזוי ווי געשמידט, און די גלייכגילטיגקייט פון גאנצע טעג און נעכט, זענען איצט ביי איהר צוזאמענגעגאסען געווארען אין איין טעמפער אונבעגרייפליכקייט. און איצט, איצט איז עס דאך אייגענטליך נאך גוט. ער לעבט דאך נאך, ער אטעמט, איהם הלומ'ט זיך אפשר איצט עפעס. אבער שפעטער... ער וועט ליעגען א פערגליווערטער, טוידט... מ'וועט איהם בעגראבען, און ער וועט ליעגען טיעף אין דר'ערד אויף א שטילען בית-עולם, וועט צופאלען ווערן, און איבערן בית-עולם וועלן זיך ציהען גלייכפארמיגע טעג איינער נאכ'ן אנדערן... און זי... זי וועט לעבען, זי וועט זיין צווישען מענשען, און וועט וויסען, אז דארט אין דרויסען איז ערגעץ א שטומער קבר פערהאן, אין וועלכען ער ליעגט... ער! דער, וועלכען זי האט ליעב געהאט! טרערען האבען זיך אהן א אבהאלט געגאסען פון איהרע אויגען, און ענדליך האט זי זיך פונאנדערגעהליפעט אויפ'ן קול. דאן האט ער זיך א רודער געטאן, און איידער זי האט בעוויזען אבצווישען זיך די טרערען מיט'ן טאשענטיכעל, האט ער ווייט אויפגעעפענט די אויגען, און איהר אנגעקוקט מיט א פרעגענדען בליק, ער האט אבער גארנישט גערעדט. דערנאך, אין א ווילע ארום, האט ער געפליסטערט:

— קום אהער!

זי האט זיך אויפגעהויבען פון שטול, האט זיך אנגעבויגען איבער איהם, און ער האט אויפגעהויבען זיינע ארעמס, אזוי ווי וועלענדיג איהר האלז ארומנעהמען; באלד אבער האט ער די ארעמס צוריק אראבגעלאזען און געפרעגט:

— דו האסט געוויינט?

— ניין, — האט זי האסטיג געענטפערט, אבשארענדיג זיך די האר פון שטערן.

ער האט זי ווידער לאנג און ערנסט אנגעקוקט, דערנאך

האט ער אבגעווענדעט דעם געזיכט. ס'האט אויסגעזעהען, אז ער ברעכט זיך דעם קאפ, אום וואס ס'איז צו בעגרייפען.

מאריא האט זיך פערטראכט וועגען דעם, צי זי זאל איהם דערצעהלען פון איהר טעלעגראמע צו אלפרעד'ן. זאל זי איהם צוגרייטען דערצו? ניין, צו וואס? דאס בעסטע וועט זיין, ווען זי וועט זיך מאכען אזוי, אז זי איז אויך איבערראשט געווארען פון אלפרעד'ס קומען. דער גאנצער אנדערער האלבער טאג איז אריבער אין דער דאזיגער אנגעצויגענער, שווערער ערווארטונג. די אויסערליכע געשעהענישען האבען זיך געצויגען פערביי איהר, אזוי ווי איינגעהילטע אין א נעבעל. אט איז געקומען דער דאקטאר מיט א וויזיט. ער האט געפונען דעם קראנקען איינגאנצען אפאטיש; נאר געלטען האט ער זיך אויפגעהאפט פון א זיפצענדען האלבען דרעמלען און זיך געווענדעט צו די ארומיגע מיט גלייכגילטיגע פראגען. ער האט געפרעגט, וויפיעל דער זייגער איז, געבעטען אביסל וואסער; די אלטע פרוי איז אריינגעגאנגען און ארויסגעגאנגען, און מאריא האט פערבראכט די גאנצע צייט אין צימער, אממעהרסטען אויף דעם שטוהל נעבען קראנקען. אפטמאל האט זי זיך אוועקגעשטעלט, אנגעשפארט אן לעהן פון בעט, אדער זי איז צוגעגאנגען צום פענסטער און ארויסגעקוקט אין גארטען, וואו די שאטענס פון די בוימער זענען אלע מאל לענגער געווארען, ביז די פארנאכטיגע גרויקייט האט זיך ענדליך פערשפרייט איבער די פעלדער און וועגען. דער אבענד איז געווען א הייסער און דאס פלאם פון דער ליכט, וואס איז געשטאנען אויפ'ן נאכט-טיש דעם קראנקען צוקאפענס, האט זיך קוים א רודער געטאן. נאר ווען ס'איז אינגאנצען נאכט געווארען, און איבער די גרוי-בלויע בערג, וואס האבען זיך געזעהען ווייט הינטען, האט זיך בעוויזען די לבנה, — האט זיך אויפגעהויבען א לייכטער ווינטעל. מאריא האט זיך געפיהלט מונטערער, ווען דאס ווינטעל האט איהר געוועהעט אין פנים, און דעם קראקען האט עס אויך אויסגעזעהען אנגענעם צו זיין. ער האט א רודער געטאן דעם קאפ און געווענדעט דעם ווייט-געעפענטען בליק צום פענסטער. ענדליך האט ער טיעף, טיעף אבגעאטעמט.

— אה!

מאריא האט א חאפ געטאן זיין האנד, וואס האט זיך ארויבגעגליטשט פון דעקע.

— דו ווילסט עפּעס? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט פּאַמעליך אַוועקגענומען פון איהר זיין האַנד און געזאָגט:

— מאַריאַ, קום אַהער!

זי האָט זיך צוגערוקט נעהנטער צו איהם און אַוועקגעלעגט איהר קאָפּ גאַנץ נאָהנט פון זיין קישען. דאַן האָט ער אַוועקגעלעגט זיין האַנד אויף איהרע האָר, אַזוי ווי וועלנדיג בענשען איהר, און לאַנג זי געלאָזען אַזוי ליעגען. דערנאָך האָט ער שטיל געזאָגט:

— איך דאַנק דיר, מאַריאַ, פאַר דיין ליעבע.

זי האָט אַוועקגעלעגט איהר קאָפּ אויפ'ן קישען נעבען זיינעם און ווידער געפיהלט, ווי די טרערען קומען איהר אָן אין די אויגען. אין צימער איז געווען גאַנץ שטיל. פון דער ווייטען נאָר האָט דאָ אויסגעקלונגען דאָס הילכענדע פייפען פון אַ אייזענבאַהן-צוג. דערנאָך האָט זיך ווידער געפיהלט די שטילקייט פון דעם הייסען זומער-אָבענד, די שווערע, זיסע און אונבעגרייפליכע...

פּלוצלונג האָט זיך פעליקס דערלאַנגט אַ זעץ אויף אין בעט, און אַזוי שנעל, אַזוי האַסטיג, אַז מאַריאַ האָט זיך דערשראָקען. זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געקוקט פעליקס'ן אין געזיכט. ער האָט אַ האַפּ געטאָן מאַריאַ'ס קאָפּ מיט ביידע הענד, ווי ער האָט אָפּט געטאָן, ווען ער פלעגט בעהערשט ווערן פון אַ ווילדער צערטליכקייט.

— מאַריאַ, — האָט ער אויסגעשריען, — איצט וויל איך דיך דערמאָהנען.

— אָן וואָס? — האָט זי געפרעגט און געוואָלט איהר קאָפּ בעפרייען פון זיינע הענד. ער האָט אָבער אַלע זיינע כחות אַזוי ווי צוריק געקריגען און זי פעסט געהאַלטען.

— איך וויל דיך דערמאָהנען אָן דיין צוזאָג, — האָט ער האַסטיג געזאָגט, — אַז דו וועסט מיט מיר צוזאַמען שטאַרבען.

זאָגענדיג די ווערטער, האָט ער זיך צוגעבויגען גאַנץ נאָהנט צו איהר. זי האָט געפיהלט זיין אָטעם איבער איהר מויל און נישט געקענט זיך אַ ריהר טאָן. ער האָט גערעדט אַזוי נאָהנט נעבען איהר מויל, ריכטיג ווי ווען זי וואָלט דאַרפען די ווערטער מיט איהרע ליפּען איינזויגען.

— איך וועל דיך מיטנעהמען! איך וויל נישט אליין שטארבען. איך האב דיך ליעב און וועל דיך דא נישט איבערלאזען.

זי איז פון שרעק אזוי ווי געלעהמט געווארען. א הייזעריגע געשריי, אזוי פערשטיקט, אז זי אליין האט איהם קוים געהערט, האט זיך ארויסגעריסען פון איהר האלז. איהר קאפ איז אונבעוועגליך געלעגען צווישען זיינע הענד, וועלכע האבען איהם קרעמפפענדיג צוזאמענגעפרעסט ביי די שלייפען און ביי די באקען. ער האט אלץ ווייטער גערעדט, און זיין הייזעריגער, פייכטער אטעם האט איהר געבריהט.

— צוזאמען! צוזאמען! דו האסט דאך דאס געוואלט! איך האב אויך מורא אליין צו שטארבען! דו ווילסט? דו ווילסט?

זי האט מיט די פיס דעם שטוהל פון אונטער זיך אוועקגערוקט, און ענדליך, ווי ווען זי וואלט זיך געמוזט בעפרייען פון א אייזערנעם רייף, האט זי ארויסגעריסען איהר קאפ פון דער איינקלאמערונג פון זיינע הענד. ער האט נאך אלץ געהאלטען די הענד אין דער לופטען, אזוי ווי ווען איהר קאפ וואלט נאך דארט געלעגען, און האט זי אנגעקוקט, ווי נישט קענענדיג בעגרייפען, וואס דא איז פארגעקומען.

— ניין, ניין, — האט זי אויסגעשריען, — איך וויל נישט! און האט זיך געלאזען לויפען צום טהיר. ער האט זיך א הויב געטאן, ווי וועלנדיג פון בעט ארויסשפרינגען.

ער האט שוין אבער איצט די כחות פערלארען, און איז אראבגעפאלען צוריק אויפ'ן געלעגער מיט א טויבען קלאפ, ווי א טוידטע מאסע. און זי האט שוין דאס נישט געזעהען; זי האט אויפגעריסען די טהיר און איז ארויסגעלאפען דורך דעם דערבייאיגען צימער אין הויז. אין קאפ ביי איהר האט זיך געטומעלט. ער האט זי געוואלט דערשטיקען! זי האט נאך געפיהלט זיינע גליטשיגע פינגער אויף איהרע שלייפען, אויף איהרע באקען, אויף איהר האלז. זי האט זיך א ווארף געטאן צום טויער פון שטוב; דא איז קיינער נישט געוועזען. זי האט זיך דערמאהנט, אז די אלטע פרוי איז אוועקגעגאנגען בעזארגען דעם אבענד-ברויט. וואס זאל זי טאן? זי איז ארייננגעלאפען צוריק אין שטוב און ארויס דורכ'ן הויזטהיר אין גארטען. ריכטיג, ווי ווען אימיצער וואלט איהר נאכלויפען, אזוי איז זי געלאפען איבער פעלדער און וועגען, ביז זי

איז צוגעקומען צו דער אַנדערער זייט. איצט האָט זי זיך אומגעדרעהט און געקוקט זעהען דעם אָפּענעם פענסטער פון יענעם צימער, פון וועלכען זי איז נאָר וואָס אַרויסגעלאָפען. זי האָט געזעהען דעם ציטערנדען פלאַם פון דער ליכט, מעהר האָט זי קיין זאַך נישט געקענט בעמערקען. וואָס איז דאָס געווען? וואָס איז דאָס געווען? — האָט זי צו זיך אַליין גערעדט. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס זי זאָל טאָן, און איז אַרומגעגאַנגען אָהין אַ שוּם ציעל אַהין און צוריק אויף דעם וועג נעבען צוים פון גאָרטען. פּלוצלונג האָט זי זיך אַ האַפּ געטאָן: אַלפרעד! ער דאַרף איצט אָנקומען! איצט מוז ער קומען! דורך די גראַטעס פון צוים האָט זי געקוקט אויף דעם מיט לבנה־שיין בעגאָסענעם וועג, וואָס פיהרט צום וואָקזאַל. דערנאָך איז זי צוגעלאָפען צום טהיר פון גאָרטען און זי אויפגעעפענט. פון דאַנען האָט זי געזעהען פאַר זיך דעם וועג, ווייס, פוסט. אפשר אָבער פאָהרט ער מיט דעם אַנדערען וועג. ניין, ניין... אָט דאָרט דערנעהנטערט זיך עפּעס אַ שאָטען... קומט אַלץ נעהנטער... נעהנטער... געשווינד... אַלץ געשווינדער... עפּעס אַ געשטאַלט פון אַ מאַנספּערזאָן... איז ער עס? איז ער עס? זי איז צוגעלאָפען עטליכע טריט ווייט איהם אַנטקעגען:

— אַלפרעד!

— איהר זענט עס, מאַריאַ!!

ער איז עס געווען. איהר האָט זיך געוואָלט וויינען פון שמחה, איהר האָט זיך געוואָלט, איהם די האַנד קושען.

— וואָס איז דאָ? — האָט ער געפרעגט.

און זי האָט איהם נאָר געצויגען מיט זיך, נישט ענטפערנדיג.

---

פעליקס איז נאָר איין סעקונדע געלעגען אונבעוועגליך. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען און געקוקט אַרום זיך. זי איז נישטאָ, ער איז אַליין! אַ פרעסענדע שרעק האָט איהם אַרומגענומען, נאָר איינס איז איהם קלאָר געווען, אַז ער מוז זי דאָ האָבען. דאָ, נעבען זיך. מיט איין שפרונג איז ער אַראָב פון בעט. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט גלייך האַלטען אויף די פיס, און איז ווידער אומגעפאַלען אויפ'ן בעט. ער האָט געפיהלט אַ זשומען און אַ טומעל

אין קאָפּ. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן שטוהל, און מיטציטערנדיג איהם מיט זיך, האָט ער זיך געשלעפּט פאָרווערטס. „מאַריאַ! מאַריאַ!" — האָט ער געמורמעלט. „איך וויל נישט אַליין שטאַרבען, איך קען נישט!" וואו איז זי? וואו קען זי זיין? בסדר רוקענדיג דעם שטוהל פאָראויס, איז ער צוגעקומען ביז'ן פענסטער. דאָ איז געלעגען דער גאָרטען, און אויבען — דער גרויליכער גלאַנץ פון דער הייסער נאַכט. ווי זי פינקעלט און ציטערט! און ווי מאָדנע עס טאַנצען די גראָזען און בוימער! אָה, דאָס איז געווען אַ פריהלינג, וואָס האָט איהם געזאָלט געזונד מאַכען! אָה, די לופט, די לופט! ווען אַרום איהם וואָלט שטענדיג וועהען אַזאַ לופט, וואָלט ער בעשטימט געזונד געוואָרען. אַה, דאָרט!... וואָס איז דאָרט געווען?... און ער האָט געזעהען פון הינטערן צוים, וועלכער האָט אויסגעזעהען צו ליעגען טיעף אין אַ אָבגרונד, אַ ווייבליכע געשטאַלט זיך בעוועגענדיג איבער דעם וויסען, שימערירענדען זאַמד־וועג, וואָס איז בעגאָסען מיט דעם בלוֹליכען גלאַנץ פון דער לבנה. ווי זי שוועבט, ווי זי פליהט, און קומט פאָרט נישט נעהנטער! מאַריאַ! מאַריאַ! און גלייך הינטער איהר אַ מאַנספּערזאָן. אַ מאַנספּערזאָן מיט מאַריאַ'ן... אַ אונגעהויער גרויסער... איצט האָט דער צוים אָנגעהויבען צו טאַנצען און האָט זיך נאָכגעטאַנצט, און דער שוואַרצער הימעל הינטען אויך און אַלין, אַלין האָט זיי נאָכגעטאַנצט. און אַ זינגערייַ און טענער און קלאַנגען הערען זיך פון דער וויטען, אַזוי שען, אַזוי שען... און ס'איז געוואָרען פינסטער...

מאַריאַ און אַלפרעד זענען צוגעקומען. ביידע זענען געלאָפען. צולויפענדיג צום פענסטער איז מאַריאַ געבליעבען שטעהן און האָט מיט אַנגסט אַריינגעקוקט אין צימער.

— ער איז נישטאָ! — האָט זי אויסגעשריען. — דאָס בעט איז לעדיג!

פּלוצלונג האָט זי אַ געשריי געטאָן און איז אומגעפאַלען אויף הינטען, אַלפרעד'ן אין די אָרעמס. ער האָט זיך איינגעבויגען, פאָרזיכטיג אַוועקגעלעגט איהר אויפ'ן גראָז, און אַריינגעקוקט אין פענסטער; און דאָ האָט ער גלייך דערזעהען דעם פריינד ליעגענדיג אויף דר'ערד אויסגעצויגען אין דער לענג, אין אַ ווייסער העמד, מיט וויט פונאַנדערגעשפּרייטע פיס און נעבען איהם אַ אומגעוואָרפענער שטוהל, דעם לעהן פון וועלכען ער האַלט פעסט מיט

אַיין האַנד. פון מויל האָט זיך געצויגען אַ שטרייף בלוט איבער׳ן האַלז אַראָב. די ליפּען און די ברעמען פון די אויגען האָבען זיך, ווי ס׳האָט אויסגעזעהען, געצוקט. נאָכדעם אָבער, ווי אַלפּרעד האָט זיך אויפמערקזאַמער צוגעקוקט, האָט ער געזעהען, אַז דאָס איז געווען נאָר דער פאַלשער גלאַנץ פון דער לבנה, וואָס האָט זיך געשפּיעלט אויף דעם בלאַסען געזיכט.

# דאס לעצטע מאל.

שוין א שעה צייט האט ער געווארט. דאס הארץ האט איהם געקלאפט און עטליכע מאל האט ער זיך געשפירט אזוי, ווי ווען ער וואלט פערגעסען צו אטעמען; דאן האט ער טיעף אריינגעצויגען אין זיך די לופט, איהם איז אבער נישט בעסער געווארען. אייגענטליך האט ער שוין געקענט זיך צוגעוועהנען דערצו, — ס'איז דאך שטענדיג אזוי געווען; שטענדיג האט ער געמוזט ווארטען א שעה, צוויי, דריי, און זעהר אפט — אומזיסט. און ער האט נישט געקענט האבען צו איהר קיין פרעטענזיע דערפאר, ווארום ווען איהר מאן איז געבליעבען לענגער אין שטוב האט זי נישט געוואגט אוועקצוגעהן; און ווי נאר ער איז געווען אוועקגעגאנגען, איז זי גלייך געקומען צו לויפען צו איהם, א אויפגערעגטע, א פערצווייפעלטע, האט איהם געשווינד אבגעפרעסט א קוש אויף די ליפען און איז גלייך ווידער אוועק, אראבפליהענדיג פון די טרעפ, און האט איהם ווידער געלאזען אליין. נאך איהר אוועקגעהן, פלעגט ער זיך צולעגען אויפ'ן דיוואן, איננאנצען א דערשלאגענער פון די אויפרעגענדע שרעקליכע אבווארטונגען, וועלכע האבען איהם אונפעהיג געמאכט צום ארבייטען, וועלכע האבען ביסלעכוויי פון איהם א תל געמאכט.

דאס הארץ האט זיך געצויגען אזוי שוין א פיערטעל יאהר, זינד עס האט זיך געענדיגט דער פריהלינג. יעדען נאכמיטאג פון דריי דעם זייגער אן איז ער געזעסען ביי זיך אין צימער, האלטענדיג די פאר האנגען אראבגעלאזען, און האט קיין זאך נישט געקענט טאן. ער האט קיין געדולד נישט געהאט א בוך, זאגאר א צייטונג צו לייענען; איז נישט אימשטאנד געווען א בריעף אנצושרייבען און האט

געהאלטען אין איין רויכערן: איין ציגאר נאכ'ן אנדערן, ביז דאס צימער איז אינגאנצען פול געווארען מיט א בלוי-גרויעם רויך. די טהיר צום פאדערצימער איז שטענדיג געשטאנען אפען, און ער איז געזעסען איינער אליין אין שטוב, ווארום זיין דינער האט נישט געטארט זיין דערביי, ווען זי האט געזאלט קומען. און ווען עס האט זיך פלוצלונג דערהערט העמאלט דאס קלינגען פונ'ם טהיר-גלעקיל, איז ער שטענדיג א צוצאפעלטער געווארען. ווען אבער זי איז עס געוועזען, ווען זי איז עס טאקי ענדליך געקומען, דאמאלס איז עס שוין גוט געוועזען: דאן האט ער זיך געפיהלט ריכטיג, ווי ווען ער וואלט אנטלאפען פון ערגעץ, ווי ווען ער וואלט ווידער א מענש געווארען, און ער האט אפטמאל געוויינט פון גליק, פונ'ם בעוואוסטזיין דערפון, אז זי איז ענדליך דא געוועזען, און אז ער דארף שוין מעהר נישט ווארטען. דאמאלס האט ער זי געשווינד אריינגעצויגען צו זיך אין צימער, האט פערשלאסען די טהיר, און זיי זענען געוועזען זעהר גליקליך.

זיי האבען אבגערעדט צווישען זיך, אז ער זאל ביז פונקט זיעבען בלייבען אלע טאג אין שטוב, ווארום שפעטער האט זי שוין נישט געדארפט קומען — ער האט איהר אויסדריקליך געזאגט, אז זיעבען דעם זייגער וועט ער שטענדיג אוועקגעהן, ווייל דאס ווארטען מאכט איהם שרעקליך נערוועז. און דאך איז ער שטענדיג געבליעבען לענגער אין שטוב, און ערשט אום אכט פלעגט ער ארויסגעהן אין גאס. —

און שוידערענדיג האט ער געטראכט וועגען די אריבערגעלאפענע שעה'ען און מיט א וועהטאג זיך דערמאהנט אן דעם פערגאנגענעם זומער, ווען ער האט געהאט די גאנצע צייט פאר זיך, ווען ער איז אין אויגוסט שוין געפאהרען אין א קור-ארט, ווען ער איז געוועזען געזונד און גליקליך. און מיט א בענקשאפט אין הארצען האט ער געחלומ'ט וועגען פרייהייט, וועגען רייזען, וועגען ווייטע לענדער, וועגען איינזאמקייט, ער האט אבער נישט געקענט אוועק פון איהר, — ער האט זי פערגעטערט.

דער היינטיגער טאג האט איהם אויסגעזעהען שרעקליכער פון די אלע פריהערדיגע. נעכטען איז זי אינגאנצען נישט געקומען, און ער האט פון איהר קיין שום נאכריכט נישט ערהאלטען. — ס'איז שוין געוועזען באלד זיעבען; ער איז אבער היינט נישט רוהיגער געווארען. ער האט נישט געוואוסט, וואס ער זאל דא אנהויבען

צו טאָן. דאָס שרעקליכסטע דערביי איז געווען דאָס, וואָס ער האָט צו איהר קיין וועג נישט געהאַט. ער האָט קיין אַנדער זאַך נישט געקענט טאָן, ווי צוגעהן נעבען איהר שטוב און אַרומשפּאַצירען עטליכע מאָל אַהין און צוריק פערביי איהר פענסטער; ער האָט אָבער צו איהר נישט געטאָרט געהן, האָט נישט געטאָרט קיינעם צו איהר שיקען, האָט זיך ביי קיינעם נישט געטאָרט פרעגען אויף איהר. וואָרום קיין מענש האָט זאָגאַר קיין אַהנונג נישט געהאַט דערפון, אַז זיי קענען זיך איינער דעם אַנדערן. זייער לעבען איז פול געווען מיט אַ אונרוהיגער אַנגסט־פולער און גליהענדער צערטליכקייט און זיי האָבען כסדר געציטערט דערפאַר, ווער ס'איז זאָל זיך נישט דערוויסען דערפון. ער האָט געזעהען אַ בעזונדער שענקייט אין דעם, וואָס זייערע בעציהונגען זענען געווען איינגעהילט אין דער טיעפסטער פערבאָרגענקייט; אַזעלכע טעג אָבער, ווי דער היינטיגער, זענען געווען פאַר איהם נאָך שרעקליכער, נאָך פיינינגענדער. —

ס'איז געוואָרען אַכט דער זייגער — זי איז נאָך נישט געווען. די לעצטע שעה איז ער כסדר אָבגעשטאַנען ביים טהיר און אַרויסגעקוקט דורכ'ן פענסטעריל אויף די טרעפּ. אָט נאָר וואָס האָט מען אויף זיי אָנגעצונדען די גאַז־פלאַמען. איצט איז ער צוריק אַריין אין זיין צימער און, טודט־מיעד, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפ'ן דיוואַן. ס'איז געוואָרען גאַנץ טונקעל אין צימער, און ער איז אַנדרעמעלט געוואָרען. נאָך אַ האַלבע שעה ליגען האָט ער זיך אויפגעהויבען און בעשלאָסען אַרויסצוגעהן אין גאַס. דער קאָפּ האָט איהם וועה געטאָן, און די פיס האָבען איהם געבראָכען ריכטיג, ווי ווען ער וואָלט האָבען שעה'ען־לאַנג אַרומגעלאָפען. —

ער האָט זיך געלאָזען געהן צו איהר וואָהנונג, און האָט זיך געפיהלט, ווי בערוהיגט, ווען ער האָט געזעהען, אַז די רולעטען פון אַלע פענסטער זענען אַראָבגעלאָזען. דורך די רולעטען פון עס־און שלאָפצימער האָט זיך געזעהען אַ ליכטשיין. — אַ האַלבע שעה צייט האָט ער אַרומגעשפּאַצירט אויף דעם געגענאיבערדיגען טראָטואַר אַהין און צוריק, האַלטענדיג דעם בליק כסדר צוגעווענדעט צו די פענסטער. אין גאַס איז געווען נישט קיין גרויסער טומעל. ערשט דאַן, ווען אין טויער האָבען זיך געוויזען עטליכע דיענסט־מעדלעך און די הויז־וועכטערין, איז ער אַוועקגעגאַנגען, נישט

װעלנדיג, מ׳זאָל איהם בעמערקען.

די נאַכט נאָך דעם איז ער געשלאָפען פעסט און גוט. —

אויף צומאָרגענס פאַר מיטאָג איז ער לאַנג געבליעבען ליעגען אים בעט; ער האָט אַװעקגעלעגט אַ צעטעל אין פאָדערצימער, מ׳זאָל איהם נישט װעקען. דער דינער האָט איהם אַרײַנגעבראַכט דאָס פריהשטיק; אויף דער אונטער־טאַץ איז געלעגען די אײַנגעלאָפענע פאָסט; פון איהר איז קײן בריעף נישט געװען. ער אָבער האָט גלײַך געדרונגען דערפון, אַז איצט װעט זי שוין אַלײן בעשטימט זײַן בײַ איהם נאָכמיטאָג, און אַזוי האָט ער פערבראַכט די צײַט ביז דרײַ דעם װײַגער גאַנץ רוהיג. —

פונקט דרײַ, אָבער אויך נישט אײן מינוט פריהער, איז ער געקומען פון מיטאָג־עסען אַהײם. ער האָט זיך אַװעקגעזעצט אויף אַ שטוהל אין פאָדערצימער, אום ניט צו דאַרפען אַרומלויפען כסדר אַהין און צוריק, װען ער װעט הערען אַ גערויש פון די טרעפ. בײַ יעדעם מאָל, װען ער האָט איבערהויפט געהערט טריט אונטען, איז ער געװאָרען פרעהליך; בײַ יעדעם מאָל האָט זיך אין איהם אַ נײַע האָפנונג דערװעקט. פון די אַלע האָפנונגען איז אָבער גאָרנישט געװאָרען.

ס׳איז געװאָרען פיער — פינף — זעקס — זיעבען — זי איז נישט געקומען. דאַן איז ער אַרײַן צו זיך אין צימער, האָט אָנגעהויבען אַרומלויפען אַהין און צוריק און שטיל געזיפצט, און װען עס האָט איהם אָנגעהויבען שװינדלען אין קאָפּ, האָט ער זיך אַ װאָרף געטאָן אויפ׳ן בעט. ער איז אינגאַנצען פערצװײַפעלט געװען; דאָס קען מען שוין לענגער נישט פערטראָגען: דאָס בעסטע איז: אַװעק, אַװעק ערגעץ... צו טײַער האָט ער פאַר דעם גליק בעצאָהלט!... אָדער ער מוז װידער ענדערן דעם אָבמאַך צום בײַשפּיעל: נאָר אײן שעה װאַרטען... אָדער צװײ... אָבער אַזוי װײַטער געהן קען דאָס נישט, — עס װעט פון איהם אינגאַנצען אַ תל װערן; ער װעט פערליערען די אַרבײַטס־קראַפט, דעם געזונד, און סוף כל סוף אויך די ליעבע.

ער האָט בעמערקט, אַז װעגען איהר טראַכט ער שוין איבערהויפט נישט מעהר; זײַנע געדאַנקען פלאָנטערן זיך, אַזוי װי אין אַ פוסטען חלום. ער איז אַראָבגעשפרונגען פון בעט, האָט אויסגעריסען דעם פענסטער, און אַראָבגעקוקט אין גאַס, אין דער דעמערונג... אַה... דאָ... דאָרט אין װינקעל... אויף יעדער פרוי, װאָס

איז דאָרט געגאַנגען, האָט ער אַלץ געמיינט, אַז דאָס איז זי. ער איז ווידער אָבגעגאַנגען פון פענסטער; זי האָט דאָך שוין נישט געקענט איצט קומען, — ס'איז דאָך שוין נאָך דער צייט. און פלוצלונג איז איהם פאָרגעקומען מאָדנע נאַרעש דאָס, וואָס ער האָט אַזוי וועניג צייט בעשטימט צום וואַרטען. אָט גראַדע איצט וואָלט זי אפשר אַ געלעגענהייט געהאַט... אפשר האָט זי גאָר היינט פאַר מיטאָג געקענט צו איהם קומען... און שוין זענען איהם אויף די ליפען געלעגען די ווערטער, מיט וועלכע ער וועט איהר בעגעגנען דעם קומענדיגען מאָל, און ער האָט געשעפטעשעט צו זיך אַליין: „דעם גאַנצען טאָג וועל איך שוין פון איצט אָן דיך ערוואַרטען; פון אין דער פריה ביז ביינאַכט". ווען ער האָט עס אָבער אַרויסגערעדט, האָט ער אַליין אָנגעהויבען צו לאַכען און דערנאָך האָט ער געפליסטערט: איך ווער דאָך משוגע, איך ווער דאָך דול אויפ'ן קאָפּ!

און ווידער האָט ער זיך געלאָזען געהן צו איהר וואוינונג. אַלץ איז געווען ווי נעכטין. אַ ליכטשיין האָט זיך ווידער דורכגעשלאָגען דורך די אַראָבגעלאָזענע רולעטען; ווידער האָט ער אַ האַלבע שעה אַרומגעשפּאַצירט אויף דעם געגענאיבערדיגען טראָטאָאַר אַהין און צוריק, און ווידער איז ער אַוועק, ווען די הויזוועכטערין און עטליכע דיענסט-מעדלעך האָבען זיך געוויזען אין טויער. היינט האָט זיך איהם געדאַכט, אַז זיי קוקען איהם אָן, און ער איז איבערצייגט געווען אין דעם, אַז זיי רעדען צווישען זיך וועגען איהם און זאָגען: דאָס איז דער זעלביגער הערר, וועלכער האָט נעכטין אין דער זעלביגער צייט אויך אַזוי אַרומגעשפּאַצירט דאָ אַהין און צוריק.

ער איז געגאַנגען איצט אין די אַרומיגע גאַסען; ווען אָבער דער זייגער פון טורם האָט געשלאָגען צעהן און די טויערן האָבען זיך אָנגעהויבען צו פערשליסען, איז ער ווידער צוגעקומען צו איהר וואוינונג און אַרויפגעקוקט אין די פענסטער. אַ ליכטשיין האָט זיך געזעהען נאָר אין'ם לעצטען פענסטער, אין דעם פון שלאָפצימער. ווי אַ צוגעשמידטער איז ער געשטאַנען און אַרויפגעקוקט אַהין; ער איז הילפלאָז געווען: האָט נישט געקענט קיין זאַך טאָן און קיינעם גאָרנישט פרעגען. — אַ שוידער איז איהם דורכגעלאָפען איבערן לייב ביי דעם געדאַנק וועגען די קומענדיגע שעה'ען. אַ נאַכט, אַ פריהמאָרגען, און דערנאָך אַ גאַנצען טאָג ביז

דריי... יא, ביז דריי.... און דאן... קוים קומט זי ווידער נישט? א לעדיגע דראשקע איז פערביי געפאהרען; ער האט צוגעוואונקען דעם קוטשער און זיך געלאזען פאמעליך ארומפיהרען איבער די פער־שלאפענע גאסען אהין און אהער... ער האט זיך דערמאהנט, ווי זיי האבען זיך דאס לעצטע מאל געזעהען... ניין, ניין, זי האט קיינמאל נישט אויפגעהערט איהם ליעב צו האבען... ניין, דאס געווים נישט!.... אדער אפשר האט מען ביי איהר אין שטוב געווארפען עפעס א חשד אויף איהר?... ניין, דאס איז דאך נישט מעגליך... ביז אהער האט זיך דאך אפילו קיין שפור דערפון נישט ענטדעקט... און זי איז דאך אזוי פארזיכטיג געווען... דאס האט געקענט אלזא נאר איין גרונד האבען: זי איז קראנק געווארען און ליעגט צו בעט. און דעריבער האט זי צו איהם קיין נאכריכט אויך נישט געקענט בעזארגען... מארגען אבער וועט זי אויפשטעהן און פאר אלעמען אנשרייבען א פאר שורות צו איהם, אום איהם צו בערוהיגען... יא, ווען אבער זי וועט ערשט אין צוויי טעג ארום און אפשר נאך שפעטער קענען אראבגעהן פון בעט... ווען זי איז ערנסט קראנק... אום גאטעס ווילען... ווען זי איז געפעהרליך קראנק.... ניין, ניין... פארוואס עפעס גלייך געפעהרליך קראנק!....

פלוצלונג איז איהם איינגעפאלען א געדאנק, וואס האט איהם, ווי א ישועה געבראכט: — אזוי ווי זי איז בעשטימט זעהר קראנק, קען ער דאך מארגען ארויסשיקען אימיצען צו איהר און לאזען פרעגען, וואס זי מאכט. דער שליח דארף גאר אליין נישט וויסען, פון וועמען ער איז געשיקט — ער קען דעם נאמען האבען שלעכט דערהערט... יא, יא, אזוי וועט ער טאן!.. ער האט זיך גליקליך געפיהלט דערפון, וואס איהם איז איינגעפאלען אזא געדאנק.

אזוי איז איהם אריבער די נאכט און דער קומענדיגער טאג רוהיגער, האטש ער האט קיין ידיעה נישט ערהאלטען, און אויך דעם נאכמיטאג זאגאר האט ער פערבראכט נישט אין אזא שטארקער אויפרעגונג ווי ביז אהער; — ער האט דאך געוואוסט, אז אין אבענד, היינט נאך, וועט ער שוין אלץ דערגעהן. זיין בענקשאפט נאך איהר איז געווארען צערטליכער און בעסער, ווי די פון די פריהערדיגע לעצטע טעג.

ארום אכט דעם זייגער אין אבענד איז ער ארויסגעגאנגען פון שטוב. אין אביסל א אבגערוקטען גאסען־ווינקעל האט ער גענומען

אָזאַ שליח, וועלכער האָט איהם נישט געקענט. ער האָט איהם צוגעוואונקען, מיטצוגעהן מיט איהם. נישט ווייט פון איהר וואוינונג איז ער געבליבען שטעהן מיט איהם, און האָט איהם גענוי ערקלערט ווי ער זאָל זיך בענעהן.

ביים שיין פון גאַס-לאַמטערן האָט ער אַ קוק געטהון אויפן זייגער און אָנגעהויבען אַרומצוגעהן אַהין און צוריק. גלייך אָבער איז איהם איינגעפאַלען: וואָס וועט זיין, ווען די זאַך וועט דעם מאַן אויפפאַלענד ווערען און ער וועט נעהמען פונאַנדערפרעגען דעם שליח און ענדליך אויך זיך לאָזען צופיהרען פון איהם אַהער? ער האָט אָנגעהויבען לויפען געשווינד, אום אָנצויאָגען דעם שליח; דערנאָך האָט ער אָבגעהאַלטען די טריט און איז געבליעבען שטעהן אין אַ געוויסער ווייטקייט הינטער איהם. ענדליך האָט ער געזעהן, ווי דער שליח ווערט פערשוואונדען אין יענעם הויז. אַלבערט איז געשטאַנען זעהר ווייט, ער האָט זיין בליק געמוזט אָנשטרענגען, אום נישט צו פערליערען דעם טויער פון די אויגען...

אין אַ דריי מינוטען אַרום האָט ער שוין געזעהן דעם שליח אַרויסגעהענדיג... ער האָט נאָר עטליכע סעקונדען געוואַרט, אום צו זעהן, צי אימיצער שפירט דעם שליח נישט נאָך; קיינער האָט זיך נישט געזעהן. איצט איז ער צוגעלאָפען צו איהם. —

— נו, — האָט ער געפרעגט, — וואָס?

— דער גנעדיגער העהר האָט געלאָזען הערצליך גריסען, און דער גנעדיגער פרוי איז נאָך דערוויל נישט בעסער; זי וועט ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום קאָנען אויפשטעהן.

— מיט וועמען האָט איהר גערעדט?

— מיט אַ דינסטמעדעל; זי איז אַריינגעגאַנגען אין צימער און איז גלייך צוריק אַרויס; איך גלויב, אַז דער דאָקטאָר איז גראָד דאָרטען געווען...

— וואָס האָט זי געזאָגט? — און ער האָט געלאָזען דעם שליח נאָך עטליכע מאָל איבערחזר'ן די זעלביגע ווערטער און האָט ענדליך איינגעזעהן, אַז ער וועט אייגענטליך איצט קיין זאַך נישט מעהר, ווי פריהער. זי מוז ערנסט קראַנק זיין; מען פרעגט זיך מסתמא אָן פון אַלע זייטען — דעריבער האָט אויך זיין שליח קיין פערדאַכט נישט אַרויסגערופען... אויב אַזוי אָבער, קאָן ער דאָך מעהר וואַגען.... און ער האָט בעשטעלט דעם שליח אויף מאָרגען אין דער זעלביגער צייט. —

ערשט אין א פאר טעג ארום וועט זי קאנען אויפשטעהן... און מעהר וויים ער נישט... און דאס, צי זי טראכט וועגען איהם, צי זי קאן זיך האטש פארשטעלען, וואס ער ליידט אום צוליעב איהר — ער האט קיין זאך נישט געוואוסט. —

האט זי אפשר פערשטאנען, אז ער איז עס געוועזן דער, פון וועמען ס'איז געקומען דער לעצטער שליח פרעגען, וואס זי מאכט?... דער גנעדיגער הערר האט געלאזען הערצליך גריסען... נישט זי, ער... איהר האט מען עס אפשר גארנישט געקאנט זאגען... יא, און וואס איז איהר? וואס פעהלט איהר? אין קאפ ביי איהם האבען זיך דורכגעטראגען די נעמען פון הונדערטער קראנקהייטען.

— אין א פאר טעג ארום וועט זי אויפשטעהן, — מסתמא איז עס דאך נישט קיין ערנסטע קראנקהייט... דאס אבער זאגט מען דאך שטענדיג; ווען זיין אייגענער פאטער איז געלעגען א גוסס, האט מען אויך אלעמען אזוי געזאגט... ער האט אנגעהויבען צו לויפען און עס בעמערקט ערשט דאן, ווען ער איז ווידער ארויף אויף איינער פון די בעלעבטע גאסען, וואו די מאסען דורכגעהער האבען איהם געשטערט. ער האט געוואוסט, אז די צייט ביז צו דעם מארגענ־דיגען אבענד וועט איהם אויסזעהן, ווי א אייביגקייט.

די שעה'ען זענען געלאפען, און אין געוויסע מאמענטען האט ער זיך אליין געוואונדערט, פארוואס ער קאן גארנישט גלויבען, אז זיין געליעבטע זאל ערנסט קראנק זיין. אמאל ווידער, האט איהם אויסגעזעהן, ווי א זינד דאס, וואס ער איז אזוי רוהיג געווען... און איז נאכמיטאג — ווי לאנג דאס איז שוין נישט געשעהן: — אבגעלעגען גאנצע שעה'ען און געלייענט, ריכטיג ווי עס וואלט נישט זיין קיין זאך, פארוואס מורא צו האבען און וואס צו פערלאנגען.

---

ווען אלבערט איז צוגעקומען אין אבענד צו דעם נעכטיגען וויני־קעל פון גאס, איז שוין דער שליח דארט געשטאנען. — אויסער דער נעכטיגער מיסיע האט ער נאך היינט אויפגעגעבען דעם שליח, אריינצוגעהן אין א שמועס מיט דעם שטוב־מעדעל און ווי וויים נאר מעגליך וועט זיין, דערגעהן, וואס ס'איז אייגענטליך דער גנעדי־גער פרוי. —

עֶס האָט געדויערט לענגער ווי נעכטען, ביז דער שליח איז אַרויסגעקומען, און אַלבערט האָט אָנגעהויבען אונרוהיג צו ווערען. כּמעט אַ פיערטעל שעה איז אַריבער ביז ער האָט דעם שליח געזעהן אַרויסגעהענדיג פון טויער... אַלבערט איז איהם אַנטקעגען געלאָפען.

— די גנעדיגע פרוי איז געפעהרליך...

— וואָס? — האָט אַלבערט אויסגעשריען.

— די גנעדיגע פרוי איז געפעהרליך קראַנק, — האָט דער שליח איבערגע'חזר'ט נאָכאַמאָל.

— מיט וועמען האָט איהר גערעדט? וואָס האָט מען אייך געזאָגט?...

— דאָס שטוב־מעדעל האָט מיר געזאָגט, אַז מיט דער מאַדאַם האַלט עס זעהר שלעכט... היינט זענען שוין דריי דאָקטוירים געווען, און דער גנעדיגער העהר איז אינגאַנצען אַ דערשלאָגענער.

— ווייטער... ווייטער... וואָס איז איהר? האָט איהר נישט געפרעגט? איך האָב דאָך אייך —

— כ'האָב געפרעגט; אַ קאָפּ־טיפוס זאָל עס זיין, און די גנעדיגע פרוי ליעגט שוין צוויי טאָג אָהן זינען.

אַלבערט איז געבליעבען שטעהן און האָט ווי צומישט, אָנגעקוקט דעם שליח... דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— נו, און מעהר ווייסט איהר גאָרנישט?

דער האָט ווידער אָנגעהויבען צו דערצעהלען זיין געשיכטע פון אָנהויב אָן, און אַלבערט האָט זיך איינגעהערט אויפמערקזאַם, ווי ווען יעדעס וואָרט וואָלט איהם ברענגען עטוואָס נייעס. דערנאָך האָט ער איהם בעצאָהלט און איז ווידער געגאַנגען גלייך מיט'ן וועג צוריק פערביי דאָס הויז פון זיין געליעבטער. יאָ, איצט האָט ער דאָ געקאָנט רוהיג שטעהן; — ווער האָט עס איצט דאָרט אויבען אַ עסק מיט איהם? און ער האָט אַרויפגעקוקט אין דער הויך, אינ'ם פענסטער פון שלאָף־צימער, און האָט געוואָלט מיט זיין בליק דורכדרינגען די גלאָז־שויבען און די אַראָבגעלאָזענע פאָרהאַנגען. דאָס קראַנקענצימער — יאָ! — ס'האָט זיך דאָך אַליין פערשטאַנען, אַז דאָ, הינטער די דאָזיגע שטילע פענסטער מוז ליעגען אַ שווער־קראַנקער! — ווי אַזוי האָט ער עס גלייך אינ'ם ערשטען אָבענד נישט געוואוסט? היינט האָט ער איינגעזעהן, אַז דאָס קאָן גאָרנישט אַנדערש זיין. — אַ עקיפּאַזש האָט זיך אָבגעשטעלט פערביי דעם הויז; אַלבערט

איז צוגעלאָפען, האָט געזעהן, ווי עס שטײַגט אַרויס אײנער אַ איהם־אונבעקאַנטער פּראָפעסאָר און ווערט פערשוואונדען אין טויער. אַלבערט איז געבליעבען שטעהן גאַנץ נאָהענט פון דאַנען, אום אָבצוװאַרטען דעם פּראָפעסאָר, אין דער אונבעשטימטער האָפנונג, צו קאָנען עפּעס אַראָבלײענען פון זײַן פּנים... ער איז געשטאַנען עטליכע מינוטען אינגאַנצען אונבעװעגליך און דערנאָך האָט די ערד אונטער זײַנע פיס זיך אָנגעהויבען צו וויגען אַרויף און אַראָב. דאַן האָט ער געשפירט, אַז די אויגען האָבען זיך איהם צוגעקלעפּט; און װען ער האָט זיי געעפענט, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער חלומ׳ט שוין דאָ אַזוי שעה׳ען לאַנג און איצט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אַ פרישער, אַ מונטערער... אַז זי איז שווער קראַנק, האָט ער געקאָנט גלויבען, אָבער געפעהרליך — ניין... אַזוי יונג, אַזוי שען און אַזוי געליעבט... און פּלוצלונג האָט איהם, ווי אַ פײַל, ווידער דורכגעשאָסען דעם קאָפּ דאָס וואָרט: קאָפּ־טיפוס... ער האָט נישט געוואוסט קלאָר, וואָס דאָס איז אײגענטליך, און האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער האָט אַמאָל געזעהן דאָס וואָרט אינ׳ם צעטעל פון די געשטאָרבענע אַלס די אורזאַך פון שטאַרבען... ער האָט זיך איצט פאָרגעשטעלט איהר נאָמען געדרוקט, דערבײַ איהר עלטער, און נעבען דעם: „געשטאָרבען דעם 10 אויגוסט פון קאָפּ־טיפוס"... דאָס איז אונמעגליך געװען, פאָלקאָם אונמעגליך... איצט, ווען ער האָט זיך עס פאָרגעשטעלט, האָט עס איהם שוין אויסגעזעהן אינגאַנצען אונמעגליך... דאָס וואָלט זײַן צו זעלטען, ווען ער וואָלט עס טאַקע ווירקליך קאָנען לײענען אין עטליכע טעג אַרום... איהם איז זאָגאַר אײַנגעפאַלען, אַז ער האָט אָבגענאַרט דעם שיקזאַל. —

דער דאָקטאָר איז אַרויסגעגאַנגען פון טויער. אַלבערט האָט שוין געהאַט כמעט פערגעסען אָן איהם, איצט האָט איהם פערכאַפּט דער אָטעם. דעם דאָקטאָרס געזיכט האָט אויסגעדריקט גלײַכגילטיגקײַט און ערנסטקײַט. ער האָט אָנגערופען דעם קוטשער עפּעס אַ נאָמען, האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין עקיפּאַזש און איז אַוועקגעפאָהרען.

— פאַרוואָס האָב איך איהם נישט געפרעגט? — האָט אַלבערט געטראַכט... דערנאָך אָבער איז ער, פערקעהרט, צופריעדען געװען דערפון, וואָס ער האָט עס נישט געטהון... יענער וואָלט איהם דאָ געוויס געזאָגט עטוואָס שרעקליכעס... אַזוי, ווענינגסטענס, קאָן ער דאָך נאָך ווײַטער האָפען... ער האָט זיך פאַמעליך דערווײַטערט

פונ׳ם טויער, און בעשלאָסען ביי זיך נישט פריהער, ווי אין אַ שעה אַרום, דאָ נאָכאַמאָל צו זיין... און פלוצלונג האָט זיך איהם אַנגעהויבען פאָרצושטעלען, ווי זי וועט דאָס ערשטע מאָל נאָך איהר געזונד ווערען ווידער קומען צו איהם... דאָס בילד איז אַזוי דייטליך געוועזען אַז ער איז אַליין ערשטוינט געוואָרען. ער האָט אַפילו דאָס אויך געוואוסט, אַז אין יענעם טאָג וועט געהן אַ פיינער, גרויער רעגען. און זי וועט זיין איינגעהילט אין אַ מאַנטעל, וועלכער וועט איהר שוין אין פאָדער־צימער אַראָבפאַלען פון די אַקסלען, און זי וועט זיך אַ וואָרף טהון אין זיינע אָרעמס, און וועט קאָנען נאָר וויינען און וויינען.

— אָט האָסטו מיך... וועט זי ענדליך אַרויספּליפּטערן....

פלוצלונג איז אַלבערט אַ צוצאַפּעלטער געוואָרען... ער האָט געשפירט, אַז דאָס וועט קיינמאָל, קיינמאָל נישט זיין... איצט האָט דאָס שיקזאַל איהם אָבגענאַרט... זי וועט שוין קיינמאָל מעהר נישט קומען צו איהם... מיט פינף טאָג צוריק איז זי ביי איהם דאָס לעצטע מאָל געוועזען און אויף אייביג שוין איז זי פון איהם אַוועקגעגאַנגען, און ער האָט עס נישט געוואוסט...

און ווידער איז ער געלאָפען דורך די גאַסען; די געדאַנקען האָבען זיך איהם געטומעלט אין קאָפּ, און ער האָט געבענקט נאָכדעם, דעם זינען צו פערליערען... איצט איז ער ווידער געשטאַנען נעבען איהר וואוינונג... דאָס טויער איז נאָך אַלץ אָפען געוועזען, און אויבען האָבען זיך געזעהען ליכט־שיינען אין עס־און שלאָפצימער... אַלבערט איז געשווינד אַנטלאָפען... ער האָט געוואוסט: ווען ער וואָלט נאָך איין סעקונדע געבליבען דאָרט שטעהן, וואָלט ער בעשטימט אַרויפגעפלויגען אויבען... צו איהר... צו איהר בעט... צו דער געליעבטער. —

און ווי זיין שטייגער איז געוועזען, האָט ער זיך די סצענע אויך געמוזט פאָרשטעלען ביזן סוף. און ער האָט געזעהן, ווי דער מאַן, וועלכער האָט מיט איין מאָל אַלץ פערשטאַנען, איז צוגעלאָפען צו דער קראַנקער, וועלכע איז געלעגען בעוואוסטלאָז, און האָט איהר געטרייסעלט און אין אויער אַריינגעשריען:

— דיין געליעבטער איז דאָ, דיין געליעבטער איז דאָ.

זי איז שוין אָבער טויט געווען...

---

... אין שווערע חלומות האט ער פערבראכט די נאכט, און אין טעמפער מיעדקייט — דעם טאג. ארום עלף דעם זייגער אין דער פריה האט ער שוין געשיקט א שליח, געוואהר ווערען, וואס דארטען הערט זיך. איצט האט ער עס גאנץ רוהיג געקאנט טהון; ווער קוקט זיך עס איצט אום דארטען אויף די מענשען, וועלכע קומען זיך נאכפרעגען; די ידיעה, וואס ער האט ערהאלטען, איז געווען א קורצע:

אלץ איינס...

... דעם גאנצען נאכמיטאג איז ער געלעגען אין שטוב אויפ'ן דיוואן און האט זיך אליין נישט פערשטאנען. ער איז צו אלץ גלייכגילטיג געווען; און האט געטראכט: ס'איז גאנץ אנגענעם, אזוי מיעד צו זיין. געשלאפען איז ער זעהר א סך... ווען אבער ס'איז דונקעל געווארען, איז ער פלוצלונג אויפגעשפרונגען פון ארט, און האט אויסגעזעהן ערשטוינט, ווי ווען איהם וואלט איצט דאס ערשטע מאל פאר דער גאנצער טומעלדיגער צייט די זאך איינגאנצען קלאר געווארען. איהם האט ארומגענומען א אונגעהויערער פערלאנג, אלץ קלאר צו דערגעהן... היינט מוז ער מיט'ן דאקטאר אליין רעדען. —

ער איז געלאפען געשווינד צו איהר וואוינונג. די הויזוועכטערין איז געשטאנען פאר'ן טהיר. ער איז צוגעגאנגען צו איהר און אליין בעוואונדערענדיג זיין רוהיגקייט, האט ער געפרעגט:

— וואס מאכט די פרוי...?

די הויז־וועכטערין האט געענטפערט:

— אה, ס'האלט זעהר שלעכט מיט איהר; זי וועט שוין מעהר נישט אויפשטעהן...

— אה! — האט אלפרעד מיטליידיג זיך א האפ געטהון און צוגעגעבען:

— דאס איז זעהר טרויעריג.

— נאך ווי טרויעריג! — האט יענע זיך ווידער אבגערופען, — אזא יונגע, שענע פרוי.

און מיט די ווערטער איז זי פערשוואונדען געווארען אין טויער. אלבערט האט איהר נאכגעקוקט...

זי האט מיר גארנישט געזאגט, — האט ער זיך געטראכט, און אינ'ם זעלביגען מאמענט איז איהם שוין איינגעפאלען א קלער

צו טאָן, צי דאַרף ער ניט וואַגען אַמאָל אויך אַריינצוגעהן אַליין אין וואָהנונג, אויב ער איז יאָ אַזאַ קינסטלער אין פערשטעלען זיך...

ס'איז צוגעפאָהרען דעם דאָקטאָר'ס עקיפּאַזש. ווען יענער איז אַרויסגעשטיגען, האָט אַלבערט געצויגען דעם הוט, און ערהאַלטען אַ העפליכען דאַנק. דאָס איז איהם אַנגענעהם געווען — איצט איז ער דאָך שוין מיט איהם געוויסערמאַסען בעקאַנט און ווען ער וועט אַראָפּקומען, וועט ער איהם גיכער קענען פרעגען...

ער איז געבליבען שטעהן אונבעוועגליך און איהם איז אַנגענעהם געווען צו טראַכטען, אַז דער דאָקטאָר איז ביי איהר. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז יענער איז אַראָפּגעקומען... יעדענפאַלס מוז דאָ נאָך זיין עפּעס אַ מעגליכקייט, איהר געזונד צו מאַכען, וואָרום ווען ניט, וואָלט זיך דאָך דער דאָקטאָר נישט אויפגעהאַלטען אַזוי לאַנג אויבען... און אפשר גוסס'ט זי שוין... און אפשר.. אַה.. אַוועק, אַוועק מיט די געדאַנקען!.. ער האָט געוואָלט פערטרייבען פון זיך די דאָזיגע אַלע געדאַנקען, — זיי ברענגען דאָך קיינע נוצען נישט און ס'איז דאָך נאָך אַלץ מעגליך. פּלוצלונג האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז ער הערט דעם דאָקטאָר רעדענדיג: ער האָט געהאַפּט די ווערטער: „דאָס איז דער קריזיס"; און נישט ווילענדיג האָט ער אַ קוק געטהאָן צום פענסטער אין דער הויך, וואָס איז געשטאַנען פערמאַכט. ער האָט געקלערט, צי איז ביי געוויסע אומשטענדען, ביי אַ אויפגערעגטער און דעריבער אויך זעהר שאַרפער עמפּפינדונג, צום ביישפּיעל, נישט מעגליך אַמאָל, צו הערן די ווערטער פון אַ מענשען, אפילו דורך אַ פערמאַכטען פענסטער. יאָ, געוויס, ער האָט זיי דאָך ג ע ה ע ר ט, און געהערט נישט ווי אין דער איינבילדונג, נאָר ווי ווירקליך אַרויסגערעדטע ווערטער. גלייך אין דער זעלביגער מינוט איז דער דאָקטאָר אַרויסגעגאַנגען פון טויער. אַלבערט האָט זיך געלאָזען צוגעהן צו איהם; דער דאָקטאָר, אָננעהמענדיג איהם פאַר אַ פערוואַנדטען פון דער פאַמיליע און לייענענדיג די שטומע פראַגע איהם פון די אויגען אַרויס, האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. אַלבערט אָבער האָט דאָס נישט געוואָלט פערשטעהן. ער האָט אָנגעהויבען צו רעדען.

— ערלויבט מיר, הערר פּראָפעסאָר, אייך צו פרעגען...

דער דאָקטאָר איז געשטאַנען מיט איין פוס אויף דעם פוסברעטעל פון עקיפּאַזש און האָט ווידער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— ס׳איז זעהר שלעכט, — האָט ער געזאָגט און אָנגעקוקט דעם יונגען־מאַן. — איהר זענט דער קראַנקער׳ס ברודער, יאָ?

— יאָ, האָט אַלבערט געענטפערט...

דער דאָקטאָר האָט איהם מיטליידיג אָנגעקוקט. דערנאָך האָט ער אַ שאָקעל געטהון צו איהם מיט׳ן קאָפּ און איז אַוועקגעפאָהרען.

---

מיט אַ פערקלעמט הארץ האָט אַלבערט נאָכגעקוקט דעם עקיפּאַזש — מיט איהם צוזאַמען איז אויך זיין לעצטע האָפנונג אַוועק. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזען געהן. ער האָט אין דער שטיל גערעדט צו זיך אַליין, ווערטער כמעט איננאַנצען אָהן אַ שום זין, און דערביי האָבען זיך איהם די ציינער געטרייסעלט.

... אַלזאָ, וואָס וועלען מיר היינט טאָן?... אויפ׳ן לאַנד איז שוין צו שפּעט, אויפ׳ן לאַנד איז שוין צו־שפּעט. ס׳איז צו־שפּעט... ס׳איז צו־שפּעט... יאָ, איך בין טרויעריג!.. בין איך טאַקע טרויעריג? בין איך טאַקע אַזוי טוידט בעטריבט? ניין, איך געה שפּאַציערען, איך פיהל גאָרנישט, גאָרנישט. איך וואָלט געקענט איצט אין טעאַטער געהן, יאָ, אָדער אויפ׳ן לאַנד פאָהרען —... אָה, ניין, דאָס דאַכט זיך מיר נאָר אַזוי... איך געה פראָסט פון זינען אַראָב, וויילע איך בין אַזוי טיעף אָנגעגריפען. יאָ... אָנגעגריפען בין איך, און דערשלאָגען! דאָס איז אַ גרויסער מאָמענט, איך מוז איהם קענען בייקומען! אַביסעל קלערער פערשטעהן און גאָרנישט פיהלען... גאָרנישט... גאָרנישט... איהם האָט אָנגעהויבען שוידערן... אהיים, אַהיים. איך האָב שוין געמוזט אַמאָל האָבען עטוואָס אַזוינס איבערגעלעבט... אָבער ווען, ווען?.. אפשר אַמאָל אין חלום... און אפשר איז דאָס אַלץ אַ חלום?.. יאָ, איצט געה איך אַהיים, ווי אַלע אָבענד, ווי ווען עס וואָלט קיין זאַך נישט האָבען פאָרגעקומען, קיין זאַך נישט, דאָס מינדעסטע נישט. אָבער וואָס אַזוינס רעד איך מיר אומזיסט איין! איך וועל דאָך אין דערהיים נישט אַיינזיצען, איך וועל דאָך אין מיטען דער נאַכט אַנטלויפען, און צולויפען ביז׳ן הויז פון דער געליבטער, ביז׳ן הויז פון דער שטאַרבענדער געליבטער... און זיינע ציינער האָבען זיך פונאַנדערגעטרייסעלט. —

פלוצלונג האָט ער זיך געפונען אין זיין צימער, און האָט זיך נישט געקענט דערמאָהנען, ווי אַזוי ער איז דאָ אַרויפגעקומען. ער האָט אָנגעצונדען פייער און זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן דיוואַן.

— איך וויים, ווי דאָס איז: — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין, — דאָס אונגליק קלאַפט אין טהיר, און איך לאָז איהם נישט אַריין. איך וויים אָבער, אַז עס שטעהט אין דרויסען, דורכ'ן קליינעם פענסטעריל זעה איך איהם — — — אַה, ווי נאַריש, ווי נאַריש... אַלזאָ, מיין געליעבטע וועט שטאַרבען... יאָ, זי וועט, זי וועט!... אונאפשר האָף איך נאָך אויף עפּעס און בין דעריבער אַזוי רוהיג? ניין, איך וויים עס גאַנץ בעשטימט. אַה, און דער דאָקטאָר האָט מיך אָנגענומען פאַר איהרען אַ ברודער!... ווען איך וואָלט איהם געענטפערט: ניין, איך בין איהר געליעבטער, אָדער: איך בין איהר שמאַכטענדער, איהר עלענדער ליעבהאָבער...

— גאָט אין הימעל! — האָט ער פלוצלונג אויסגעשריען, איז אויפגעשפרונגען און האָט אָנגעהויבען אַרומלויפען איבער'ן צימער אַהין און צוריק... איך האָב איהם אַריינגעלאָזען! דאָס אונגליק איז דאָ!.. אַננאַ, אַננאַ, מיין זיסע, מיין איינציגע, מיין געליעבטע אַננאַ!.. און איך קען ביי דיר נישט זיין!.. גראָד איך נישט! איך, דער איינציגער, וועלכער געהערט צו דיר... אפשר איז זי גאָרנישט בעוואוסטלאָז!.. וואָס וויסען מיר איבערהויפט דערפון! און זי בענקט נאָך מיר, — און איך קען — איך טאָר צו איהר נישט געהן. און אפשר... אין דער לעצטער סעקונדע... ווען זי וועט זיך בעפרייען פון אַלעס ערדישעס... וועט זי עס זאָגען... וועט זי פליסטערן:

— רופט איהם מיר אַהער... איך וויל איהם נאָך איין מאָל זעהען... — און וואָס וועט ער טאָן?

אין אַ ווייַלע אַרום איז איהם שוין די גאַנצע סצענע געשטאַנען לעבעדיג פאַר די אויגען. ער האָט זיך געזעהען אַרויפלויפענדיג אויף די טרעפּ... דער מאַן האָט איהם אויפגענומען... האָט איהם אַליין צוגעפיהרט צום בעט פון דער שטאַרבענדער... זי האָט געשמייכעלט צו איהם מיט מוטנע טריבע אויגען... ער האָט זיך אָנגעבויגען איבער איהר... זי האָט איהם אַיינגעשלאָסען אין איהרע אַרעמס און ווען ער האָט זיך אויפגעהויבען, האָט זי אַרויסגעלאָזען דעם לעצטען אָטעם-צוג... און דאַן איז דער מאַן צו איהם צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט:

— נו, איצט, מיין הערר, קענט איהר געהן, מיר האָבען נאָך איינער מיט'ן אַנדערן אַ סך צו רעדען...

דאָס לעבען אָבער איז נישט אַזוי, ניין... דאָס וואָלט דאָך זיין דאָס שענסטע, דאָס ענטציקענדסטע... קענען איהר נאָכאַמאָל זעהען, פיהלען, אַז זי האָט איהם ווירקליך ליעב געהאַט!...

ער מוז אָבער איהר נאָכאַמאָל זעהען, אויף וועלכען אַרט דאָס זאָל נישט זיין... יאָ, ער קען זי דאָך — אום גאָטעס ווילען! — נישט לאָזען אַזוי שטאַרבען, נישט האָבענדיג איהר נאָך אַמאָל געזעהען! דאָס וואָלט זיין צו שרעקליך! ער האָט דאָך נאָך גאָרנישט געפרובט רעכט אַ טראַכט טאָן וועגען דעם. יאָ, אָבער וואָס טוט מען?.. ס'איז שוין געווען באַלד אין מיטען נאַכט! אונטער וואָס'רא תירוץ וואָלט איך געקענט דאָרט אַרויפגעהן, — האָט ער זיך געפרעגט. אָבער... דאַרף איך דען אַ תירוץ האָבען?... איצט, ווען דער טוידט... און ווען אפילו זי... שטאַרבט — האָב איך דען דאָס רעכט איהר געהיימנים צו ענטדעקען, איהר אַנדענקען צו בעשמוצען ביי איהר מאַן, ביי איהר פאַמיליע?... אָבער... איך קען מיך דאָך פאָרשטעלען פאַר אַ משוגע'נעם... אָה — איך קען מיך דאָך אַזוי קינסטלעריש פערשטעלען... אָה, גאָט!... וואָס איז'ס שוין ווידער פאַר'אַ קאָמעדיען־איינפאַל!... יעדענפאַלס, ווען מען פיהרט גוט דורך די ראָליע און מ'ווערט טאַקע איינגעשפאַרט אויפ'ן גאַנצען לעבען אין אַ דול־הויז... אָדער ווען זי ווערט געזונד און ערקלערט מיך אַליין פאַר אַ משוגע'נעם, וועלכען זי האָט קיינמאָל נישט געקענט, קיינמאָל נישט געזעהן!... — אָה... מיין קאָפּ, מיין קאָפּ! —

— איצט, — האָט ער געזאָגט צו זיך, — וועל איך די זאַך רוהיג בעקלערען. איך וויל זי נאָכאַמאָל זעהען... יאָ, וואָס עס זאָל זיך נישט מאַכען... איך מוז זי זעהען...

און ווידער האָבען זיך זיינע געדאַנקען געטומעלט: אין הונדערטער פערקליידונגען האָט ער זיך געזעהן אַרויפגעהענדיג דאָרט אויבען אויף די טרעפּ: אַלס אַסיסטענט פון פראָפעסאָר, אַלס אַפּטייקער־געהילף, אַלס לאַקיי, אַלס בעאַמטער פון אַ קבורה־געזעלשאַפט, אַלס בעטלער; אַם ענדע האָט ער זיך געזעהען גאָר אַלס קברן, זיצענדיג נעבען דער טוידטער, וועלכער ער טאָר נישט קענען,

זיצענדיג נעבען איהר, איינהילענדיג איהר אין א ווייסער טוך און אריינלעגענדיג אין קבר...

---

ווען ער האט זיך אויפגעהאפט, האבען זיך שוין געזעהן די ערשטע שטרייפען פון טאג. דאס פענסטער איז געשטאנען אפען, און נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער איז געלעגען אויפ'ן בעט א אנגעטהונענער, האט איהם געשווידערט פון קעלט, ווייל עס האט אנגעהויבען געהן א לייכטער רעגען און דער ווינט האט עטליכע טראפענס אריינגעיאגט אויך אין צימער. —

אלזא, דער הערבסט הויבט זיך אן, — האט אלבערט געטראכט... דערנאך האט ער זיך אויפגעהויבען און א קוק געטאן אויפ'ן זייגער...

— בין איך, הייסט עס, אבגעשלאפען גאנצע פינף שעה... אין דער צייט האט געקענט... א סך געשעהען...

א שוידער איז איהם דורכגעלאפען איבער'ן לייב.

— מאדנע: איצט, פלוצלונג, ווייס איך קלאר, וואס איך האב צו טאן. איך וועל איצט אהינגעהן, ביז צו דער טהיר פון זייער וואוינונג, דעם קראגען אויפגעשטעלט, און... אליין... פרעגען...

ער האט זיך אנגעגאסען א גלאז קאניאק, און האט עס שנעל אויפגעטרונקען. דערנאך איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער.

— פוי, ווי די גאסען זעהען אויס.

ס'איז נאך זעהר פריה געווען.

— דאס זענען בלויז אזעלכע מענשען, וועלכע האבען שוין זיבען דעם זייגער אין דערפריה וואס צו טאן. —— יא, היינט בין איך אויך א מענש, וואס האט שוין זיבען דעם זייגער אין דערפריה, וואס צו טאן ... — „ס'איז זעהר שלעכט", האט דער דאקטאר נעכטען געזאגט... פון דעם אבער איז נאך דערווייל קיינער נישט געשטארבען... און איך האב מיך דאך נעכטען כסדר געפיהלט אזוי, ווי ווען זי וואלט שוין... מ'דארף געהן... מ'דארף געהן...

ער האט אנגעטאן דעם אויבערציהער, גענומען א רעגען-שירם און איז אריין אין פאדער-צימער. זיין דינער האט אויסגעשטעלט אויף איהם א ערשטוינטען בליק.

— איך קום באַלד צוריק, — האָט ער געזאָגט און איז אַרויס־געגאַנגען. —

ער איז געגאַנגען, מאַכענדיג קליינע טריט; איהם איז אייגענטליך זעהר שווער געווען אַליין דאָרט אַרויפצוגעהן. וואָס וועט ער זאָגען?

ער איז צוגעקומען אַליין נעהנטער; אָט איז די גאַס... אָט זעהט ער פון ווייטען דאָס הויז... עס האָט איהם אויסגעזעהן אַזוי פרעמד... אין אַזאַ צייט האָט ער עס בעשטימט נאָך קיינמאָל נישט געזעהען.

— ווי מאָדנע עס זעהט אויס די בלאַסע ליכטיגקייט, וואָס דער רעגענדיגער פריה־מאָרגען האָט פערשפרייט איבער'ן שטאָדט. יאָ, אין אַזעלכע טעג שטאַרבט מען. —

ווען אַננאַ וואָלט אין יענעם טאָג, וואָס זי איז געווען ביי איהם דאָס לעצטע מאָל, זיך איינמאָל געזעגענט מיט איהם אויף שטענדיג, — ער וואָלט זי שוין היינט אפשר געהאַט פערגעסען. יאָ, גאַנץ בעשטימט — וואָרום עס איז געווען אַ שרעק, ווי לאַנג עס האָט איהם אויסגעזעהן די צייט פון דאַן אָן, פון ווען ער האָט איהר געזעהן דאָס לעצטע מאָל.

וואָס'רע פאַלשע בעגריפען פון צייט עס רופט אַרויס אַזאַ מין רעגענדיגער פריה־מאָרגען... אָה, גאָט...

אַלבערט איז געווען זעהר מיעד, זעהר צושטרייט.... ער איז כמעט אַריבערגעגאַנגען אינגאַנצען דעם הויז...

דאָס טויער איז געווען אָפען; גראָד איז איהם אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטען אַנטקעגען אַ יונג מיט מילך־קאַנען אין די הענד. אַלבערט איז זעהר רוהיג דורכגעגאַנגען דעם טויער — פלוצלונג, ווי ער האָט געוואָלט אַרויפגעהן אויף די ערשטע טרעפ, האָט איהם דורכגעשווינדערט דאָס פולע בעוואוסטזיין פון אַלץ, וואָס איז געשעהען, וואָס געשעהט איצט, וואָס ער וויל זיך דערוויסען. איהם איז געווען ריכטיג, ווי ווען ער וואָלט דעם וועג ביז אַהער דורכגעמאַכט נאָך האַלב־שלאָפענדיג און איצט האָט ער זיך פלוצלונג אויפגעהאַפט. ער האָט צוגעלעגט ביידע הענד צום האַרצען, איידער ער איז ווייטער געגאַנגען. דאָס אַליזאָ זענען געווען די טרעפ... ער האָט זיי דאָך פריהער נאָך קיינמאָל נישט געזעהען... ס'איז נאָך אויף זיי האַלב־פינסטער געווען; קיין גאַז־פלאַמען האָבען ביים וואַנד נישט געברענט... דאָ אויפ'ן ערשטען שטאָק איז געווען איהר וואָהנונג.

וואָס איז דאָס?.. בײדע טהירען זענען געשטאַנען אָפען... ער האָט געקענט זעהן דעם פּאָדער־צימער — ס'איז אָבער אין איהם קיין לעבעדיגער נפש נישט געווען. ער האָט אויפגעמאַכט אַ קליינע טהיר, וואָס האָט געפיהרט אין קיך. דאָ איז אויך קיינער נישט געווען. ער איז געבליבען אַ ווײַלע שטעהן אונבעשלאָסען. איצט האָט זיך געעפענט די טהיר, וואָס האָט געפיהרט אין די וואוינ־צימערן און אַ דיענסט־מיידעל איז שטיל אַרויסגעגאַנגען, גאָרנישט בעמערקענדיג איהם.

אַלבערט איז צוגעגאַנגען צו איהר.

— וואָס מאַכט די גנעדיגע מאַדאַם? — האָט ער געפרעגט.

דאָס מעדעל האָט איהם געדאַנקענלאָז אָנגעקוקט.

— מיט אַ האַלבע שעה צוריק איז זי געשטאָרבען, — האָט זי געזאָגט. דערנאָך האָט זי זיך אומגעווענדעט און איז אַרוים אין קיך.

אַלבערט האָט זיך געשפּירט ריכטיג, ווי ווען די וועלט אַרום איהם וואָלט פּלוצלונג ווערן טוידט־שטיל; ער האָט געוואוסט גאַנץ בעשטימט, אַז אין דעם מאָמענט האָבען אַלע הערצער אויפגעהערט צו קלאַפּען, אַלע מענשען צו געהן, אַלע דראָשקעס צו פאָהרען, אַלע זייגערס צו טיקען. ער האָט געשפּירט, ווי די גאַנצע לעבעדיגע, זיך בעוועגענדע וועלט, האָט מיט אַמאָל אויפגעהערט צו לעבען און זיך צו בעוועגען.

— אַלזאָ, דאָס איז דער טוידט, — האָט ער געטראַכט, — נעבען, אַלזאָ, האָב איך עס נישט פערשטאַנען...

— ענטשולדיגט, — האָט אַ שטימע זיך אָבגערופען נעבען איהם.

דאָס איז געווען אַ שווער־געקליידעטער הערר, וועלכער האָט געוואָלט פון די טרעפּ אַרײַנגעהן אים פּאָדער־צימער, און וועלכען אַלבערט, וועלכער איז גראַד געשטאַנען ריכטיג אין טהיר, האָט פערשטעלט דעם וועג.

אַלבערט איז אָבגעגאַנגען איין טריט ווײַטער אינווענדיג און האָט געלאָזען דעם הערר פערבײַגעהן. דער האָט זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף איהם, נאָר איז געשווינד אַרײַן אין וואוינונג און האָט געלאָזען די טהיר האַלב־אָפען. אַלבערט האָט איצט געקענט זעהן, וואָס עס טוט זיך אין'ם דערבײַאיגען צימער. ס'איז דאָרטען געווען כמעט פינסטער, ווײַל די פאָרהאַנגען זענען געווען אַראָבגעלאָזען; ער האָט געזעהן אַ פּאָר געשטאַלטען, וועלכע זענען געזעסען אַרום

אַ טיש, זיך אויפהויבענדיג און בעגריסענדיג דעם הער, וואָס איז אַריינגעקומען. ער האָט געהערט, ווי זיי האָבען געפּליסטערט... דער־נאָך זענען זיי פערשוואונדען געוואָרען אין אַ נעבען־צימער.

אַלבערט איז געבליבען שטעהן ביים טהיר און האָט געטראַכט: דאָרט אין יענעם צימער ליעגט זי... ס'איז נאָך קיין וואָך נישטאָ פון דער צייט, וואָס איך האָב איהר אין מיינע אָרעמס געהאַלטען... און איך טאָר נישט אַריינגעהן.—

ער האָט געהערט שטימען אויף די טרעפּ. צוויי פרויען זענען אַרויפגעקומען און איהם פערבייגעגאַנגען. איינע, די יונגערע, האָט געהאַט פערוויינטע אויגען. זי האָט אויסגעזעהען עהנליך צו דער געליעבטער. געוויס איז דאָס געווען איהר שוועסטער, פון וועלכער זי האָט איהם עטליכע מאָל דערצעהלט. אַ עלטערע דאַמע איז אַנט־קעגען געגאַנגען די צוויי פרויען, האָט זיי אַרומגעאַרמט און אין דער שטיל געוויינט.

— מיט אַ האַלבע שעה צוריק, — האָט געזאָגט די אַלטע דאַמע, — גאַנץ פּלוצלונג...

די טרערען האָבען איהר נישט געלאָזען ווייטער רעדען; אַלע דריי זענען פערשוואונדען געוואָרען דורך דאָס האַלב־פינסטערע צי־מער אינ'ם נעבען־רוים.

קיינער האָט זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט.

— איך קאָן דאָך דאָ אַזוי נישט בלייבען שטעהן, — האָט ער געטראַכט. — איך וועל בעסער איצט אַראָבגעהן און אין אַ שעה אַרום ווידער קומען.

ער איז אַראָב און געבליבען שטעהן עטליכע סעקונדען אויפ'ן גאַס. דער פריה־מאָרגענדיגער טומעל פון גאַס האָט זיך אָנגעהויבען,— פערביי איהם זענען האַסטיג דורכגעלאָפען פערשיעדענע מענשען, און די דראָשקעס האָבען געקלאַפּט.

אין אַ שעה אַרום וועלען אויבען דאָרט שוין געוויס זיין אַ סך מענשען און איך וועל מיך גאַנץ לייכט אַריינשטופּען צווישען זיי... מאָרגען: ווי די בעשטימטקייט בערוהיגט... איצט איז מיר אַ סך בעסער, ווי נעכטען... האָטש זי איז געשטאָרבען... מיט אַ האַלבע שעה צוריק... אין טויזענד יאָהר אַרום וועט זי נישט ווייטער זיין פון לעבען, ווי איצט... און דאָך: דאָס בעוואוסטזיין דערפון, אַז מיט אַ שעה פריהער האָט זי נאָך געאָטעמט, מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק

ריכטיג, ווי ווען זי וואלט נאך איצט אויך עפעס וויסען פון לעבען; עפעס אזוינס, וואס מ'קאן דערפון קיין אהנונג נישט האבען אזוי לאנג, ווי מ'אטעמט נאך... אפשר איז גאר אט דער אונבעגרייפבארער מאמענט, אין וועלכען מיר געהען איבער פון לעבען צום טוידט, אונזער ארעמע אייביגקייט...

יא, איצט וועל איך שוין נישט דארפען מעהר ווארטען נאכמיטאג... איך וועל שוין מעהר ביים קליינעם טהיר-פענסטעריל נישט שטעהן... שוין קיינמאל, קיינמאל נישט מעהר... — די דאזיגע שעה'ען האבען זיך איהם איצט פארגעשטעלט פאר די אויגען בעגאסען מיט א אונגלויבליכער שענקייט. מיט עטליכע טעג צוריק אינגאנצען איז ער אזוי, גליקליך געוועזען, — יא.... גליקליך.. דאס איז געוועזען א הייסע, טיפע גליקועליגקייט... אה... ווען איהרע טריט האבען זיך געהערט לויפענדיג אויף די לעצטע טרעפ... ווען זי האט זיך איהם אין די ארעמס אריינגעווארפען... און ווען זיי זענען אהן ווערטער און זיך נישט ריהרענדיג געלעגען אין דעם הונקעלען צימער, וואס איז פול געוועזען מיט די ריחות פון בלומען און ציגארען, אויף די ווייסע קישענס... אוים... אלץ האט זיך געענדיגט...

איך וועל אוועקפאהרען — דאס איז דאס איינציגע, וואס איך קאן טהון. וועל איך נאך איבערהויפט קאנען איבערטרעטען דעם שוועל פון מיין צימער! די טרערען וועלען זיך נישט ווילענדיג גיעסען פון מיינע אויגען... גאנצע טעג, אייביג, אייביג וועל איך וויינען...

ער איז דורכגעגאנגען פערביי א קאפע-הויז.

איהם איז איינגעפאלען, אז פון נעכטען נאכמיטאג אן האט ער נאך קיין ביסען אין מויל נישט גענומען; ער איז אריינגעגאנגען פריהשטיקען.

---

ווען ער איז ארוים פון קאפע-הויז, איז שוין דער זייגער געוועזען נאך ניין.

— נו, איצט קאן איך ווידער דארט ארויפגעהן... איך מוז זי דאך נאך איינמאל זעהן... וואס וועל איך אבער טהון?... וועל איך זי קאנען זעהן?... איך מוז זי זעהן... יא, איך מוז מיין, מיין,

מיין געליעבטער טוידטער אננאַ'ן דאָס לעצטע מאָל זעהן... וועט מען מיך אָבער אַריינלאָזען אין דעם צימער, וואו זי ליעגט?... געווים; דאָרט וועלען מסתמא זיין אַ סך מענשען, און אַלע טהירען וועלען שטעהן אָפען...

ער איז געלאָפען אַהין. —

ביים טהויער איז געשטאַנען די הויז-וועכטערין און האָט איהם געגריסט, ווען ער איז פערביי געגאַנגען; אויף די טרעפּ איז ער אַריבערגעלאָפען צוויי הערדען, וועלכע זענען אויך אַרויסגעגאַנגען. אים פאָדערצימער זענען געשטאַנען עטליכע מענשען, און די טהיר איז געשטאַנען איינגאַנצען אָפען.

אַלבערט איז אַריינגעגאַנגען.

דער פאָרהאַנג פון איין פענסטער איז געווען אַביסעל אַרויפגעצויגען און אין צימער האָבען זיך אַריינגעריסען עטליכע ליכט-שטראַהלען. דאָ האָבען זיך געפונען צוועלף מענשען, וועלכע זענען געשטאַנען אָדער געזעסען און זעהר שטיל גערעדט. די אַלטע דאַמע, וועלכער ער האָט שוין פריהער געזעהן, איז געזעסען, איינגאַנצען אַ צוזאַמענגעבראָכענע, אין ווינקעל פון אַ טונקעל-רויטער סאָפע.

ווען אַלבערט איז אַריבערגעגאַנגען פערביי איהר, האָט זי איהם אָנגעקוקט; דאַן איז ער געבליעבען שטעהן נעבען איהר און האָט איהר דערלאַנגט די האַנד. — זי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און ווידער אָנגעהויבען צו וויינען.

אַלבערט האָט זיך אַרומגעקוקט.

די צווייטע טהיר, וואָס האָט געפיהרט צום נעבענצימער, איז געווען פערמאַכט. ער האָט זיך געווענדעט צו אַ הערר, וועלכער איז געשטאַנען ביים פענסטער און האָט, איינגאַנצען נישט טראַכטענדיג, אַרויסגעקוקט דורך די שפּאַלטען פון פאָרהאַנג...

— וואו ליעגט זי? — האָט ער געפרעגט.

דער הערר האָט אָנגעוויזען מיט'ן האַנד אויף דער רעכטער זייט.

אַלבערט האָט פאַמעליך געעפענט די טהיר, און ער איז געבליבען שטעהן אַ פערבלענדעטער פון דער העלער ליכטיגקייט, וואָס האָט איהם ענטקעגען-געשטראָמט.

ער האָט זיך געפונען אין אַ גאַנץ ליכטיגען, קליינעם צימער

מיט ווייס און גאלד געמאלטע טאפעטען און האלב-בלויע מעבעל. קיין מענש איז דא נישט געוועזן. די טהיר צו דעם דערבייאיגען צימער איז געוועזן נאר פערהאנגען. ער איז אריין. עס איז געוועזן דאס שלאפצימער.

די לאדענס פון פענסטער זענען געוועזן פערמאכט; א נאכט-לאמפ האט געברענט... אויפ'ן בעט איז געלעגען אויסגעצויגען די געשטארבענע. די דעקע איז געוועזן ארויפגעצויגען ביז צו איהרע ליפען; איהר צו-קאפענס אויף דעם נאכט-טישעל, האט געברענט א ליכט, און געווארפען א העלע שיין אויף דאס אש-גרויע געזיכט פון דער טוידטער.

ער וואלט זי נישט דערקענט, ווען ער וואלט נישט וויסען, חער דאס איז. ערשט ביסלעכווייז האט ער אנגעהויבען צו בעמערקען די עהנליכקייט — ערשט ביסלעכווייז איז עס געווארען אננא, זיין אננא, וועלכע איז דא געלעגען, און דאס ערשטע מאל, זינט ס'האבען זיך אנגעהויבען די דאזיגע שרעקליכע טעג, האט ער איצט דערשפירט טרערען אין די אויגען.

א הייסער, ברענענדער וועהטאג האט איהם געפרעסט דאס הארץ. ער וואלט וועלען איהם ארויסשרייען, פאר איהר אניעדערפאלען, איהרע הענד קושען...

איצט ערשט האט ער זיך געהאפט, אז ער איז נישט אליין דא געוועזן מיט איהר. אימיצער איז געשטאנען אויף די קניע נעבען בעט צופוסענס, האט איינגעגראבען דעם קאפ אין דעקע און פעסט געהאלטען איין האנד פון דער טוידטער אין זיינע ביידע הענד. — אין דעם מאמענט, ווען אלבערט האט פראבירט איין טריט נעהנטער צוגעהן, האט יענער אויפגעהויבען דעם קאפ.

וואס וועל איך איהם זאגען? — אין דער מינוט אבער האט ער דערפיהלט, ווי דער מענש, וועלכער איז געשטאנען אויף די קניע, האט א האפ געטהון זיין רעכטע האנד, האט איהר געדריקט און מיט א טרערען-פערשטיקטער שטימע געפליסטערט:

— איך דאנק אייך... איך דאנק אייך.

און גלייך האט זיך דער ווינענדער צוריק אבגעווענדעט, האט געלאזען דעם קאפ אראבפאלען און שטיל געהליפעט אין דער דעקע. אלבערט איז נאך געבליבען א ווילע שטעהן און האט בע-

טראכט דאס געזיכט פון דער טוידטער מיט א מין קאלטער אויפמערקזאמקייט. די טרערען זענען איהם ווידער אויסגעטריקענט געווארען. זיין וועהטאג איז מיט אמאל געווארען טעמפ און קאלט. ער האט געוואוסט, אז די דאזיגע בעגעגעניש וועט איהם שפעטער אמאל פארגעקומען אין דער זעלביגער צייט אי שרעקליך אי קאמיש.

ער וואלט זיך אליין אין די אויגען אויסגעזעהן זעהר לעכערליך, ווען ער וואלט דא מיט דעם צוזאמען ליגען און הליפען.

ער האט זיך אבגעווענדעט ארויסצוגעהן.

ביים טהיר איז ער נאכאמאל געבליבען שטעהן און האט זיך אומגעקוקט צוריק. דאס פייער פון דער ליכט האט זיך געוויעגט, און איהם האט זיך געדאכט, אז ער זעהט א שמייכעל ארום אננא'ס ליפען. ער האט געשאקעלט צו איהר מיט'ן קאפ, ריכטיג, ווי ווען ער וואלט נעהמען אבשייד פון איהר און זי וואלט עס קאנען זעהן.

ער האט זיך געקליעבען ארויסצוגעהן; איצט אבער האט ער זיך געשפירט אזוי, ווי ווען זי וואלט איהם פעסט צו־האלטען מיט דעם דאזיגען שמייכעל. און עס איז געווארען מיט איין מאל א פרעמדר שמייכעל, פול מיט פעראכטונג, וואס האט אויסגעזעהן צו רעדען עפעס, און ער האט עס געקאנט פערשטעהן. און דאס שמייכעל האט געזאגט:

— איך האב דיך געליעבט און איצט שטעהסטו דא, ווי א פרעמדער און פערלייקענסט מיך. זאג איהם, אז איך בין דיינע געוועזן, אז דו האסט דאס רעכט פאר מיין בעט צו קניען און מיינע הענד צו קושען. — זאג עס איהם! פארוואס זאגסטו'ס איהם נישט?

ער אבער האט עס נישט געוואגט צו טהון. ער האט זיך מיט'ן האנד די אויגען פערשטעלט, אום נישט צו זעהען מעהר איהר שמייכעל...

אויף די שפיץ פינגער האט ער זיך אומגעדרעהט, איז ארויס פון צימער און האט פערמאכט די טהיר הינטער זיך. שוידערנדיג איז ער דורכגעגאנגען דעם ליכטיגען סאלאן, דערנאך האט ער זיך א דורכגעשטופט אין דעם האלב־דונקעלען צימער צווישען די אלע מענשען, וועלכע זענען געשטאנען און געפליסטערט צווישען זיך און צווישען וועלכע ער האט נישט געטארט בלייבען; דורכלויפענדיג

דאַן דעם פּאָרערצימער איז ער אַראָב פון די טרעפּ, און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון טהויער, האָט ער זיך שטיל אַוועקגערוקט ווײַטער פון דעם הויז, און זײַנע טריט זענען וואָס ווײַטער געוואָרען אַלץ געשווינדער, און עס האָט איהם געטריבען פון דער געגענד, און ער איז געלאָפען, טיעף פערשעמט, דורך די גאַסען; וואָרום עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער טאָר נישט טרויערען אַזוי ווי די אַנדערע, אַז זיין טוידטע געליעבטע האָט איהם אַרויסגעטריבען, ווייל ער האָט איהר פערלייקענט. —

# מינוטען לעבען.

א פיעסע אין איין אקט.

---

## פערזאנען:

הויזדאַרפער. — דימיסיאָנירטער בעאַמטער.
היינריך.
באַראָמעאוס. — גערטנער.

---

די סצענע שטעלט פאָר אַ קליינעם, גוט אויפגעהאַלטע־נעם גאָרטען אין אַ פאָרשטעדטיל אַרום וויען. טיעף אין הינטערגרונד — אַ הייזעל מיט אַ וועראַנדע, פון וועלכער דריי טרעפלעך פיהרען אַריין אין גאָרטען. פאָרנט — דריי שטוהלען און איין ברייטער, טיעפער פאָטעיל. ס'איז פריה אים הערבסט. פאַרנאַכט. אַרום הערשט אַ פאָלשטענדיגע שטילקייט.

דער גערטנער באַראָמעאוס, אַ אַלטער מאַן מיט לאַנגע גרויע האָר, גראָבט איבער די ערד. הויזדאָרפער געהט פאַמעליך אַראָב פון וועראַנדע; ער זעהט אויס, ווי פון אַ יאָהר זעכציג, דאָס גע־זיכט גלאַט געראַזירט, מיט קורץ צוגעשוירענע גרויע האָר און יונגע אויגען. ער טראָגט אַ דונקעלן קאָסטיום, וואָס ליגט אויף איהם גוט און בעקוועם, און אויפ'ן קאָפ — אַ דונקעלן שטרויענעם הוט מיט ברייטע פליגעל.

---

הויזדאָרפער. גוטען אָבענד, באַראָמעאוס.

באַראָמעאוס. גוטען אָבענד, מײַן הער. איהר זענט, מסתמא, געוועזען הײַנט נאָכמיטאָג אין שטאָדט? יאָ?

הויזדאָרפער. ניין, ניין.

באַראָמעאוס. איך האָב אַזוי געטראַכט דערפאַר, וואָס איהר האָט הײַנט ווידער נישט געטרונקען קיין קאַפע אין אַלטאַנע.

הויזדאָרפער. ניין, ניין, איך בין נישט געוועזען אין שטאָדט. איך בין געלעגען אויפ'ן דיוואַן. מיר האָט דער קאָפּ וועה געטאָן. וואָס טהוט איהר עס דאָ? מיר וועלן דאָך אַזוי ביידע שוין באַלד האָבען איבערגעגראָבען דעם גאַנצען גאָרטען?

באַראָמעאוס. נו געווים, מײַן הער. מ'מוז דאָס. בײַנאַכט קען זיך מאַכען אַ פראָסט. איצט איז שוין אָקטיאַבר, און מיך נאַרען אָט די דאָזיגע וואַרעמע טעג נישט אָב: איך האָב צו זיי קיין צוטרוי נישט. איהר געדענקט דעם הערבסט פון 93-טען יאָהר? אין אָבענד איז מען געזעסען אויפ'ן ווערענדע... יאָ, דאָס איז געוועזען דעם 28-טען אָקטיאַבר... און דרײַ דעם זייגער אין דער פריה איז געוועזען אַ פראָסט! דאָס זעלבע איז געוועזען אויך אין 87-טען און אין 88-טען יאָהר. ניין, מיך וועלן די דאָזיגע וואַרעמע טעג נישט אָבנאַרען.

הויזדאָרפער. איהר זענט פאָלקאָם גערעכט, באַראָמעאוס. (קוקט זיך אַיין, ווי ער אַרבייט). נו, און וואָס וועלן מיר דעם יאָהר זיהען? (פערטראַכט זיך און הערט קוים אויס דעם ענטפער).

באַראָמעאוס. יאָ, אָט, איך האָב מיך טאַקע אַליין גע־קליבען, צו רעדען מיט אייך וועגען דעם. איך בין הײַנט, זעהט איהר, נאָכמיטאָג געוועזען דאָרט בײַ פראַנצ'ן.

הויזדאָרפער (צושטרײַט). בײַ וועמען?

באַראָמעאוס (עטוואָס פערוואונדערט). בײַ דעם גערטנער פון באַראָן ווײַסענעק. ער איז אַ מענש אַ בייזער, נאָר זײַן זאַך קען ער. און קען, דאָס מוז איך אײַך מודה זײַן, בעסער פון מיר. ער האָט זיך דאָס אַליין אויסגעלערנט פון די ביכער. בײַ איהם שטעהען גאַנצע צוואַנציג גראָבע ביכער אויבען, אויפ'ן שקאַף. און דעריבער שעם איך מיך נישט, זיך צו ווענדען צו איהם מכח אַני־עצה.

הויזדאָרפער (נישט הערענדיג, וואָס ער רעדט). יאָ,

יאָ, איהר דאַרפט טאַקע אַזוי טאָן.

באַראָמעאוס. וואָס, מײַן הערר, וואָס טאָן?

הויזדאָרפער. דאָס, וואָס ער האָט אײַך געהייסען. יאָ. איך בין פאָלקאָם אײנשטימיג.

באַראָמעאוס (זיך אַליין מעהר וואונדערנדיג). מײַן הערר... איך האָב דאָך... איך האָב דאָך נאָך גאָרנישט...

הויזדאָרפער. אַזוי וועט גוט זײַן.

באַראָמעאוס (כמעט דערשראָקען). מײַן — !

הויזדאָרפער (ווי קומענדיג צו זיך). וואָס?

באַראָמעאוס. אָ! מסתמא... ענטשולדיגט, וואָס איך ערלויב זיך, אײַך צו פרעגען... דער מוטער פון דעם הערר היינריך איז שוין מסתמא ווידער ערגער געוואָרען... (טומעלט זיך מעהר צוליעב דעם, וואָס הויזדאָרפער ענטפערט נישט). יאָ... איך גלויב אַזוי, ווײַל זי איז שוין גאַנצע דרײַ וואָכען נישט געקומען צו פאָהרען אַהער, צו אונז.

הויזדאָרפער. ניין... זי... זי איז געשטאָרבען. אַ דאַנק אײַך פאַר אײַער נאָכפרעגען... זי איז געשטאָרבען... (זעצט זיך).

באַראָמעאוס (נעהמט אַראָב דעם הוט אינגאַנצען אַ דערשראָקענער). אָ, אָ! (פויזע).

הויזדאָרפער. יאָ. זי וועט שוין קיינמאָל אַהער נישט קומען צופאָהרען, שוין קיינמאָל נישט!

באַראָמעאוס. גאָט מײַנער! קען דאָס זײַן? גאָט מײַנער! איך האָב גאָרנישט אָנגעהויבען וויסען דערפון, אַז זי איז געווען אַזוי קראַנק. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). אַ פרוי איז זי געווען, קען מען זאָגען, נאָך אַ יונגע...

הויזדאָרפער. נו, וואָס רעדסטו, אַ יונגע, טײַערער באַראָמעאוס?... געווים, זי איז געווען מיט זיעבען יאָהר יונגער פון מיר; מיר אָבער ווערט שוין אויך באַלד זעכציג.

באַראָמעאוס. נו, יאָ.

הויזדאָרפער. לאָמיר אָננעהמען, אַז מ'קען דערלעבען ביז לענגערע יאָהרען, ווי די, ביז וועלכע זי האָט דערלעבט... דאָס איז אמת...

באַראָמעאוס. אָבער איך, איהר ווייסט, איך האָב עס געזאָגט דערפאַר, וואָס פאַר די פופצען-צוואַנציג יאָהר האָב איך גע-

זעהען דער געשטאָרבענער כמעט יעדען טאָג, נו, און אין דער זעלביגער צײַט...

הויזדאָרפער. יאָ; מיט צוואַנציג יאָהר צוריק זענען מיר אַלע געווען יונגער.

באַראָמעאוס. אָבער גאָר אין דער לעצטער צײַט האָט זי אויך נישט אויסגעזעהן קיין זקנה. און אַט, גראָד היינטיגען זומער, ווען זי איז געוואָרען אַזוי בלאַס און מאָגער, האָט מען זיך נאָך גענקענט פערליבען אין איהר... איך געה דאָ ווען ס'איז אַרוים אָט פון יענער אַלעע, און זי זיצט דאָ, אַזוי... איך האָב... אויף מײַן עהרענוואָרט געמיינט, אַז דאָס איז איהר אינגערע שוועסטער!...

הויזדאָרפער (נאָך אַ קורצער פויזע). נו, איז וואָס אַזוינס האָט ער אײַך געזאָגט... דער בייזער פראַנץ, וואָס ביים באַראָן?

באַראָמעאוס. ניין, מײַן העיר, ניין... איצט וויל איך נישט רעדען וועגען אַזעלכע נאַרעשקײַטען... (קושט איהם די האַנד). איך ווייס, וואָס ס'הייסט... איך האָב אויך געהאַט אַ ווײַב... און איך האָב איהר אויך בעגראָבען... (דערשרעקט זיך ווידער פאַר די ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט). אָ! איך רעד'ס נאָר אַזוי...

הויזדאָרפער. ס'מאַכט נישט אויס... באַראָמעאוס... עס מאַכט נישט אויס...

באַראָמעאוס. נו, און וואָס איז מיט דעם יונגען העיר? איך מיין... ער... דאָס איז דאָך שרעקליך! גאָט! גאָט מײַנער! די לעצטע צײַט פלעגט ער שטענדיג קומען אַהער צוזאַמען מיט איהר, און אין אָבענד ווידער קומען צו פאָהרען און אָבפיהרען איהר אין שטאָדט.

הויזדאָרפער. יאָ, ס'איז אַ רחמנות אויף איהם.

באַראָמעאוס. ער האָט אַליין אויך, מסתמא, אויך געמוזט קראַנק ווערן, וואָס ער קומט נישט אַהער.

הויזדאָרפער. ניין, ניין. איך וואַרט איהם אָב יעדען טאָג. ער איז דאָך דאָ נישטאָ... ער איז אַוועקגעפאָהרען... ער דאַרף אָבער אַ ליאַדע טאָג אָנקומען. ער איז געפאָהרען זיך אַביסל אָברוהען... ער דאַרף, פערשטעהט איהר, ווידער אָנהויבען אַרבייטען.—

באַראָמעאוס. יאָ, געוויס... ווען אַ מענש האָט זײַן בעשעפטיגונג.

הויזדאָרפער. און דערצו נאָך אַזאַ בעשעפטיגונג, ווי

זײַנע!... אַ שרײַבער! אַ פּאָעט! (שטעלט זיך אַ פּאָעט! איהר װײסט, װאָס דאָס איז אַזױנס?

באַראָמעאוּס. װאָס רעדט איהר, מײַן הערר, װי הײסט עס נישט װיסען!

הױזדאָרפער. נײן, איהר װײסט גאָרנישט... גאָרנישט! און מיר אַלע װײסען דאָס נישט, מיר, געװעהנליכע מענשען, װעלכע טױגען נישט צו קײן אַנדער זאַך, אױסער איבערצוגראָבען דעם גאָרטען, און צו זײהען...

באַראָמעאוּס. נוּ, װאָס רעדט איהר? איהר טוּט דען...

הױזדאָרפער. נוּ יאָ, איהר װילט זאָגען, באַראָמעאוּס, אַז איך האָב זיך פריהער בעשעפטיגט אױסער דערמיט אױך מיט אַנאַנדער אַרבײט... יאָ, יאָ. יענע מײַנע בעשעפטיגוּנגען זײַנען אָבער אױך נישט בעסער געװען פון די איצטיגע. איך בין געזעסען אין שטאָדט, אין בּיוּראָ, טעגליך פון אַכט ביז צװײ, און אַמאָל אױך ביז דרײַ אָדער ביז פיער.

באַראָמעאוּס. איך שטעל מיך פאָר, װאָס׳רע פּײַן דאָס איז, צו זיצען יעדען טאָג גאַנצע זעקס שעה אױף אײן אָרט מיט אײן אָטעם. איך האָב מיט איך שטענדיג מיטלײַד געהאַט, װען איהר פלעגט אַזױ שפּעט בײַנאַכט קומען צופאָהרען אַהער, צו אונז. און װינטער אפילוּ...

הױזדאָרפער. װאָס קען מען העלפען, באַראָמעאוּס? איצט זיצט דאָרט אױף מײַן אָרט אַנאַנדערער, און װעט ער דערלעבען, אַזױ װי איך, ביז צו עמעריטוּר, װעט ער זיך אױך אָנגעבען אין דימיסיע, און אין בּיוּראָ אױף זײַן אָרט װעט װידער זיצען אַנאַנדערער. איז דען נישט אַלץ אײנס, װער עס װעט זיצען אױף מײַן אָרט אין קאַנצעלאַריע? דאָס איז נישט שװער. אַ פּאָעט אָבער... אָ, דאָס... דאָס איז גאָר אַנאַנדער סאָרט מענש... אַנדערש, װי אונזערער אַ ברוּדער, באַראָמעאוּס... װען אַ פּאָעט גיט זיך אָן אין דימיסיע, קען גאַנץ לײַכט פּאַרקומען, אַז זײַן פּלאַץ זאָל אַ לאַנגע צײַט בלײַבען לעדיג. יאָ, אַזאַ מענש דאַרף זיך היטען, איהם קען אױסקומען אָבצוגעבען אַ רעכנוּנג פאַר זיך דער גאַנצער װעלט... איהר פערשטעהט?

באַראָמעאוּס. נוּ, געװיס.

הױזדאָרפער. איהר הױבּט נישט אָן צו פערשטעהן גאָר-

ניִשט... איינפאַך גאָרניִשט. האָט איהר דען ניִשט בעמערקט אין היינריכ'ן עפּעס בעזונדערעס? האָט איהר דען ניִשט בעמערקט קיינמאָל... די שיינונגען אַרום זיין קאָפּ? אַ? נו, אָט זעהט איהר!... (באַראַמעאוס שמייכעלט פריהער, און ווערט דערנאָך ערנסט). האָט ניִשט מורא, באַראַמעאוס, איך בין ניִשט אַראָב פון זינען. איך רעד ניִשט דאָ וועגען אמת'ע שיינונגען, איך רעד וועגען שיינונגען אין דער פאָרשטעלונג. איהר קענט עס ניִשט זעהן... און איך אויך ניִשט... נאָר די געשטאָרבענע מאַמע היינריכ'ס האָט געזעהען אַזעלכע שיינונגען...

באַראַמעאוס. אַ! איך ווייס, וועגען וואָס איהר בעוויליגט צו רעדען. איהר ווילט זאָגען וועגען דעם, אַז, האָטש דער הערר היינריך איז נאָך אַזוי יונג, שרייבט מען שוין וועגען איהם אַ סך אין די „גאַזעטען" און אַלע רעדען דאָרט וועגען איהם אַזוי פיעל... יאָ, יאָ, דאָס הייסט... (זשעסטיקולירט מיט'ן האַנד איבער זיין קאָפּ און ווייזט אַ שיינונג. היינריך אָנגעטאָן אינגאַנצען אין שוואַרצען גערט פערביי דעם צוים פון גאָרטען. גריסט און ווערט ווידער פערשוואונדען. באַראַמעאוס קוקט אויף הויזדאָרפער'ן און שפּירט נאָך זיין בליק).

הויזדאָרפער. אַ! אָט איז ער! (זעצט זיך שווייגענדיג).

באַראַמעאוס. איהר וועט מיר ערלויבען, מיין הערר... איך האָב נאָך ניִשט געהאַט קיין געלעגענהייט אויסצודריקען דעם הערר היינריך מיין מיטגעפיהל... (אין דער מינוט קומט היינריך אַרויס פון שטוב אויפ'ן וועראַנדע).

הויזדאָרפער. איז וואָס... איך בעט אייך, געהט... דריקט איהם אויס אייער מיטגעפיהל... (באַראַמעאוס געהט היינריכ'ן אַנטקעגען).

היינריך (געהט אַראָב פון וועראַנדע, נעהמט באַראַמעאוס'ס האַנד). איך דאַנק אייך, טייערער באַראַמעאוס... איך ווייס דאָך... איך דאַנק אייך זעהר... (באַראַמעאוס געהט אָב; היינריך געהט פאָרווערטס).

הויזדאָרפער (האָט זיך ערשט אויפגעשטעלט; געהט איהם אַ טריט אַנטקעגען, און ביידע דריקען זיך איינע די אַנדערע די הענד). אַ! דו ביזט שוין דאָ צוריק?

היינריך. יאָ, פריהער, ווי איך האָב גערעכענט. ביי זיך

אין דערהיים איז פּאַרט בעסער.

הויזדאָרפער (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). דו ביזט, הייסט עס, אַוועקגעפאָהרען אין יענעם אָבענד טאַקע?

היינריך. יאָ. איך בין גלייך פון בית=עולם אַוועק אַהיים, האָב אַיינגעפּאַקט די זאַכען און בין אַוועקגעפאָהרען. איך האָב נישט געקענט מעהר אפילו איין נאַכט איבערנעכטיגען אין שטוב.

הויזדאָרפער. איך פערשטעה. וואו ביזטו אייגענטליך געוועזען?

היינריך. פריהער בין איך געפאָהרען קיין זאַלצבורג.

הויזדאָרפער. יאָ?

היינריך. אין דער שטאָדט האָב איך מיך פריהער שטענדיג געפיהלט אַזוי גוט. פאַר מיר איז עס פּשוט אַ טרייסט=שטאָדט.

הויזדאָרפער. אַזוי? זענען דען פערהאַן אַזעלכע שטעדט? דאָס וואָלט דאָך זיין עטוואָס וואונדערבאַרעס.

היינריך. יאָ, ס'זענען פערהאַן אַזעלכע ערטער, ביי געווייסע לעבענס=אומשטענדען, און איך בין געפאָהרען קיין זאַלצבורג נישט איסתם אַזוי אין דער וועלט אַריין... מיר איז אַמאָל אויסגעקומען אַ פערצולעבען אַ סך שווערע אָדער, וועניגסטענס, ביטערע מינוטען: דאָס איז געוועזען מיט זיעבען אָדער אַכט יאָהר צוריק... איהר ווייסט, הערר הויזדאָרפער, ס'איז פאָרגעקומען אַזאַ מין היסטאָריע, אַז איך האָב מיר דאַמאָלס נישט געקענט פאָרשטעלען, ס'זאָלען נאָך ווען ס'איז קומען פאַר מיר גוטע טעג. יאָ, און אָט, דאַן בין איך געפאָהרען קיין זאַלצבורג. און, זעהט איהר, גלייך דעם זעלביגען דורכטאָג, אַרום פאַרנאַכט, נאָכדעם, ווי איך האָב מיך איינער אַליין געשפּאַציערט, אין הערלבורנען, אין פּאַרק, — דאָרט איז פערהאַן אַ גלענצענדער פּאַרק אין ראָקאָקאָ=סטיל, — איז מיר געוואָרען לייכטער, און אויף צומאָרגענס האָב איך מיך אויפגעהאַפּט שוין איינגאַנצען געזונד און בין זאָגאַר אימשטאַנד געוועזען ווידער צו אַרבייטען.

הויזדאָרפער. וואָס רעדסטו?

היינריך. אמת, איך בין דאַמאָלס אַלט געוועזען גאַנצע צוואַנציג יאָהר... און אויסער דעם, איז דאָס געוועזען אים פריהלינג, און דאָס האָט אויך עפּעס צו זאָגען.

הויזדאָרפער. יאָ, אמת, דאָס האָט עפּעס צו זאָגען.

הײנריך. און אַט, דעם איצטיגען מאָל האָב איך נישט געפֿיהלט אפילו די מינדעסטע פֿערלײַכטערונג, פֿערקעהרט נאָך—

הויזדאָרפֿער. הײסט עס, אַז עס זענען פֿערהאַן אַזעלכע פֿעלען, ווען העלבּרונען העלפֿט אויך נישט. ווי לאַנג ביזטו געווען אין זאַלצבּורג?

הײנריך. איך בין אויף צו־מאָרגענס אַוועקגעפֿאָהרען קײן מינכען. איך האָב אויסגערעכענט, אַז די בּילדער פֿון דער אַלטער ריכטונג וועלן מאַכען אויף מיר אַ בּערוהיגענדען אײַנדריק. איך האָב מיך אַוועקגעלאָזען אין פּינאַקאָטעק*), דאָרט אין דער אַלטער, וואו ס'הענגען מײַנע ליעבּלינגען: דיורער און האָלבּײַן. און ווירקליך, דאָרט האָב איך דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ לאַנגער, זעהר לאַנגער צײַט אָבּגעזיפֿצט פֿרײַ. (פּויזע). איהר ערלויבּט דאָך מיר, דאָס איך איבּערצוגעבּען. איך פֿיהל אײַנפֿאַך דאָס בּעדערפֿניש, דאָס אַליץ אויסצודערצעהלען.

הויזדאָרפֿער. בּיטע... מיט פֿערגניגען... (ווערט פֿרײַנד־ליכער און גיט איהם די האַנד).

הײנריך. איך דאַנק אײַך. (זעצט זיך). זעהט איהר, הערר הויזדאָרפֿער, איך האָב אין אַ געוויסער מאָס געליטען דערפֿין, וואָס מיר זענען אין דעם פֿערלויף פֿון די לעצטע יאָהרען געוואָרען... איך קען דאָס אַנדערש נישט אויסדריקען... מיר זענען געוואָרען... עטוואָס מעהר פֿרעמד אײנער דעם אַנדערן...

הויזדאָרפֿער. פֿרעמד?... ווי אַזוי?

הײנריך. יאָ. איך האָב גאַנץ גוט געפֿיהלט, אַז איהר האָט מיך שוין נישט אַזוי שטאַרק ליעבּ, ווי פֿריהער, ווי אין יענער צײַט, ווען איך בּין נאָך אַ יונגעל געווען און האָב מיך דאָ געשפּיעלט, אויף דעם גראָז.

הויזדאָרפֿער. גאָט מײַנער, דאָס איז דאָך שוין געווען מיט אַ לאַנגער צײַט צוריק, מײַן טײַערער. יאָ, און ענדליך ווערסטו דאָך מודה זײַן, אַז דו בּיזט... דאָס הײסט, איך מײַן צו זאָגען... ס'איז דאָך גאַנץ נאַטירליך, וואָס מיר זענען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען יעדערער אין זײַן וועג. דו בּיזט געוואָרען אַ יונגער מענש! דאָ, בּײַ מיר, איז דיר נישט איבּעריג פֿרעהליך געווען. ס'האָט זיך אויסגע־

---

*) בּילדער־זאַמלונג.

בילדעט ביי דיר א נייער קרייז פון בעקאנטע. איך האב דאך דיר אפילו איין מאל אין דעם פערלויף פון דער גאנצער צייט נישט געפרובט א בעמערקונג מאכען... נישט אמת?

היינריך. א, ניין, קיינמאל נישט!... איך האב אייך נאר דאס געוואלט זאגען, אויף ווי ווייט איך בין גראד איצט, נאך דער דאזיגער נישט איינגעגעבענער נסיעה אדער, ריכטיגער געזאגט, נאך דעם דאזיגען אנטלויפען פון דאנען, — אויף ווי ווייט איך האב איצט דערפיהלט, אז מיט קיין מענשען פערבינדען מיך נישט אזעלכע שטארקע בענדער, ווי מיט אייך. ווי האב איך אייך געדארפט דאנקבאר זיין! איך וויים, וואס איהר זענט געווען פאר מיין מוטער!... ווי איהר האט איהר פערבעסערט די לעצטע יאהרען פון איהר לעבען!

הויזדארפער (וועלענדיג איבעררייסען דעם שמועס). יא... יא... דערצעהל־זשע ווייטער. ביזטו, הייסט עס, געווען אין מינכען, אין דער בילדער־גאלעריע... און דארט האסטו געפונען א טרייסט.

היינריך. יא. אזוי לאנג, ווי איך האב מיך געפונען אין די קיהלע זאלען, וואו ס'איז אזוי שטיל... ווי נאר אבער איך בין ארויסגעגאנגען אויפ'ן גאס, האט זיך אלץ געענדיגט. נו, און דערנאך די אבענדען... די אונענדליך־לאנגע אבענדען איינער אליין... איך האב פראבירט ארבייטען, טראכטען... ס'איז אונמעגליך! ס'איז אין מיר כמעט אלץ פערלוירען געגאנגען! (פויזע. ער האט זיך אויפגעשטעלט). און ווי לאנג וועט עס נאך אזוי זיין מיט מיר!

הויזדארפער. יא, דאס מוז זיין שרעקליך, ווען מ'איז אזוי צוגעוועהנט צו א בעשטימטער בעשעפטיגונג...

היינריך. צוגעוועהנט — זאגט איהר? איך האב מיך שוין לאנג אבגעוועהנט. דאס איז דאך די גאנצע זאך; ס'איז שוין צוויי־דריי יאהר, ווי איך בין נישט אימשטאנד צו ארבייטען, עפעס צו שאפען. איהר ווייסט דאך...

הויזדארפער. א, יא, איך וויים...

היינריך. דאס איז דאך אין דער אמת'ן אונמעגליך געווען. צוזעהען כסדר, ווי עס ליידט א טייערעס, ליעבעס וועזען, און וויסען, אז זי איז שוין נאהנט צום טוידט און אז זי אליין פיהלט דאס... א! דאס איז געווען דאס שרעקליכסטע! דעם דא־

זיגען פאַרגעפיהל האָב איך געזעהען אין איהרע אויגען, אין איהר בליק, ווען איך פלעג ביינאַכט זיצען נעבען איהר בעט און איהר וואָס ס'איז פאַרלייענען. (אַ דויערנדע פויזע). איך בין איבערגעפּאַ=רען פון מיין וואוינונג.

ה ו י ז ד אָ ר פ ע ר. יאָ? עס וואָלט זיין צו=גרויס אויך פאַר דיך אַליין.

ה יי נ ר י ך. ניט נאָר דערפאַר אַליין. דאָרט, אין יענעם וואוינונג, וואָלט איך ניט געקענט אפילו איין שורה אָנשרייבען. מיר וואָלט זיך כסדר געדאַכט, אַז איך הער דאָרט יעדער נאַכט פון דעם דערביי׳איגען צימער יענע זיפצען, וועלכע האָבען מיר מיין האַרץ אויף שטיקער צוריסען און אַוועקגענומען פון מיר יעדע פעהיגקייט, יעדע לוסט צו שאַפען, און זאָגאַר יעדע לוסט צום לעבען. אָ! גאָט מיינער! (פויזע). און איהר ווייסט, וואָס דער דאָקטאָר הייסער האָט מיר געזאָגט נאָך דעם לעצטען זונטאָג פאַר איהר טוידט?

ה ו י ז ד אָ ר פ ע ר. וואָס?

ה יי נ ר י ך. אַז זי האָט געקענט אין אַזאַ צושטאַנד אָבלעבען נאָך אַ יאָהר צוויי=דריי.

ה ו י ז ד אָ ר פ ע ר (כמעט אויפשפרינגענדיג). נאָך צוויי=דריי יאָהר? יאָ? (מיט אַ געמאַכטער רוהיגקייט). זי האָט געקענט לעבען נאָך צוויי אָדער דריי יאָהר?

ה יי נ ר י ך. יאָ. און די סאַמע ערגסטע צייט איז איהר נאָך פאַרגעשטאַנען פאָראויס. איהר וואָלט אויסקומען אָהן אַ שום איבער=רייס צו ליעגען אין איהר צימער, זי וואָלט ניט געקענט פערברענ=גען איין מאָל אין וואָך אפילו די עטליכע שעה דאָ אין גאָרטען, וואו זי האָט זיך שטענדיג אַזוי גוט געפיהלט. (וואַרפט אַ בליק אויף דעם פוסטען פאָטעל).

ה ו י ז ד אָ ר פ ע ר. ס'קען זיין, אַז איך וואָלט מיך ווען ס'איז בעשלאָסען, צו פאָהרען איהר בעזוכען?... ווי מיינסטו?...

ה יי נ ר י ך (אַזוי ווי פערשעהמט). איך רעד אַלץ וועגען זיך, מיין געעהרטער העֶרר הויזדאָרפער, און איך בין דאָך פון דעסט=וועגען פאָרט נאָך יונג, און מיך, ווי ניט איז, שטעהט דאָך נאָך פאָר אַ געוויסע צוקונפט פאָראויס. וויפיעל אָבער האָט איהר פערלוירען! אָ!

ה ו י ז ד אָ ר פ ע ר. אַ סך, אַ סך...

הײנריך. איך װײס, װאָס מײַן מוטער איז געװען פאַר אײך. איך האָב עס שטענדיג געװאוסט, אפילו אויך דאַן, װען...

הױזדאָרפער. װען?...

הײנריך. װען איך בין נאָך אַ קינד געװען; װען ער, יענער, װעלכער איז געװען מײַן פאָטער, האָט אונז אַװעקגעװאָרפען.

הױזדאָרפער. יאָ, יאָ.

הײנריך. איך געדענק, אַזױ װי איצט, יענעם טאָג, װען מײַן מוטער האָט מיר געזאָגט, אַז דער פּאַפּאַ איז אַװעקגעפאָהרען אין װײַטע לענדער. און ער איז נישט צוריק געקומען. דאַן האָב איך אַ געװיסע צײַט געגלױבט, אַז ער איז געשטאָרבען און בײַנאַכט פלעג איך אָפט ביטער װײנען. אין אַ קורצע צײַט אַרום אָבער נאָכדעם האָב איך איהם בעגעגענט אין גאַס... מיט יענער, מיט דער אַנדערער, צוליעב װעלכער ער האָט אַװעקגעװאָרפען דער מאַמען. איך האָב זיך בעהאַלטען אין אַ טױער, אום ער זאָל מיך נישט דערזעהען: זײַענדיג אַ קינד נאָך, האָב איך מיך געפיהלט מאָדנע געגען איהם. יאָ, איך האָב פריה פערשטאַנען, אַז מײַן מוטער איז פאָלשטענדיג פרײַ, אָט אַזױ װי ס'איז פרײַ אַן אַלמנה, צום בײַשפיעל.

הױזדאָרפער. הײסט עס, האָסטו אונז, װי ס'שײַנט, מוחל געװען.

הײנריך (עטװאָס בעלײדיגט). ענטשולדיגט, כ'בעט אײך... כ'האָב מיך געװיס אַרױסגעהאַפּט מיט אַ װאָרט. (װידער װאַרעמער). אָבער זאָגט מיר, צי קען מען דען נישט רעדען װעגען פּראָסטע און נאַטירליכע זאַכען מיט אַ פּראָסטער און נאַטירליכער שפּראַך, בעװוּנדערס נאָך איצט, אין אַזאַ מינוט. איך פיהל דאָס בעדערפניש, צו דריקען אײַך די האַנד, װי אַ פאָטער, װײַל איך װײס, װי עס האָט אײַך ליעב געהאַט מײַן מוטער. (ס'װערט כסדר טונקעלער. אויפ'ן גאַס פון יענער זײַט צום צינדט מען אָן די לאַנטערנעס).

הױזדאָרפער. ליעב געהאַט... נו, דאָס װאָלט שוין זײַן צופיעל... אין די יונגערע יאָהרען האָט מען אַלץ אין דער װעלט ליעב... נײן, מיר זענען גוטע פרײַנד געװען, הײנריך, מיר זענען געװען אַלטע לײַט און גוטע פרײַנד אײנער דעם אַנדערן. דו פערשטעהסט עס? אָדער אַזעלכע װערטער זענען פאַר דיר, אין דײַנע יונגע יאָהרען, נישט מעהר, װי פוסטע קלאַנגען? איבריגענס, װי קומט איהר דאָס צו פערשטעהן, איהר, יוגענד, פאַר װעלכע ס'ליעגט נאָך

פאראוים די גאנצע צוקונפט, איהר, פאר וועלכע ס'איז אפען די גאנצע וועלט און בעזונדער נאך אזא מענש, ווי דו, מיט אזעלכע אנשויאונגען. דאס איז קיין וואונדער נישט.

היינריך. איהר האט א טעות, העדר הויזדארפער: איך פערשטעה עס גאנץ גוט. א! ווען איך וואלט נאר געקענט... אומקעהרען אייך צוריק מיין ארעמער מאמען! א, וויפיעל וואלט איך עס איצט געגעבען, אום איהר ווידער צו זעהען, האטש איין אבענד נאר, אט דא, אויף דעם פלאץ!

הויזדארפער. א סך? (מיט א גרויסער ביטערקייט). וואס וואלסטו געגעבען?

היינריך (נישט בעשלאסען). מיר דאכט זיך, אז איך וואלט אוועקגעגעבען... איך וואלט געאפפערט מיט מיין גאנצער צוקונפט, מיט אלץ, וואס איך קאן נאך ערדייכען.

הויזדארפער. האב נישט אויף מיר קיין פעראיבעל, היינריך, — דו אליין גלויבסט עס אויך נישט.

היינריך. ווען איך וואלט זיין אימשטאנד, ווען איך וואלט בעזיצען די מאכט דערצו....

הויזדארפער. דאס איז נישט אמת, היינריך, אפילו אויך דאן, ווען דו וואלסט בעזיעצן די מאכט... א! איך קען דיך! איך קען אייך אלעמען... איך ווייס... וואס איהר זענט.

היינריך. „איהר"? ווער איז דאס דער „איהר"? איך ווייס נישט פאר ועמען, אויסער פאר מיך אליין, מיר וועט אויסקומען אבצוגעבען רעכנונג.

הויזדארפער. דיך וועט פאר קיינעם נישט אויסקומען אבצוגעבען קיין רעכנונג. אויב איך זאג „איהר", ווייס איך גאנץ גוט, וואס איך פערשטעה אונטער דעם ווארט. מיט מיר צוזאמען האט אמאל געדיענט א יונגער מענש, — דאס וועט שוין זיין די מעשה, א יאהר צעהן... ער פלעגט אין דער פרייער צייט ליעב האבען צו שפיעלען... איינמאל האט די האר-געזעלשאפט אויפגעפיהרט זאגאר וואס ס'איז פון זיינע ווערק... דעם דאזיגען קאלעגע מיינעם האט מען גערופען פראנץ טאמאס. ביי איהם איז געשטארבען זיין איינאונציגעס קינד, א שען-ענטוויקעלטער יונג פון א יאהר זיעבען. איך האב איהם געקענט. ער פלעגט אמאל קומען מיט דער מוטער אין ביורא נאכ'ן פאטער. און אט דאס דאזיגע יונגעל שטארבט אב אין

אײן נאַכט פון דיפטעריט און איך גײ אַרײן צו איהם מנחם־אָבל זײן. איך גײ אַרײן, ערשט איך זע... דער פאָטער זיצט בײם פאָרטעפּיאַנע... און... שפּילט... יאָ, שפּילט. דערבײ דאַרף איך נאָך דאָס בעמערקען: אין דעם זעלביגען צימער, אין אַ טרומנע, איז געלעגען דאָס קינד... און ער, דער פאָטער, שפּילט און הערט נישט אויף צו שפּילען אפילו אויך דאַן, ווען איך בין אַרײנגעגאַנגען... ער האָט נאָר אַ שאָקעל געטאָן צו מיר מיט׳ן קאָפּ, און ווען איך בין צוגעגאַנגען נעהנטער און האָב זיך אָבגעשטעלט הינטער איהם, האָט ער מיר אין דער שטיל געזאָגט: הערט, הערר הויזדאָרפער... איך שפּיעל פאַר מײן אָרעמען יונגעל. מיר איז נאָר־וואָס אַרײנגעפאַלען אין קאָפּ די דאָזיגע מעלאָדיע׳. און דאָס טױדטע קינד ליעגט דערבײ אין טרומנע... יאָ. מיר איז פּראָסט אַ שוידער דורכגעלאָפען איבערן לײב.

הײנריך (הערענדיג אויפמערקזאַם און ענדליך מיט דעם געפיהל פון אַ געוויסער בעפריעדיגונג). נו, יאָ. איך פערשטעהע גאַנץ גוט, אַז אַ סך, — און גראָד זעהר גוטע מענשען — שפּירען בײ אַזעלכע צופאַלען אַ מין שרעק.

הויזדאָרפער. שרעק... יאָ. דאָס וואָרט איז טאַקע אַם־מעהרסטען צוגעפּאַסט דערצו.

הײנריך. אָבער זאָגט איהר אַלײן, הערר הויזדאָרפער; צי דאַרף מען דען נישט אײגענטליך מקנא זײן אַזעלכע מענשען, צי דאַרף מען נישט קוקען מיט קנאה אויף יענע מענשען, וועלכע ס׳גיט זיך אַזוי לײכט אײן צו געפינען אַ טרײסט אין זײער טאַלאַנט, אין זײער קונסט; וועלכע בעזיצען, אפשר, די מערקווירדיגע פעהיגקײט, צו פערקערפערן זײער אומגליק אין אַ בעזונדער בילד, אָנשטאָט צו דערטרינקען דעם דאָזיגען אומגליק אין אַ ים פון אומנוצליכע טרערען?

הויזדאָרפער. פערקערפערן? צי קענען זײ דערמיט די טױדטע לעבעדיג מאַכען?

הײנריך. און מיט זײערע טרערען מאַכען זײ דען די טױדטע לעבעדיג? איך זאָג נישט, אַז די פרײד, וואָס מ׳שפּירט אַרבײטענדיג, איז אימשטאַנד אונז צו דיענען אַלס בעלוינונג פאַר דעם פּײן, וואָס מיר לעבען איבער, פערליערענדיג אַ טײערען וועזען. אָבער, נאָך אַלעמען, איז דען די אַרבײט נישט דאָס אײנציגע, וואָס אונז בלײבט? וועט איהר דען נישט, אַזוי ווי פריהער, אַרומאַרבײטען אײער גאָרטען?

און איך, איך וואַרט מיט אונגעדולד אויף יענעם טאָג, ווען איך וועל ווידער, ווי אַמאָל, פעהיג זיין צו שאַפען עפּעס רעכטס. מיר דאַרפען זיך אונטערגעבען דעם אונפערמיידליכען פאַקט.

הויזדאָרפער. דעם אונפערמיידליכען פאקט, יאָ.

היינריך. און דאָס איז געווען אונפערמיידליך.

הויזדאָרפער. ניין, ניין.

היינריך (אַביסעל פערוואונדערט). געוויס. מיט וואָס'רע געדאַנקען פּייניגט איהר זיך? האָט איהר דען אַליין מיט זעקס וואָכען צוריק נישט גערעדט מיט'ן דאָקטאָר? ער האָט דאָן נישט בעהאַלטען פון אייך דעם גאַנצען אמת. אַזוי האָט עס געמוזט זיין.

הויזדאָרפער. אָבער נישט אַזוי געשווינד! נישט איצט.

היינריך. ווי אַזוי קענט איהר עס זאָגען, הערר הויזענדאָרפער? איהר גלויבט דען, אַז אין איהר היילונג איז עפּעס דורכגעלאָזען אָדער פערזעהען געוואָרען?

הויזדאָרפער. אָ, ניין. ענטשולדיגט. ס'איז קיין זאַך נישט דורכגעלאָזען געוואָרען.

היינריך. וועגען וואָס דען האַנדעלט זיך דאָ?

הויזדאָרפער. האָסטו מיר דען אַליין נישט געזאָגט, אַז זי האָט געקענט לעבען נאָך אַ יאָהר צוויי־דריי?

היינריך. יאָ... דאָס... דאָס איז אמת. דער זעלביגער דאָקטאָר אָבער האָט אָנגעוויזען, — ווי אייך איז גוט בעוואוסט— אויך אויף דער מעגליכקייט פון אַ פּלוצלונגען טוידט.

הויזדאָרפער. פון אַ פּלוצלונגען?... יאָ, דאָס איז אמת. (זיך שלאָגענדיג מיט דער דעה, דערנאָך בעשטימט). דאָס אָבער, צי דער דאָזיגער פּלוצלונגער טוידט איז געווען נאַטירליך, — בלייבט נאָך אַ פראַגע.

היינריך (ערשטוינט). וואָס?! פאַרוואָס איז ביי אייך אַזאַ... ניין. איך פערשטעה נישט, וואָס עס ברענגט אייך צו דער השערה, אויף וועלכער ס'איז נישט פאַרהאַן קיין... דער דאָקטאָר וואָלט דאָך עס פון דעסטוועגען בעמערקען.

הויזדאָרפער. פאַרוואָס עפּעס? ס'איז גענוג, דו זאָלסט אויסטרינקען אַ גלעזיל מאָרפיום, און אויף צו־מאָרגענס אין דער פריה וועט מען דיך געפינען אַ טוידטען. די היימישע זענען דאָך שוין צוגעגרייט.

**היינריך.** איהר זאָגט עס עפּעס מיט אַזאַ מאָדנער זיכער־קייט... האָט דען מיין מוטער געזאָגט עטוואָס אַזוינס, וואָס וואָלט גע־קענט דיענען אַלס?...

**הויזדאָרפער.** איך וויים, וואָס איך רעד. איך גלויב, אַז דאָס איז פאַר דיר גענוג.

**היינריך.** קוים האָט איהר מיר אַזוי פיעל געזאָגט, העדר הויזדאָרפער, וועט איהר זיכער געפינען, אַז...

**הויזדאָרפער.** דאָס אַליין וויים איך... פרעג מיך נישט מעהר!

**היינריך.** אַה, יאָ. דער בריעף אויף איהר שרייב־טיש...

**הויזדאָרפער** (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). יאָ. (פּויזע).

**היינריך** (אַ צוטומעלטער). אָט וואָס... יאָ... וואָס אָבער איי־גענטליך וואונדער איך מיך? ווי אָפט האָב איך אין די שרעקליכע נעכט זיך אַליין געפרעגט, — יאָ, איך דערצעהל דאָס אייך אַליין, ריעזיקיערענדיג דערמיט, איך ווידער פאַרצוקומען שרעקליך, — וואָס צווינגט אונז, אָרעמע נפשות, איבערצוטראָגען אַזוי פיעל ליידען, אַזאַ פיין, ווען נאָך אַלעמען ליעגט דאָך פאָרט ביי אונז אין די הענד די מעגליכקייט אין יעדער מינוט צו מאַכען אַ ענדע דערמיט?

**הויזדאָרפער.** היינריך!

**היינריך.** אויב מיין מוטער האָט געטאָן דאָס, וואָס אייך איז, ווי איהר זאָגט, בעוואוסט, האָט זי געהאַנדעלט גאַנץ גוט.

**הויזדאָרפער.** היינריך!

**היינריך.** דאָס איז מיין מיינונג, אַלס עהרליכער מענש.

**הויזדאָרפער.** דו הויבסט דאָך אָבער נישט אָן צו וויסען קיין זאַך, היינריך... דו ווייסט גאָרנישט! זי וואָלט דאָך נאָך ווייטער ליידען און ווייטער לעבען זי וואָלט דאָך נאָך ווייטער ליידען און ווייטער לעבען פאַר מיך און פאַר זיך... לעבען אָט צוליעב די עטליכע שעה דאָ, אין דעם גאָרטען, וואָס איז פול מיט ערינערונגען פון אונזער יוגענד, פון אונזער גליק... נאָר זי איז געשטאָרבען צוליעב דיר... צוליעב דיר, היינריך... דו זאָלסט עס וויסען!... יאָ! צוליעב דיר!

**היינריך** (אַלץ מעהר אויפגערעגט). צוליעב מיר?... צוליעב מיר? איך הויב אייך נישט אָן צו פערשטעהן! צוליעב מיר!... וואָס הייסט עס?

ה ו י ז ד א ר פ ע ר. דו פערשטעהסט עס אין דער אמת'ן נישט? דו קאנסט זיך עס נישט פארשטעלען?... האסטו דען אליין נישט געדרעדט וועגען דעם?

ה י י נ ר י ך. וועגען וואס?

ה ו י ז ד א ר פ ע ר. האסטו דען אליין מיר נישט דערצעהלט, וואס מיט דיר איז פארגעקומען? און דו גלויבסט, אז דיין מאמע האט דאס אלץ נישט בעמערקט?

ה י י נ ר י ך. וואס האט מיין מאמע בעמערקט?

ה ו י ז ד א ר פ ע ר. אז איהר קרענק האט דיך געשטערט אין דיין קאריערע, אז דו האסט נישט געקאנט מעהר ארבייטען, אז דיך האט ארומגענומען א שרעק דערפאר, וואס דיין טאלאנט געהט פער־לוירען, וואס פון דיינע פעהיגקייטען ווערט גארנישט אויף אייביג, וואס דו... זי האט געזעהן... אז דו האסט דיך געפייניגט, אז דו האסט געליטען, אז דו ביזט אויסגעגאנגען פון טאג צו טאג... זי האט אלץ געזעהן, און דעריבער...

ה י י נ ר י ך. נו, דעריבער?! ניין, ניין, דאס איז נישט מעגליך!

ה ו י ז ד א ר פ ע ר. אונמעגליך? זי איז געוועזען דיין מאמע, און דעריבער איז דאס מעגליך געוועזען.

ה י י נ ר י ך. ניין, הערר הויזדארפער, אייער פיין ברענגט אייך צו אזעלכע השערות, וואס לאזען זיך מיט קיין זאך נישט בעגרינדען. איך וויים גאנץ גוט, אז פאר מיין מוטער האט מיין גייסטעס־צו־שטאנד נישט געקאנט בלייבען קיין סוד, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס איך האב מיך די גאנצע צייט געמיהט צו... נאר דאס זאל זיין די סבה פון... ניין, ניין, דאס איז...

ה ו י ז ד א ר פ ע ר. (איהם שארף איבעררייסענדיג). פארוואס גלויבסטו עס מיר נישט? דו מיינסט, אז איך נאר דיך אב? צו וואס זאל איך דאס טהון? אט! (ארויסנעהמענדיג א בריעף פון קעשענע). נא לייען! לייען! דער דאזיגער בריעף איז אנגע־שריבען מיט א קלארען פערשטאנד און א שטארקען זכרון... דאס איז עס דער זעלביגער בריעף, וואס איז געלעגען אויף איהר שרייב־טיש! זי האט איהם אנגעשריבען דעם לעצטען אבענד, און אין א האלבע שעה נאכדעם... נעהם, לייען... דא איז אלץ אנגעשריבען... וויל זי האט געזעהן, ווי דו פייניגסט זיך... ווי דו... דו... דעריבער האט זי פערלאזען די וועלט... פאר דער צייט... דעריבער איז זי געשטארבען!

הײנריך. (דורכלױפענדיג דעם בריעף). אָרעמע! אונגליקליכע מוטער! (לאָזט זיך אַראָב אײנגאַנצען אַ דערשלאָגענער). צוליעב מיר! צוליעב מיר! אָ, גאָט מײַנער! גאָט מײַנער! אַזױ הײסט״עס, איך... אַ אונגליקליכע מוטער! (בעהאַלט דעם קאָפּ אינ׳ם פאָטעיל. הױזדאָרפער קוקט איהם אָן און שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. אַ דויערנדע שװײַגעניש. דערנאָך שטעהט הײנריך אויף). איך געה אַװעק. איך פערשטעה, אַז אײַך איז שװער מיך אָנצוקוקען. נעהמט דעם בריעף! (האַלט איהם נאָך אין האַנד). ער איז געשריעבען געװאָרען מיט׳ן פולען בעװאוסטזײַן און האָט אין זיך אַ סך אמת. יאָ, איצט צװײפעל איך שוין מעהר. (נאָך אַ געװיסער צוריקהאַלטונג). ערלױבט מיר נאָר אײַך אָנצוװײַזען אין איהם דעם אָרט?

הױזדאָרפער. װעלכען?

הײנריך. אָט דעם, װאו מײַן מוטער בעט אײַך... אָט!... (װײַזט מיט׳ן פינגער). „איך בעט דיך“... בעט אײַך, איהר זאָלט מיר נישט איבערגעבען דעם אינהאַלט פון דעם בריעף און מיך לאָזען װײַטער אַזױ לעבען אין מײַן גלױבען, אַז זי איז געשטאָרבען מיט אַ נאַטירליכען טױדט. דער בריעף... ער איז בעשטימט געװען אױסשליעסליך פאַר אײַך, און זיכער נישט פאַר מיר.

הױזדאָרפער. איך בעשטים איהם פאַר דיך! איך בעשטים איהם פאַר דיך! איך ערלױב מיך דאָס צו טהון. יאָ, איך ערלױב זיך. די לעבסט עס איבער.

הײנריך. איהר האָט מיט אײַער האַנדלונג אײנגאַנצען צװעקלאָז געמאַכט דעם דאָזיגען פרײַװיליגען טױדט פון דער פרױ, װאָס האָט איהר לעבען פאַר אַ קרבן געבראַכט. זי האָט נישט געװאָלט, אַז איך זאָל מיך רעכענען פאַר איהר מערדער, אַז איך, פערשאָלטענער, זאָל זיך, װי קין, אַרומשלעפּען איבער דער װעלט. און איהר, קאָן זײַן, װעט אַלײן שפּעטער פיהלען, אַז איהר האָט געהאַנדעלט נישט ריכטיג נישט נאָר אין דער בעציהונג צו מיר, נאָר אױך אין דער בעציהונג צו איהר, און האָט אָבגעטהון אַזאַ פערברעך, װאָס איז כמעט נאָך גרעסער פון דעם, װאָס איך האָב געטהון.

הױזדאָרפער. איך נעהם די פעראַנטװאָרטליכקײַט אױף זיך, הײנריך. איך האָב געקאָנט דיר דאָס זאָגען... יאָ, געקאָנט. דו װעסט נישט לאַנג פיהלען זיך שולדיג... נײן! דו װעסט דיך אױסניכטערן! װעסט דיך אַװעקשטעלען אױף די פיס! װעסט לעבען! שאַפען!

היינריך. איך האָב אַ רעכט אויף דעם!... און אפשר איז עס גאָר מיין פליכט. ווייל מיר בלייבט קיין אַנדער זאַך נישט צו טהון, ווי נעהמען זיך דאָס לעבען, אָדער פּראָבירען דערוויזען, אַז מיין מוטער איז נישט אומזיסט געשטאָרבען.

הויזדאָרפער. היינריך! מיט אַ חודש צוריק האָט נאָך דיין מאַמע געלעבט, און דו קאָנסט איצט אַזוי רעדען? צוליעב דיר איז זי פון דער וועלט געגאַנגען און דו שאָקעלסט אַזוי רוהיג אָב פון זיך דאָס דאָזיגע בעוואוסטזיין און געהסט זיך אַוועק. און אין עטליכע טעג אַרום וועסטו אפשר אויסרעכנען און אויסגעפינען, אַז דאָס איז גאָר געווען איהר פליכט? בין איך דען נישט גערעכט? זענט איהר דען נישט אַלע, איינער ווי דער אַנדערער: איהר זענט בעלי־גאוות, יאָ, אַלע זענט איהר בעלי־גאוות, איהר זענט אי גרויסע אי קליינע. וואָס פאַר אַ צורה האָט דיין גאַנצע שרייבעריי, און אויב אפילו דו ביזט אַ געניע, דער גרעסטער געניע, וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס אים פערגלייך מיט יענע מינוטען, מיט יענע לעבעדיגע מינוטען, ווען דיין מוטער איז געזעסען דאָ, אין דעם פאָטעיל, און האָט גערעדט מיט אונז, אָדער האָט געשוויגען... נאָר איז געווען דאָ, אָט דאָ און האָט געלעבט... געלעבט!

היינריך. לעבעדיגע מינוטען? די דאָזיגע מינוטען, די דאָזיגע שעה'ען, ציהען זיך נישט לענגער פון יענעם לעצטען וועלכער געדענקט זיי. מיטהעלפען דערצו, אַז אַזעלכע מינוטען, אָדער אַזעלכע שעה'ען, זאָלען זיך ציהען אונענדליך, פעראייביגען זיי, — איז דאָס דען נישט גוט? איהר פערשטעהט מיך היינט פאַלש... אייערע ליידען געבען אייך דאָס רעכט אויף דעם. עס וועט אָבער קומען דער פריהלינג, אייער גאָרטען וועט זיך ווידער פונאַנדערבליהען, און אָט, דאַמאָלס וועלען מיר ווידער רעדען... איהר וועט דאָך נאָך לעבען. ער געהט אַוועק הורכ'ן וועראַנדע, פון וואַנען עס ציהט זיך אין גאָרטען אַ ברייטער ליכט־פאַס פון לאָמפּ.

פאָרהאַנג.